לעולם לא אשכח ליל נדודים זה. לעבור את וארשה מן הקצה אל הקצה בתוך רחובות בוערים, בתים מתרסקים, פגרים מושלכים, יללת פצועים ועשן מחניק... וכשאנו מגיעים לגדוד — אין את מי להציל ואת מי לחזק. המבצר, הקסרקטין של הגדוד — עולים באש...

כשעתים נשארנו שם ושימשנו מטרה לרמוני האויב, ולבסוף, כשהפלוגה נצטמצמה רק לשלושה — הקפיטן, סגנו הפורוצ׳ניק ואני — החלטנו לשוב לעמ־דתנו הקודמת.

הדרך בחזרה ארכה לנו יום. הרחובות נשמים. הפצצה בלתי פוסקת. ב„נפילה, קימה וריצה" הגענו לככר שער הברזל, בטבורו של הרובע היהודי. סרנו לבית מרכזי בעל 7 קומות לבקש מחסה לשעה קלה. בבית זה, שהזדעזע בכל רגע מנפץ הפצצות, ושבכל רגע חשבנו שהנה יתמוטט ויקבור אותנו תחתיו, נתקלנו באשה כבת 23—22, שחורה ונאווה וחן מיוחד נסוך על פניה העגומים. על אף המבוכה הכללית השוררת בבית על דייריו, לא נסתמנו בפניה אותות בהלה וכל הליכותיה — כבוד. התוודעה אלינו, בשעת הפצצה דומה כל רגע ליום ושעה לנצח. רק רגעים מספר הכרנוה, וכבר התידדנו. גילתה לנו שהיא יהודיה, ילידת מזריצ׳י. נישאה לבחור מוארשה. בעלה נתגייס למלחמה, והגיעו שמועות שנהרג בסבי־

בות סוחאצ׳ב. היא יצאה בבוקר מבית חותנה לראות מה מצב חנותם בכיכר „שער הברזל" ונוכחה לדעת שמרכושם לא שרד מאומה. עכשיו היא שבה לבית חותנה וחותנתה שברחוב נאלבקי, שלא להשאיר אותם לבדם ברגעי גורל אלה.

במקרה הולכים אנו בכיוון אחד. אנו לוקחים אותה תחת חסותנו, והקבוצה שגדלה לארבעה, ממ־שיכה את דרכה. הליכתנו כקודם — מבית לבית ומשער לשער. בכל בית מבוכה והספד, יללת קרובים ונאקת פצועים. עוברים את הרחובות ז׳ימנה ואלק־טורלנה. ברחוב אורלה ההפצצה ללא נשוא. בבית מס׳ 13 (קרוב למרכז „החלוץ") עוצר בנו העורך־דין קריסה (מצאצאי הפראנקיסטים); „חוסו על נפשכם, הכנסו ולינו הלילה אצלי". אנו מחכים. בערוב היום מתגברת פעולת התותחים. הבית רועד כמו על הר געש. מתכוננים לשכב „לישון", אך „אחותנו לצרה" מוחה. היא איננה יכול להשאר. היא מבינה יפה שאנו במותנו לא נכריע את היטלר, אבל היא מוכרחה להמשיך בדרכה. אם יש צל של ספק שתגיע לבית־חותנה, צריך לנסות. לא תשאיר את הזקנים לבדם. לא יכולנו להשפיע עליה שתשאר, ואני היהודי היחיד בחברה ראיתי חובה להתנדב ללוותה. התנגדה אבל לבסוף הסכימה.

לעולם לא אשכח ליל פלצות זה. חושך. הרחוב ריק מאדם. הבתים, ברובם חרבים למחצה, עומדים קודרים ביגונם לצד המדרכה ומדי פעם בפעם משמי־עים נפץ מפולת. המדרכה, עשויה בורות ושוחין (מפני הטאנקים), זרועה גוויות אדם. מהדומיה עולים פה ושם אנקת פצועים וחרחור גופות רטושים בעוית גסיסה. חוטי החשמלית המתגוללים על הארץ ושברי מכוניות וכרכרות משלימים את התמונה.

דממה הרת־אימים מסביב. רק הסהר הזליף את אורו המכסיף על פני הזועה. פניו המלאים מצטחקים בצחוק שטני. ופתאום מזדעזע הרחוב. רעם כבד של פצצות ושריקה קולנית של רמונים פולחים את האויר. כל כדור מהדהד באלפי הדים, ומבלי משים אתה מרכין את ראשך להמנע מפגיעה. בין רגע מתמלא הרחוב „חיים". נפץ הפצצות מתערבב עם התרסקות הבתים ויללת הפגועים והלהבות מתפרצות השמימה. העשן המחניק וצחנת החריכה ממלאים את האויר.

כך עברנו את רחוב לשנו והגענו לקארמליצקה. להמשיך או להסוג אחור? בדעתי לשוב. בת לוויתי נמלכה בדעתה ופונה אלי: „אדוני! הצדק אתך. אי־אפשר לנו להתקדם עוד. אבל אני חוששת גם לשוב. רב תודות לך על שסיכנת את נפשך בשבילי. כאשר אבדתי אבדתי. כאן בבית זה יש לי ידידה, אכנס אליה ואלון אצלה הלילה. נראה מה יביא לנו יום המחרת. שלום!".

למחרת לפנות בוקר המשכנו דרכנו. בעברנו את רחוב נאלבקי עמדנו באחד הבתים לכבות תבערה. מה נדהמתי לראות את בת לוויתי מאתמול, רטובה ומפויחה, בין ראשוני „הכבאים". היא התנצלה לפני: „כן, רימיתי אותך, ברחוב קארמליצקה אין לי שום חברה. אבל מה מועיל בכך, שגם אותך היו הורגים? אני הייתי מוכרחה לשוב הלילה לבית חמותי והיטבתי לעשות שהמשכתי דרכי. זה כמה שעות שאני מכבה כאן את השריפה. בית זה ובית־החרושת שבתוכו של חותני הם..."

מי פילל אז, בעמדנו בטבורו של הגיטו בעתיד, שזהו רק צעד ראשון במעלה־העקרבים הזה?

בבוא יום השואה רואה אני בעיני רוחי מאות תלמידי ששיכלתי. מספרים הם לי על ביה"ס — ביתם, על חויותיהם הילדותיות ועל התקוה שתלו בהם הוריהם ועמם. והם מתנים בפני את מר גורלם, גורל שסועים ונורים, שרופים ונחנקים. והם מתיפחים בבכיה מחרידה המסמרת שערי ומחלחלת בקרבי.

פולין בשלהי 1945. חזרתי לארץ הרשעה, הרוויה דם יהודי, לא על מנת להשתקע, אלא באורח ארעי. לא היה בכוחי להתחיל הכל מחדש, לחנך שוב דור חדש אחרי האכזבה שנחלנו, אחרי שנואשנו מן האנושות. אבל היה הכרח למלא את צו השעה ולהציל מן הטמיעה והבורות ככל האפשר. קיבלתי עלי את ההוראה בביה"ס העממי והתיכון שע"י הועד היהודי בקראקוב.

בגורלו של שום מורה לא עלה בודאי לחנך קיבוץ של ילדים כה משונה! ילדי גולת סיביר וטאשקנט, הפיונרים והקומסומולים הכופרים ביהדות; ילדי „הצד הארי" שהסתירו אותם במערות ומרתפים ועכשיו יראים הם את צלם, או שנתחנכו בין גויים ובתור גויים ומרגישים את עצמם גויים גמורים;

ילדי מחנה אושביץ שעברו מתחת לחבל הידוע במלאת להם שנת השתים־עשרה (המגיעים לחבל נשלחים לעבודה, ושאינם מגיעים... לגאז), ילדים מ„הצד הארי", שידעו להערים ולהסתיר את מוצאם.

ההפתעה הראשונה היתה לי בשעור לעברית. מיצ'ו בן השבע מסתיר את פניו בכפותיו. — „למה אינך מביט בספר?" — „אני לא רוצה ללמד עברית." — „מדוע?" — „אני לא יהודי. כאשר אגדל אקנה סכין גדול ואשחט את כל היהודים..." הקטן היה בן למשפחה מיוחסת בלמברג. אביו הרוקח הספיק למסור את בנו לבית קתולי, ושם חונך...

יאש בן ה־15 גר מעבר לגיטו וארשה. מהחלון שלו אפשר היה להציץ לגיטו. הוא מספר בהתעוררות על הגיטו הבוער ועל היהודי השב שעלה על הגזוזטרא, התעטף בטלית וב„אחד" קפץ לתוך האש. ומוסיף לתאר בשמחה איך הז'ידקים (היהודונים) קפצו בזה אחר זה לתוך האש... הדם קרש בעורקי לשמע תאור זה.

יותר מחצי שנה עבדתי בביה"ס, ועמלנו להשכיח את העבר הנורא, לטשטש את השוני שבהרכב הילדים, ללכד את החבורה ולהכינם לקראת חיים חדשים ותפקידים חדשים בקרב עם מחודש, והעבודה נשאה פרי.

ביום אחד, כשבוע לפני הפוגרום בקלץ, בא אלי תלמידי האהוב יאש (זה שלגלג על הז'ידים שקפצו לתוך האש) ומגלה לי סוד שהוא רוצה להפרד ממני. הלילה הוא יוצא ביחד עם עוד קבוצת יהודים לא"י. העיקר הוא רק להבריח את הגבול לצ'כיה. משם ואילך כבר ידאגו להם. היערות שעל הגבול אמנם בחזקת סכנה, אבל יהיה טוב...

למחרת מתפשטת השמועה שהלאומנים הפולנים הרגו קבוצת יהודים ע"י הגבול הצ'כי ולפנות ערב מביאים 15 גויות יהודים לביה"ס, וביניהם גם את יאש הקטן...

עצבי שמורטו וחושלו במשך שנים לא עמדו בנסיון והתפקעו הפעם. אל אלהים! עד מתי? מתי תמלא כוס התרעלה? מעלתי בשליחותי ועזבתי את ההוראה. אבל מאז, — תמיד בבוא יום השואה מנקר היתוש במצפוני: היסלחו לי? ואני בעצמי האסלח לי לעולם?

פנקס ריפין



ריפין בעת דער צאַרישער הערשאַפט, אין יאָר 1908

און אזוי זאָלסטו ריידן צום יתום

...און אזוי זאָלסטו ריידן צום יתום,
ווען יענער וועט הייבן פאַרחלשטע פויסטן
און פרעגן: ווער בין איך?

— דיין טאַטע האָט גלייביק פאַרהויבן זיין קאָפּ.
איבער אים איז אַריבער אַ פינצטער געפּלייץ
פון קאָכיקן אַש
און צעשמאָלצענעם שוועבל.
און מיטגעשלעפּט אים,
זיין ווייב,
זיינע קינדער,
שול און בית-עולם.
און מיטגעשלעפּט אויך די פאַרגאַנגענע דורות,
און די, וואָס באַהאַלטן
אין טראַכט פון דער צוקונפט.
ווייל דער, וואָס קומט אום,
דערהרגעט די דורות
וואָס יוירן אין אים
און וואַרטן אויף אויסלייז,
נאָר דו ביסט געבליבן,
ביסטו דער ירשן:
אַ זאָמנדל קדושה אין ווינטישע פינגער
פאַרברעקלט אויף שטיינערדיק-חרובע פעלדער.

אַ טיילכל, וואָס איז
אַ פאַרקלענערטע גאַנצקייט.

און אויב ער וועט פרעגן:
— און ווי איז מיין נאָמען?
ענטפער דעם יתום:
— דיין נאָמען איז פאָלק,
ווייל אזוי האָט געהייסן דיין בערדיקער זיידע
אין אייביקן וואָגל אויף הינטישע וועגן.
און ווייל אין דיין טראָפּן
ראַנגלען זיך וועלטן,
און פעלקער דיך שלאָגנדיק
ווערן געשלאָגן
און פאַלן געבלענדטע
אויף אייגענע שווערדן —
איז וועב אין די נאַכטיקע פרעמדן
דיין פרילינג,
ריין ווי אַ קוואַל
קעגן ליכט פון באַגינען.
ווייל דו ביסט אַ בלוטיקער נס
און אַלצייטיק —

אַ טיילכל, וואָס איז
אַ פאַרקלענערטע גאַנצקייט — — —

און אויב ער וועט פרעגן:
— פאַר וועמען?
איז ענטפער:
— פאַר יענע, וואָס וואָרצלען אַרויס פון דיין האַרץ
און וועלן דעם גייסט פון מיליאָנען
פאַרוואַנדלען
אין אַ וואַרעמער היים
פאַר אַלע יתומים.
פאַר די, וואָס אַליין וועלן קנעטן דעם גורל
נאָך אייגענעם חלום,
נאָך אייגענעם פורעם.
און דו, וואָס דיין נאָמען איז פאָלק,
און דיין פּנים —
אַ חרובע נעסט
אָן פייגל,
אָן טענער, —
קלעטער אַרויף אויף די טרעפּ פון דער נאַכט,
באַגעגן דעם אויפגאַנג
און שריי אים אַנטקעגן:
— רייניק מיך ,זון, אויף דאָס ניי
און זיי מוחל,
אַלץ וואָס איז געווען איז דעם גורלס אַ טעות.
— — — — — — — — — — — — — — — —
כ'וועל צוגרייטן אמתע טעג אַנשטאָט קברים,
כ'וועל אויסבויען אייגענע שטעט מיט מיין אָרעם.
און דאָרטן וועט קומען די אייביקייט ווינען
און טעג וועלן לייכטן אין גילדענע קרוינען!

אברהם סוצקעווער

זכור את אשר עשה לך עמלק!

דער אַלטער זאָג: „זכור את אשר עשה לך עמלק" שרייט צו אונז און וואָרנט:

פֿאַרגעס נישט! זכור!...

אַט דער דאָזיקער אינערלעכער געוויסנס-רוף האָט נישט אויפֿגעהערט צו קלינגען מיט הילכיקן אָפּרוף אין אונזערע הערצער און באַוויגן אונז צום שטעלן די בוך-מצבה אויף דעם ריזיקן קבר פֿון אונזער שטעטל.

אונזער יזכור-בוך נויטיקט זיך נישט אין קיין הקדמות און דערקלערונגען. עס איז די איינציקע מצבה, וועלכע מיר קענען שטעלן פֿאַר די קדושים פֿון אונזער שטעטל, וואָס האָט אויסגעטרונקען דעם כוס התרעלה ביזן דנאָ. כל זמן עס זענען נאָך פֿאַראַן לעבעדיקע עדות איז אונזער הייליקסטער חוב אויפֿצוזאַמלען אַלע מעגלעכע מאַטעריאַלן, אַלץ, וואָס מיר געדענקען, ווייסן און פֿילן וועגן אונזער שטעטל.

מיר זענען נישט קיין פּראָפֿעסיאָנעלע שרייבער, נישט קיין היסטאָריקער. בלויז די אויפֿטרייסלענדיקע יסורים אין אָנבליק פֿון דעם שוידערלעכן אומקום האָבן געעפֿנט אונזערע שטומע ליפּן און געמאַכט זיי רעדעוודיק. יעדע איינציקע פֿאַרצייכענונג, ווען זי איז אַפֿילו געשריבן מיט אַ מילדן שמייכל און לייכטן הומאָר, איז זי דאָך אַן אויסדרוק פֿון קאָנצענטרירטן צער-געפֿיל. דערפֿאַר האָט יעדע שורה, יעדע דערינערונג איר אָרט און ווערט אין דאָזיקן בוך — די מצבה צום אָנדענק פֿון אונזערע נאָענטסטע און טייערסטע.

בלויז געציילטע ריפּינער יידן האָבן זיך געראַטעוועט פֿון נאַצי-רוצחים. עטלעכע בלויז זענען לעבן געבליבן, כדי צו דערציילן פֿון דעם חורבן אין ריפּין. ווי אין צענדליקער און הונדערטער אַנדערע שטעט און שטעטלעך, זענען דאָרט נישטאָ מער קיין יידן. דעריבער האָט עס געדויערט אַזויפֿיל יאָרן נאָך דעם היטלער-מבול ביז מיר האָבן געפֿונען אין זיך דעם מוט אָנצוגאָרטן די לענדן און צונויפֿזאַמלען די כוחות פֿאַר שטעלן אַ דענקמאָל, דאָס יזכור-בוך פֿאַר אונזער שטעטל ריפּין.

עס איז קלאָר און פֿאַרשטענדלעך, אַז אין די מערסטע פֿאַרצייכענונגען און אָפּהאַנדלונגען, וועלכע זענען אַריין אין דאָזיקן בוך, הערט מען דאָס געוויין פֿון אבלים; אין די זכרונות וועט יעדער דערהערן דעם טאָן פֿון הספד און עלעגיע, דעם געיאָמער פֿון גרויליקן חורבן.

טרעפֿן זיך אפשר דאָ און דאָרט איבערחזרונגען פֿון באַשרייבן און דערמאָנען די זעלביקע ענינים, געשעענישן און פּערזאָנען, אָבער איינס דאָס

צווייטע דערגענצט און שאַפט דאָס בילד פונעם לעבנסשטייגער, פון די אַנטוויי־שונגען און דערגרייכונגען. אַלץ צוזאַמען דערציילט וויפיל מיר האָבן פאַרלוירן, ווי גרויס און ממש אומבאַגרייפלעך עס איז דער פאַרלוסט.

עס וויינט דאָס האַרץ אויף די פאַרפייניקטע, פאַרלוירענע, אָבער זייער ליכטיקער אָנדענק פאָדערט פון אונז אַ שטאַרק און געמוטיקט האַרץ. כדי זייער טויט זאָל קריגן אַ תיקון אין אונזער ווייטערדיקן ליכטיקן איבערבוי.

דערציילנדיק וועגן די דאָזיקע געשטאַלטן און טיפּן, זענען אונזערע הערצער דורכגעדרונגען מיט ליבשאַפט און בענקשאַפט צו יענע אַלע, וואָס זענען געווען און זענען מער נישטאָ. רעדנדיק וועגן זיי זעען מיר דאָך אויך די פּנימער פון אונזערע ברידער און שוועסטער, פון די אַלע, וואָס זענען אַ טייל פון אונזער לייב און נשמה.

מיר, וואָס האָבן זוכה געווען אָפּגעראַטעוועט צו ווערן פון דער גרויסער שריפה, האָבן שטענדיק פאַר די אויגן דעם אור־אַלטן געבאָט, וואָס איז געבליבן פאַר אונז אויסגעקריצט מיט אותיות פון פייער און בלוט: „זכור את אשר עשה לך עמלק" — דער עמלק פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

דאָס איז אייגנטלעך די ראָל און באַשטימונג פון דאָזיקן בוך: נישט סתם זכרונות פון דער ווייטער און נאָענטער פאַרגאַנגענהייט, נישט בלויז אַן אָנדענק־ליכט פאַר די לויטערע און הייליקע נשמות, וועלכע זענען אומגעקומען דורך אַלערליי שוידערלעכסטע טויטן. פאַרצייכענענדיק אונזערע זכרונות האָבן מיר געפילט די באַדערפעניש אַרויסצוברענגען די באַזונדערע ליכטיקייט פון די יידישע פאָלקס־מענטשן אין אונזער שטעטל. זאָל עס די קומענדיקע דורות געבן די טיפע אָנונג פון דער אומגעבראַכטער שיינקייט.

מיט געבויגענע קעפּ און פאַרבראָכענע הענט שטייען מיר ביי דעם באַשיידענעם דענקמאָל פאַר אונזער אומגעקומענער יידישער קהילה אין ריפּין. מיר פאַראייניקן זיך מיט דעם הייליקן אָנדענק פון די דערמאָרדעטע קדושים.

הבל על דאבדין ולא משתכחין!

זאָל דאָס יזכור־בוך זיין אַ שטענדיקע דערמאָנונג לדור־דורות, וועלכע וועלן זען אין דאָזיקן בוך אַ דאָקומענט און שפּיגל פון אַ רייך שטייגער־לעבן, וואָס איז מער נישטאָ.

זאָל דאָס געשריי, וואָס גייט אויף פון דאָזיקן בוך, נישט פאַרשטילט ווערן און נישט אויפהערן צו מאָנען ביז דורי־דורות.

די רעדאַקציע.

געזאַנג פון נאָסטאַלגיע און אַ געקלאָג אין שניידיקן צער אויפן פּחדים־דיקן כרת, וואָס איז געקומען אויפן פֿאַרבנרייכן יידישן ישוב אין ריפּין איז דער תוך פון דער אידעע, וואָס האָט אַרויסגעברענגט דעם דאָזיקן געדענק־בוך.

דער יידישער ישוב אין ריפּין האָט דורכגעמאַכט דעם זעלבן שווערן געשיכטלעכן גורל פון גאַנצן פּוילישן יידנטום. נישט געווען קיין איין פּאָליטישע, צי קולטור־געזעלשאַפטלעכע שטרעמונג, וואָס זאָל נישט געפינען איר אָפּשפּיגל־לונג אין ריפּין. באַלד ווי מיר הויבן אָן בלעטערן די אינטערעסאַנטע מאַטעריאַלן ווייעט אויף אונז די אַלט־היימישע אַטמאָספער פון יידישן שטעטל אין פּוילן, און גלייכצייטיק, דאָס באַזונדערע, דאָס ספּעציפיש־אייגנאַרטיקע פון ריפּין, דאָס גרענעץ־שטעטל, וואָס האָט נישט געקוקט אויף די געפאַרן, באַוויזן אָפּצו־היטן דאָס אינטים־כאַראַקטעריסטישסטע און דערהויבענע פון יידישער שבת־יום־טובדיקייט. ווי קליין דאָס שטעטל איז נישט געווען, האָט עס אָבער געהאַט אַ שפע פון קלויזן, חסידים־שטיבלעך און אַלערליי געזעלשאַפטלעכע אינסטי־טוציעס און אין האַרצן פון יעדן ייד איז געווען אַ פונק פון גאָט, פון חסידות, אַמאָל נגלה און אַמאָל נסתר.

וועגן דעם אַלעם ווערט דאָ, אין דאָזיקן יזכור־בוך דערמאָנט. דער סוביעק־טיווער עלעמענט, דאָס אַליין־דורכגעלעבטע און ממילא דער ספּעציפישער אופן פון זען געשעענישן — ליגן אַ חותם אויף די אַלע שילדערונגען פון די ריפּינער יידן און זענען גורם, אַז זיי פּרעטענדירן נישט צו זיין אַלץ־אויסשעפּנדיק און צו פאַרענטפערן אַלע פּראָבלעמען, וועלכע שווימען אַרויס אין די באַזונדערע תקופות.

בלויז די אַרבעטן פון הרב יצחק ידידיה פרנקל, פּראָפעסאָר יעקב טלמון, ד״ר מ. געלבאַר און י. רונן, זענען וויסנשאַפטלעכע פאַרמעסטן צו געפינען דעם סינטעז אין די געזעלשאַפטלעכע און עקאָנאָמישע אַנטוויקלונגס־פּראָצעסן פון יידישן ישוב אין ריפּין. אין אַלע אַנדערע אַרבעטן, וואָס גייען אַריין אין דאָזיקן בוך, פעלט יעדע טענדענץ פון אַנאַליזירן די פאַקטן און געשעענישן. דאָס זענען זכרונות, וואַרעם און איינפאַך איבערגעגעבן. וויכטיק איז דאָ די באַהאַ־ונטקייט פון די מענטשן אין אַלע ענינים, וועגן וועלכע זיי רעדן. זיי וואַרטן אָבער אויף וויכטיקע וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען, וועלכע דאַרפן ערשט סינטעטיש און גרונטיק באַאַרבעטן די אַרויסגעברענגטע פּראָבלעמען. אַ שיינער און וויכטיקער פאַרמעסט איז די אַרבעט פון הרב יצחק־ידידיה פרנקל, וואָס צייכנט זיך אויס מיט דער דורכדרינגלעכקייט ביים אָפּשאַצן דאָס חסידישע לעבן אין ריפּין.

די זכרונות וועגן די ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס ווערן דערציילט מיט פיל ליבשאַפט און באַגייסטערונג. זיי קאָנען זיין נוציק נישט נאָר ביים שטודיום פון שטעטל, נאָר אויך ביים שטודירן בכלל די ציוניסטישע באַוועגונג אין פוילן.

די אָפּטיילונג פון שטייגער און פאָלקלאָר איז אַ זאַמלונג פון שיינקייט און פּאַטעטיק, וואָס גייט אויף פונעם געראַנגל פאַר אייגן יידיש לעבן.

וויכטיקע פּאָזיציעס זענען די גביות־עדות פון די דורך אַ נס לעבנגעבליבענע, וועלכע שילדערן מיט סוביעקטיווער קלאָרקייט דעם גאַנצן פאַרלויף פון אומקום פון די יידן אין ריפּין.

פון די חורבן־מאַטעריאַלן איז צו זען, אַז די דייטשן איז דאָ אין גאָר אַ קליינער מאָס געלונגען צו דערפירן צו פולשטענדיקער מאָראַלישער פאַרניכטונג. עס זענען אין ריפּין נישט געווען קיין סצענעס פון יידישער אַכזריות, פון גנבה און גזלה, פון גלייכגילטיקייט צו די ליידן פון ברודער. עס איז אויך נישט געווען קיין איין פאַל פון זעלבסטמאָרד.

עס פילט זיך אין די אַרבעטן די אַחריות פון די באַזונדערע מענטשן ביים אַרויסברענגען די פאַקטן פון דער פאַרגעסנקייט.

אַלס גאַנצעס שטעלט עס מיט זיך פאָר אַ וויכטיקע און ווערטפולע מאַטעריאַלן־זאַמלונג, וועלכע וועט דעם קינפטיקן היסטאָריקער דינען ווי אַ יסוד פאַר זיינע פאָרשונגען, און ווי אַ מקור צו שאַפן מאַטעריאַלן פאַר באַלויכטן יענע גרונטיקע פּראָבלעמען, וואָס וואַרטן נאָך אויף אַ פולשטענדיקן קלאָרן ענטפער.

די שילדערונגען פון די דאָזיקע פּשוטע מענטשן שאַפן אַ בילד פונעם לעבן און אומקום פון דער יידישער באַפעלקערונג אין ריפּין. דער היסטאָריקער וועט קענען לערנען פון זיי דעם לעבנס־שטייגער, דעם געראַנגל פאַר עקזיסטענץ, פאַר אייגן יידיש לעבן, וואָס עס האָבן געפירט די ריפּינער יידן. די צוזאַמענשטעלן פון פאַקטן און ציפערן גיבן אַן אָנונג וועגן דער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, וואָס איז דאָרט געפירט געוואָרן מצד אַלערליי פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס. ער וועט דאָ געפינען די געוואַלטיקע וויטאַליטעט, דעם גרויסן ווילן צו לעבן און אויסדויער, וואָס האָט געלעבט סיי אין די רואיקע צייטן, סיי אין די ערגסטע באַדינגונגען פון רדיפות.

כאַראַקטעריסטיש פאַר די אַלע שילדערונגען, אַפילו פאַר דעם מער טרוקענעם דאָקומענטאַרן מאַטעריאַל, איז די וואַרעמקייט, מיט וועלכער עס ווערט איבערגעגעבן און די האַרציקע פּשוטקייט, וואָס אַנטפּלעקט זיך פאַר אונז. עס איז די וואַרעמקייט און פּשוטקייט פונעם ריפּינער ייד, וועלכע ער היט אָפּ אויך אין ישראל, אין די וויטסטע מקומות, ביזן היינטיקן טאָג.

שמעון קאַנץ

ג ע ש י כ ט ע

ז כ ר ו נ ו ת

ג ע ש ט א ל ט ן

אין שטילקייט ביי הזכרת־נשמות

די ווערטער פון די ליפן אונדזערע שטילע, שטילע
אַזוי בלהשדיק גייט אויף אין לופט די תפילה.
מיר זענען די הייליקע פלאַמען,
פון חרובדיקן און אַפגעווישטן ישוב.
זעט, זעט — סאַר אַ ווונדערלעכער כשוף!
די חורבות אונזערע ליגן שוין פאַרקילטע,
נאָר נישט פאַרלאָשענע, נישט איינגעשטילטע,
ציען זיך און שלענגלען די פלאַמען,
נישט איינצוהאַלטן זיי און נישט צו צוימען!

ד״ר געלבאַר / צו דער געשיכטע פון יידן אין ריפין

די שטאָט ריפין איז באַקאַנט אַלס איינער פון די עלטסטע ישובים אין פוילן. אַמאָל, אין דער פאַר קריסטלעכער תקופה איז דער שטח פון ריפין געווען באַדעקט מיט גרויסע וועלדער, אַרומגערינגלט מיט טאָלן און צענדליקער אָזערעס, מיט טייכן, קוואַלן און אויך זומפן.

אויף די דאָזיקע שטחים האָבן זיך באַזעצט די איינוווינער פון מאָזאָוושע, קויאַווא און פּאָמערן. די דאָזיקע סלאַווישע איינוווינער האָט געצויגן אַהין די גרויסע שפע פון פיש, חיות און פרוכטבאַרע ערד.

מיט דער צייט איז דער דאָזיקער שטח פון סטאַרא־ריפין געוואָרן אַלץ געדיכטער באַזעצט און עס איז אַנטשטאַנען אַ גרעסערער ישוב, וועלכן מען האָט גערופן ריפינא. לויט אייניקע פאָרשער שטאַמט דער נאָמען פונעם לאַטייניש וואָרט ריפּא, וואָס מיינט ברעג. דאָס איז דערפאַר וואָס די שטאָט געפינט זיך אויפן ברעג טייך. אַזאַ טייכל האָט ווירקלעך געשטראָמט אין סטאַרא ריפין. אַנדערע פאָרשער האַלטן, אַז עס איז געווען אַזאַ גראַף, וועלכער האָט געהייסן ריפּא און ער האָט עס געשיקט מענטשן צו באַזעצן דאָס דאָזיקע אָרט, וואָס איז מיט דער צייט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פעסטונג קעגן די פרייסישע אָנגריפן.

אין יאָר 1065 האָט דער קעניג באָלעסלאַוו שמיאַלי אין אַ דאָקומענט צום בענעדיקטישן קלויסטער פעסטגעשטעלט אַז די פעסטונג־שטאָט ריפין איז פאַרפליכטעט צו נעמען איר שטייער אַ ניינטל פון יעדער בהמה און אַנדערע שטייערן. אינעם זעלבן דאָקומענט ווערט אויך דערמאָנט, אַז אין שטאָט זענען פאָרגעקומען יאַרידים און עס האָבן זיך דאָרט געפונען: אַ שענק, צוויי מילן, האַנטווערקער און אויך אַ פּאַלאַץ מיט אַ באָד.

די שטאָט האָט אין יענע צייטן דורכגעמאַכט פאַרשידענע אומוואַנדלונגען און איבערגעאַנגען פון הערשער צו הערשער. אין יאָר 1349 איז דער שטאָט דערלויבט געוואָרן צו בויען מילן ביים טייך ריפּיאַניצאַ. די שטאָט האָט זיך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען, אָבער די שטייערן פון דעמאָלטדיקן פירסט וולאַדיסלאַוו אפּאָלסקי האָבן געשטערט דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג. שפּעטער זענען די קרייציגלער עטלעכע מאָל אָנגעפאַלן אויף דער שטאָט און אין יאָר 1391 זי דעראָבערט און אונטערגעצונדן. ערשט דער פוילישער זיג ביי גרונוואַלד האָט ענדלעך אַ סוף געמאַכט צו דער אָקופּאַציע. די שטאָט איז אָבער געווען פּולשטענדיק פאַרניכטעט און האָט זיך געפונען אין אַזאַ שלעכטן מצב אַן ערך 100 יאָר. ערשט אין יאָר 1525 האָט דער קעניג זיגמונט דער ערשטער געגעבן דער שטאָט אַ צאָל פּריווילעגיעס, וועלכע האָבן געהאָלפן זי אַנטוויקלען און פאַרגרעסערן די צאָל איינוווינער. אין שטאָט האָבן זיך דעמאָלט געפינען דרייסיק הייזער און דער פאָרשריט איז צוגעגאַנגען זייער לאַנגזאַם.

אַ ראַדיקאַלער ווענד איז פאָרגעקומען ערשט אין די צייטן פון קעניג זיגמונט אויגוסט, לויט וועמענס איניציאַטיוו עס זענען צוריק אויפגעשטעלט געוואָרן די מויערן פון דער שטאָט. עס זענען פאַרגרעסערט געוואָרן די צאָל גיטער און דערמיט די הכנסות. די שטאָט איז באַשטימט געוואָרן אַלס סטאַראָסטווע מיט אַ קאַשטעלאַן בראש.

אין 17־טן יאָרהונדערט זענען שוין דאָרט פאָרגעקומען די באַקאַנטע גרויסע יאַרידים, וועלכע האָבן געגעבן אַ באַדייטנדיקן צושטייער צום וווקס און אַנטוויקלונג פון דער שטאָט.

נאָך דער צעטיילונג פון פוילן איז ריפין אַרונטערגעפאַלן דער פרייסישער הערשאַפט. אין יאָר 1789 זענען אין שטאָט געווען 72 הייזער און 250 איינוווינער. צום ראַיאָן ריפין האָבן געהערט 112 ישובים.

אין יאָר 1807 האָט די שטאָט געליטן פון דער פרייסיש־פראַנצויזישער מלחמה. זי איז צעשטערט געוואָרן דורך די פאַרביימאַרשירנדיקע אַרמייען. ערשט

אין די צייטן פון פוילישן קעניגרייך האָט זיך די לאַגע פאַרבעסערט און די שטאָט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ באַקאַנטן האנדלס צענטער. אין 19־טן יאָרהונ־דערט זענען דאָרט געשאַפן געוואָרן געזעלשאַפטלעכע און דערציִערישע אנשטאַלטן און אויך פאַבריקן.

אין יאָר 1808 האָט די שטאָט געציילט 405 איינוווי־נער. אין יאָר 1827 — 1427 איינוווינער, אין יאָר 1830 — 1619 איינוווינער. אין יאָר 1838 האָט אין שטאָט עקזיסטירט אַ גרונטיקע שול פאַר ייִנגלעך.

דעם 27־טן סעפטעמבער 1857 איז אין שטאָט אויס־געבראָכן אַ שריפה און עס זענען פאַרברענט געוואָרן 89 הייזער. 208 משפחות זענען געבליבן אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ.

דער אויפשטאַנד פון יאָר 1863 האָט איבערגעלאָזט באַזונדערע שפורן אויך אויף ריפּין.

אין דער געגנט פון ריפּין האָבן זיך, אונטער דער אָנפירונג פון וואַלעריאַן אַסטראָווסקי, אָרגאַניזירט פּוי־לישע קעמפער־אָפּטיילונגען אין דער צאָל פון 800 מאַן. דעם 4 פעברואַר 1863 האָבן זיי אָנגעגריפן דאָס רוסישע מיליטער אין שטאָט. האָבן עטלעכע טעג דאָרט גע־הערשט און באַלד געמוזט זיך צוריקציען. פאַרשטייט זיך, אַז די רוסן האָבן זיך ביטער נוקם געווען אין די איינוווינער און פאַרשאַפט זיי שווערע ליידן.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט ריפּין דורכגע־מאַכט אַן אינטענסיווע אַנטוויקלונג. אין די ניינציקער יאָרן זענען שוין דאָרט געווען עטלעכע פאַבריקן מיט אַ גרויסער צאָל אַרבעטער, בראַנפן־ און ביר־ברויע־רייען, מעכאַניזירטע מילן און 684 וואַרשטאַטן.

דער ייִדישער ישוב

מען קען נישט פעסטשטעלן די גענויע דאַטע פון דער אַנטשטייאונג פונעם ייִדישן ישוב אין ריפּין. עס איז באַקאַנט, אַז שוין אין 17טן יאָרהונדערט האָבן דאָרט געוווינט ייִדן.

אין דער תקופה, ווען די פוילישע שטעט האָבן גע־פירט אַ קאַמף קעגן ייִדן, געפאָדערט דאָס באַגרענעצן און ליקווידירן זייערע רעכט צו באַזעצן זיך און פאַר־נעמען זיך מיט האַנדל און האַנטווערקעריי, האָט דווקא די ריפּינער שטאָט־פאַרוואַלטונג באַמיט זיך צוצוציען ייִדן און פאַרזיכערט זיי סטאַבילע בירגער־רעכט.

אין יאָר 1779 האָט די שטאָט פאַרוואַלטונג אַרויס־געגעבן אַ ספּעציעלע אינסטרוקציע, וואָס איז באַשטע־טיקט געוואָרן דורכן קעניג. אין איר ווערט געזאָגט, אַז מיט דער איינשטימונג פון אַלע שטאָטישע אָרגאַ־נען איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס, אַז עס איז געווונטשן צו אָנערקענען די ייִדישע איינוווינער אַלס בירגער פון שטאָט מיט גלייכע רעכט פאַר זיי און זייערע יורשים.

ייִדן האָבן דעמאָלט באַקומען אַ ספּעציעלן קוואַר־טאַל, די טאַרגאָווע גאַס. עס איז דעמאָלט אויפגע־שטעלט געוואָרן אַ בית־המדרש, אין וועלכן עס האָבן זיך געפונען 5 ספרי תורהס און אַ צאָל ספרים.

די ייִדישע קהילה האָט געהאַט איר אייגענעם בית־עלמין. עס איז אָנגענומען, אַז ער עקזיסטירט נאָך פון 18־טן יאָרהונדערט. עס ווערט דערציילט אַז עס האָבן זיך דאָרט געפונען קברים פון גדולים, אָבער זייערע נעמען זענען אומבאַקאַנט.

אין דער צייט פון דער פּרייסישער הערשאַפט זענען באַגרענעצט געוואָרן די רעכט פון די ייִדן און עס זענען אויף זיי אַרויפגעלייגט געוואָרן נייע שטייערן. אויך אין דער שפּעטערדיקער תקופה פון וואַרשעווער פירסטנטום האָבן די ייִדן אין ריפּין געליטן פון שווערן שטייערן־יאָך. דער שווערסטער איז געווען דער שטייער אויף כשר פלייש. דאָך האָבן אין יענער צייט ייִדן גענומען אַן אָנגעזעענעם אָנטייל אין דער אַנטוויקלונג פון דער שטאָט און אַרום איר.

די נאָענטקייט צו דער דייטשער גרענעץ און די האַנדלס באַציאונגען פון די אָרטיקע ייִדן מיט דייטשלאַנד האָבן געהאַט אַ באַדייטנדיקן איינפלוס אויף דעם קולטורעלן קאָלאָריט פון ייִדישן סוחרים־שיכט. עס האָט דאָרט פרי אַריינגעדרונגען דער השכלה־שטראָם.

אין די פופציקער—זיבעציקער יאָרן פון 19־טן יאָרהונדערט איז אין ריפּין געווען רב ר׳ נחום מנשה גוטנטאַג, וועלכער איז געווען אַ גרויסער למדן, האָט באַהערשט רוסיש, פויליש און דייטש און געווען באַהאַוונט אין אַלגעמיינע וויסנשאַפטן. ער איז גע־שטאַנען אין פריינטלעכע באַציאונגען מיט די אָנפי־

רער פון דער פוילישער באַפעלקערונג. ווען עס איז אויסגעבראָכן דער אויפשטאַנד אין יאָר 1863 איז ער ארויסגעטרעטן פאַר דער פוילישער באַפעל־קערונג מיט פלאַמיקע רעדעס אין דער פוילישער שפּראַך און גערופן אונטערצושטיצן דעם אויפ־שטאַנד.

אין 19־טן יאָרהונדערט איז דער יידישער ישוב געוואַקסן פון 315 נפשות (אויף 405 איינוואוינער) אין יאָר 1808, אויף 731 (1855 איינוואוינער) אין יאָר 1827, אויף 1054 (2272 איינוואוינער) אין יאָר 1857.

לויט דער סטאַטיסטיק פון יאַן בלאָך, וועלכער גיט איבער באַלערנדיק מאַטעריאַל וועגן אַנטייל פון די יידן אין עקאָנאָמישן לעבן אין פוילן, זענען אין ריפּינער ראַיאָן, וואָס האָט אין יענע יאָרן געהערט צו דער פלאָצקער גובערניע געווען:

3410 איינוואוינער, פון זיי 1254 קריסטן, 1156 יידן. אין יאָר 1897 זענען אין ריפּינער ראַיאָן געווען 4367 יידן. אין ריפּין גופא זענען אויף 4735 איינ־וווינער געווען 1706 יידן, וועלכע האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט 36 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג.

לויטן באַריכט פון דער דזשאָינט־קאָמיסיע וועלכע האָט אָנגעהויבן איר טעטיקייט באַלד נאָכן סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָבן אין יאָר 1918 זיך געפונען אין ריפּין 3300 יידן אויף 9000 איינ־וווינער. צווישן זיי זענען געווען 500 יידן־פּליטים אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ.

ביי דער ערשטער פוילישער ציילונג אין יאָר 1920 האָבן אין ריפּינער ראַיאָן זיך געפונען 5258 יידן. אין ריפּין אליין האָבן אויף 7234 איינוווינער זיך געפונען 2791 יידן (38.6%).

אין די יאָרן 1929—1939 האָבן יידן גענומען אָן אַקטיוון אָנטייל אין געזעלשאַפטלעכן לעבן פון דער שטאָט.

אין יענע יאָרן זענען צום שטאָט־ראַט אויסגעוויילט געוואָרן פאָלגנדיקע יידישע פאָרשטייער: בצלאל שטענצעל, שלמה שטענצעל, שמואל פסח גורמאַן, לוקסענבורג, שמעון בראון, באַרנשטיין, מיכאל לעווי, יצחק בראון, ד״ר בראַנז.

אַלע זענען אומגעקומען דורך די נאַציס אין די יאָרן 1939—1941.

הרב יצחק ידידיה פרנקל /


חסידים, אנשי־מעשה, פּשוטע און האַרציקע ייִדן

אָן שום ספק איז עס נישט נאָר אַ מצוה, נאָר אויך אַ נאַציאָנאַלע פֿליכט צו דערציילן דעם דור און די קומענדיקע דורות די זכרונות פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט, זיי זאָלן דערקענען די קוואַלן, פֿון וועלכע מיר האָבן געטרונקען און געשעפּט אונדזערע לעבנס־קרעפֿטן און די וואָרצלען פֿון וועלכע עס זענען אַרויסגעוואַקסן אַזעלכע ביימער און עס האָבן אַרויסגעשפּראָצט אַזעלכע צווייגן, וואָס האָבן אַרויסגעגעבן אַזעלכע פּרוכטן.. דאָס מוז געזאָגט ווערן קלאָר און גענוי ווי אַ פֿאָרוואָרט צו דער גאַנצער פּרשה וואָס הייסט ר י פּ י ן!

צו וועלכן קאַפּיטל איר זאָלט זיך נישט צורירן אין דעם ספר מוז דער לייענער וויסן, אַז עס האָט זיך נישט גענומען פֿון דער לופֿטן. מיר זענען אַ פֿאָלק מיט אַ גרויסער פֿאַרגאַנגענהייט און אויב מיר עקזיסטירן און לעבן טראָץ אַלע גזירות, שחיטות, פּאָגראָמען און אַלערליי אויסראָטונגען, איז עס נאָר מיטן כוח פֿון דער דאָזיקער גרויסער פֿאַרגאַנגענהייט. פֿון איר האָבן מיר געשעפּט דעם עקשנותדיקן אויסדויער. אַזוי האָט כביכול געזאָגט אין דער גרויזאַמער תוכחה, וואָס איז אַזוי טראַגיש מקוים געוואָרן אין אונדזערע צייטן: „ואף גם זאת בהיותם בארץ אויביהם — לא מאסתים ולא געלתים לכלותם להפר בריתי אתם. וזכרתי ל ה ם ב ר י ת ר א ש ו נ י ם".

דער כלל פֿאַרפֿליכטעט אויך אונדז, ריפּינער, צו דערציילן די קומענדיקע דורות ווער עס זענען געווען אונדזערע „ראשונים". — דער גרויסער נאַציאָנאַלער דיכטער האָט שוין געזאָגט „אם לא תדעי לך המעין ממנו שאבנו כוחנו — אל בית המדרש לך, שם בית היוצר לנשמת האומה".

„בית המדרש" — אָט די בית־המדרש־ייִדן מיט די געבויגענע פּלייצעס און אויפֿגעהויבענע קעפּ, צעבראָכענע גופֿים און גאַנצע נשמות, די בית־המדרש־ און תהלים־ייִדן, מיט זייער ערנסטקייט און מידות טובות, מיט זייער פּשוט ייִדישער גוטהאַרציקייט, קעגנזייטיקער אַחריות און זאָרג פֿאַר יתומים און קראַנקע, פֿאַר אָרעמע כלות און פֿאַר יעדן געפֿאַלענעם און נויט־באַדערפֿטיקן, די בית־המדרש־בחורים מיט די פֿאַרבענקטע גמרא־ניגונים און חלומות וועגן קומענדיקע גוטע צייטן, חלומות פֿון גאולה, פֿון צוריקקערן אַהיים קיין ציון; שבת־און יום־טוב־ייִדן און וואָכעדיקע האָרעפּאַשנע ייִדן — אָט די האָבן אויסגעטראָגן אויף זייערע פּלייצעס די שווערע ביטערע גלותן אין משך פֿון צוויי טויזנט יאָר, און איינגעוויגט זייערע קינדער מיט דער מאַמעס לידל, וועגן ייִדישע האָפֿענונגען פֿון תורה און גדולה, און זיי דערצויגן צו העכערס, צו


אל כבוד ראשי הקהלה

פה

„תקון-הספרים" של „בית-מדרשנו" הגדול כבר אפס ... [illegible]

תעודתו הגדולה לקהלתינו. השנים האחרונות באו לידי כך

שנקרעו רוב הספרים, ולא יכולנו לתקן אותם מפני שחסרו

לנו האמצעים. [illegible]

[illegible] 2000 [illegible]

אַ תעודת־כבוד פון אָרגאַניזירטע בחורים, בית־המדרש־לערנערס אין יאָר 1920

גרעסערע, צו דעם געגאַרטן טאָג, וואָס דאַרף קומען. און דאַן וועט איר אָפּ־טרייסלען פון זיך אַלדאָס קליינלעכע, וואָכעדיקע און נידריקע פון דער ערדישער עקזיסטענץ, „ווי אַ הון, וואָס זיצט אין זאַמד און שטויב און פּלוצלונג הויבט זי זיך אויף און דאַן צעשפּרייט זי די פליגל און טרייסלט זיך אָפּ פון דעם שטויב, וואָס האָט זיך צוגעקלעבט די גאַנצע צייט". (מדרש רבה).

דעם לעבן פון בית המדרש האָט אָבער אָפּט געפעלט לעבנס־פרייד, וואָס דער גלות איז פינצטערער געוואָרן אַלץ מער איז דער תשעה באב־גייסט אויף דער יידישער גאַס געוואָרן אַ שטענדיקער תושב. דער למדן, דער בעל־מוח האָט זיך אַלץ מער פאַרשלאָסן אין זיינע ד' אמות פון אביי ורבא, אין די גרויסע שולחן ערוך'ס פון לעמבערגער דרוק מיט אייזערנע שלעסער. דער פשוטער ייד, וואָס איז געקומען שטענדיק אין באַרירונג מיט די פּויערים און פּויערטעס, האָט געזוכט אַ ביסל וואַרעמקייט, וואָס זאָל אים דערוואַרעמען די נשמה, און נישט געפונענדיק עס, איז ער נאָך מער פאַרכמורעט און פאַרביטערט געוואָרן.

דער מיטל־קלאַס, פון סוחרים און בעלי־בתים, זייענדיק ווייט פוןביידע עקסטרעמען, האָט זיך אָנגעפאַנגען אַסימילירן, שיקן די קינדער אין גוישע שולן, אין הויך־שולן, רעדן אין שטוב פויליש, כדי צו באַווייזן זיין פאָרגע־שריטנקייט און פראָגרעס. דער פרומער ייד האָט דערויף טיף אין האַרצן געוויימיקט און געליטן.

אָט אין דער תשעה באב־שטימונג איז דערשינען ווי אַ ליכטיקע זון די באַוועגונג פון חסידות. מיט שמחה און פרייד האָט זי פאַרפלייצט די יידישע גאַס, מיטשלעפנדיק מיט זיך יידן פון אַלע דריי סאָרטן. דעם פשוטן ייד איז וואַרעם געוואָרן אין זיינע מידע ביינער, ער האָט געעפנט די אויגן און גענומען אַנדערש קוקן אויף זיך אַליין. אין זיין דערשלאָגנקייט האָט ער געפלעגט טראַכטן:

„איך האָב געמיינט אַז איך בין גאָרנישט ווערט, און איך האָב גאָרנישט צו דערוואַרטן אויף דער וועלט, אַז איך בין אַן איבעריק באַשעפעניש". חסידות זאָגט, אַז דער פשוטסטער ייד קאָן מיט אַן ערלעכן קרעכץ אויפברעכן די תפילה־טויערן, מער ווי איינער וואָס דאַוונט מיט די כוונות פון אר"י... דער בעל־עגלה, וואָס פאָרט אויף אַ פאַרשנייטן וועג און כאַפט זיך פלוצלונג: „אוי, איך האָב נאָך נישט געדאַוונט קיין מנחה"! שטעלט זיך אין מיטן וועג דאַוונען, האַלטנדיק די פערד־לייצן אין דער האַנט — די מנחה מאַכט מער רושם אין הימל ווי די תפילה פון מלאכים...

דעם למדן האָט חסידות געזאָגט: דיין בית־המדרש איז פול מיט תורה, ווייל אויב דו לערנסט כדי צו גרויסן זיך דערמיט איבער אַנדערע, גייט די תורה נישט אַרויף אין הימל, זי בלייבט אין בית־המדרש! „תורה בלא דחילו ורחימו לא סלקא לעילא", תורה מיט וואַרעמקייט אין האַרץ, נישט בלויז מיט מוח. מיט התלהבות און לעבעדיקייט, מיט עניוות און חמימות! אָט דאָס איז דער תוכן.

און צווישן די ביידע איז מיטגעשלעפט געוואָרן אין דעם חסידישן קרייז אויך דער פאָרגעשריטענער באַלעבאַטישער עולם. עפּעס איז מען געוואָרן נענטער, היימישער. עס זענען איינגעפאַלן מחיצות און געקינצלטע שטרויכלונ־גען, ביי שמחת בית השואבה האָבן געטאַנצט „חסידים ואנשי מעשה ואבוקות של אור בידיהם", נישט קיין פלאַקערס פון פ י י ע ר וואָס ברענען און פאַר־ברענען, נאָר פלאַקערס פון ל י כ ט.

חסידים ואנשי מעשה האָבן אויך קיין ריפין געבראַכט פלאַקערס פון ליכט.

דער שרייבער פון די שורות האָט פערזענלעך געקענט די לעצטע פונעם דור חסידים אין ריפין, אָבער וועגן אַ סך פון די פריערדיקע דורות האָב איך געהערט און דאָס וויל איך זאָל פאַראייביקט ווערן לדורות עולם. זאָל מען וויסן פון וואַנען עס האָט זיך גענומען דער כוח פון מסירת נפש, דער כוח פון אמונה און קידוש השם, פון זינגען „אַני מאמין" גייענדיק אין די גאַז־קאַמערן; גלויבן און ווידער גלויבן , און אַלץ אויפנעמען מיט ליבע און האָפענונג.

ריפּין איז אין דעם זינען געווען אַ קאַליידעסקאָפּ פון פאַרשידענע סאָרטן יידן, טיפּן און ספּעציפיש אייגנאַרטיקע מענטשן, יידן לומדים, יידן חסידים, יידן מיט מוח, יידן מיט האַרץ, יידן שאַרפקעפּיקע און יידן נאַאיווע און פריי־מיטיווע. און אַ גאַנץ ספר וואָלט נישט גענוג געווען כדי אַלע צו שילדערן. אמת, יעדער פון זיי איז ווערט געווען מקדיש צו זיין אַ פרק אָדער אַ דף צו זיין אָנדענק, אָבער לײַדער האָבן מיר נישט די מעגלעכקייט דערצו, און דערפאַר וועלן מיר נאָר געבן אַן אָפּשפּיגלונג פון אייניקע געשטאַלטן, און זאָלן זייערע בילדער דינען אַלס מוסטער פאַר הונדערטער אַנדערע, וועלכע זענען מער־ווייניקער געווען פון דער זעלבער קאַטעגאָריע און זענען אַזוי טראַגיש אומגע־קומען אין דעם מוראדיקן חורבן פון פּוילישן יידנטום.

יהי זכרם ברוך!

ר׳ אביגדור בראון, ז״ל

אַ סוחר, אַ גביר, אַ הויזבאַזיצער מיט אַ גרויס געשעפט פון מאַנופאַקטור, גלייכצייטיק אַ תלמיד חכם. אַ חסיד און אַ מקורב צום אַלטן קאָצקער רבי מענדעלע זצ״ל. אַ בעל צורה און הדרת פנים. זיין פרוי רייזל, ר׳ יעקב פאָזנערס איינציקע טאָכטער, האָט מיט דער הילף פון אָנגעשטעלטע געפירט דאָס גרויסע געשעפט און ר׳ אַביגדור איז געזעסן על התורה ועל העבודה, געהאַט זיינע באַשטימטע שיעורים פון תורה, און נאָך דעם גיין באַזוכן פשוטע „עמך״־יידן און ביקור חולים ביי קראַנקע.

נישט איין מאָל האָט געטראָפן, אַז ר׳ אַביגדור איז געגאַנגען באַזוכן אַ קראַנקן און אַוועקגייענדיק האָט ער געזאָגט צו די שטוב־מענטשן, אַז עס וואָלט געווען זייער נויטיק דאָס בעט איבערצובעטן, ווייל די קישנס ליגן נישט גוט. נאָך זיין אַוועקגיין האָבן די שטוב־מענטשן געפונען אַ 5 רובל שטיק אונטער די קישנס, וואָס ר׳ אַביגדור האָט איבערגעלאָזט, כדי די קרובים זאָלן נישט וויסן און זיך נישט שעמען.

יעדן שבת זענען געווען 2—3 אורחים ביים טיש.. ביי ר׳ אַביגדורן איז דאָס געווען אַ זעלבסטפאַר־שטענדלעכע זאַך. אַז די מצווה פון „הענק תעניק לו מגרונך ומיקבך״ איז נישט ווייניקער וויכטיק ווי יעדע אַנדערע מצווה, וועלכע דאַרף אָפּגעטאָן ווערן מיט אַלע פרטים. די אָנגעשטעלטע, וועלכע האָבן ביי אים געאַרבעט עטלעכע יאָר, האָט ער חתונה גע־מאַכט ווי אייגענע קינדער.

דער באַרימטער גאון ר׳ יהושעלע פון קוטנע איז געווען זיין ידיד, און אַז ר׳ יהושעלע איז געקומען קיין ריפּין, איז ער איינגעשטאַנען ביי ר׳ אַביגדורן און צו זיין שבת־טיש זענען געקומען אַלע פני העיר..

זיינע דריי זין: ר׳ מענדל, ר׳ עקיבא און ר׳ יצחק מאיר בראון, ווי אויך זיינע איידעמס: ר׳ יצחק־מאיר זאָנאַבענד, דער זון פון הרב פישל דן, און ר׳ פישל בלום האָבן אַלע געוווינט אין ריפּין.

ר׳ אביגדור האָט געהאַט אַן איינציקע שוועסטער מיטן נאָמען פערקא. (דאָס איז די מוטער פון שרה איטא פעלמאַן, וועלכע ווערט גערופן „אם הפרדסנים״ די מוטער פון די פרדסנים אין ארץ־ישראל, פון לעדערבערגס און שרה רבקה ראַבינאָוויטש־תאומים. די טאָכטער פון ירושלימער רב און גאון „אדרת״ דער שווער פון הרב קוק, זצ״ל). די דאָזיקע שוועסטער איז מיט 75 יאָר צוריק געפאָרן קיין ארץ־ישראל, האָט זי געוואָלט מיטנעמען די מוטער, און ר׳ אַביגדור האָט געוואָלט, אַז די מוטער זאָל בלייבן ביי אים. אַזוי ווי קיינער האָט נישט געוואָלט מוותר זיין, האָבן זיי באַ־שלאָסן זיך צו פאַרלאָזן אויף אַ דין־תורה ביים גאון ר׳ יהושעלע קוטנער.

נאָך אַ גרויסער שקלא וטריא האָט ר׳ יהושעלע אַרויסגעטראָגן אַ פסק־דין, אַז די מוטער דאַרף בלייבן ביים עלטסטן זון.

נאָך אַ רייך לעבן פון תורה און גדולה במקום אחד איז ר׳ אביגדור נפטר געוואָרן י״ג חשון תרס״ה 1905, שבת ביי שלוש סעודות.

אין ריפּין און אין דער געגנט האָבן זיך פאַר־שפּרייט צוויי בשורות: איינע וועגן דער פּטירה פון ר׳ אַביגדור בראון און די צווייטע וועגן דער מאָבילי־זאַציע פון רוסיש־יאַפּאַנישן מיליטער.

ביידע בשורות זענען באַוווסט געוואָרן דעם זעלבן שבת־צו נאַכטס, און עס האָבן הונדערטער מענטשן געשטראָמט פון נאָענט און ווייט צו באַטייליקן זיך אין דער לוויה פון ר׳ אַביגדור. חסידישע יונגעלייט האָבן אַרויסגענומען דעם נפטר פון דער עגלה און געטראָגן איבערן גאַנצן וועג ביז צום בית הקברות..

זיין משפחה

ר׳ מענדל בראון, ז״ל האָט איבערגענומען דאָס הויז פון זיין פאָטער, ר׳ אַביגדור און זייענדיק זייער באַשעפטיקט, האָט ער יעדן טאָג אין דער פרי און אין אָוונט געלערנט דעם בלאַט גמרא און טעטיק גע־ווען אין קהלישע ענינים. די לעצטע יאָרן געווען דער קאַסירער פון „יסודי התורה״, וועלכע איז באַשטאַנען פון זעקס כיתות און איבער הונדערט תלמידים. די לימודים זענען געשטאַנען אויף אַ הויכן ניוואָ. בכלל האָט ר׳ מענדל געלייגט גרויס אַכט אויף קינדער־דערציונג, תורה עם דרך־ארץ. זיין איידעם איז געווען ר׳ אברהם־העניך זאַנדער (נפטר געוואָרן אין ישראל), דעם גערער רבינס מחותן.

ר׳ יעקב עקיבא בראון און ר׳ יצחק מאיר בראון זענען אויך געווען בכבודיקע יורשים פון זייער פאָטער, ר׳ אביגדור, נישט נאָר אין מאַטעריעלן, נאָר אויך אין גייסטיקן זין. זייערע שטובן זענען געווען נגידיש־חסי־דיש. ר׳ יצחק מאיר בראון איז געווען דער איידעם פון יאַבלאָנער רבין ר׳ יחזקאל טאוב זצ״ל, דער גרינ־דער פון ספר חסידים אין ארץ־ישראל.. אויך ר׳ עקיבא האָט געפירט אַ שיינע שטוב, זיין איידעם איז געווען ר׳ ישראל לוקסענבורג, וועגן וועלכן מיר שרייבן באַזונדער.

ר׳ מענדל גראָסמאַן ז״ל

אַ חסיד און למדן מופלג, תמיד אַריינגעטאָן אין לערנען, נישט נאָר פאַר זיך, נאָר ללמוד וללמד, האָט אויסגעזוכט די בעסטע בחורים מיט די שאַרפסטע קעפּ, און מיט זיי געלערנט שווערע סוגיות, באַזונ־דערס די מסכת עירובין, אין וועלכער ער איז געווען בקי ווי אַ ייד אין אשרי... קענענדיק די הלכות מער ווי אַסך רבנים, איז ער שוין דאַנערשטאָג אין דער פרי געווען באַשעפטיקט ביים דורכקוקן די עירובין פון שטאָט אויב זיי זענען אין אָרדענונג, עס זאָל חלילה נישט קומען דערצו, אַז מען זאָל נישט טאָרן טראָגן אין שבת.

אַזוי איז ער אויסגעגאַנגען אַלע ווייטסטע עקן פון שטאָט און אומעטום קאָנטראָלירט דעם עירוב. זיין פרוי חנה פעסע האָט געפירט דאָס קאָלאָניאַל־געשעפט און אים באַפרייט פון עול פרנסה, כדי ער זאָל נישט דאַרפן איבעררייסן דאָס לערנען. זיין מוח איז דעריבער גע־ווען אינגאַנצן אַריינגעטאָן אין די ד׳ אַמות של הלכה, און דאָס אַלץ האָט ער געטאָן מיט פשטות און מיט עניוות, אָן שום זייטיקע כוונות.

זייענדיק דורכגעדרונגען מיטן אמת, איז ער נישט געווען קיין וותרן און דאָס האָט אים גורם גע־ווען פיל עגמת נפש, וואָס זיינע פאַרשידענע קעגנער האָבן אים אָנגעטאָן. אָבער ער האָט אַלץ אָנגענומען גוטמוטיק און באהבה.

ר׳ מענדל איז נפטר געוואָרן אין ריפּין ראש־השנה תרפ״ב (1922).

זיין פרוי חנה־פעסע האָט עולה געווען קיין ישראל צו אירע קינדער, וועלכע געפינען זיך דאָ עד היום.. זי איז דאָ נפטר געוואָרן בשיבה טובה.

ר׳ משה פּוזנער ז״ל

דריי ברידער זענען זיי געווען די פּויזנערס: פּנחס אליהו און לייב זענען געווען מתנגדים, דאַקעגן איז דער דריטער ברודער, משה, געווען אַ חסיד, פון די גאָר שאַרפע, און אַ למדן מופלג. דאָס האָט זיך גע־נומען דערפון, וואָס ער איז דערצויגן געוואָרן אַלס

יתום ביי זיין שטיף־פאָטער, ר׳ אברהם הכהן וואַר־שאַוויאַק, וואָס האָט געהייסן דער „כהן גדול״, אָדער ווי דער אַלטער קאָצקער רבי פלעגט אים רופן „דער גרויסער אברהם״. רבי מענדעלע קאָצקער האָט גע־זאָגט: „דער גרויסער אברהם וואָלט ראוי געווען משמש צו זיין אין בית המקדש״.

אין ספר „היכל קאָצק״ לייענען מיר וועגן ר׳ אברהם הגדול:

„דער גרויסער אברהם האָט זיך גערעכנט צו די גרויסע מקורבים פון רבי מענדעלע קאָצקער. אין זכות פון זיין טיפן מוח, וואָס איז געווען באַרימט. זיין זון ר׳ בונם איז געווען מלמד אין סאָכאַטשעוו. ביי ר׳ אברהמעלע סאָכאַטשאָווער, דעם וועלט גאון. איין מאָל האָט ר׳ אברהמעלע סאָכאַטשאָווער גערופן דעם זון ר׳ בונם און געזאָגט: „איך האָב היינט גע־זען דיין טאַטן דעם גרויסן אברהם אין חלום, האָב איך אים געפרעגט: ווי געפינסטו זיך? האָט ער מיר געענטפערט: אַזוי ווי איך בין געווען אויף דער וועלט דעם רבי ר׳ מענדעלעס בן־בית, אַזוי בין איך דאָרטן ביי אים אויפן עולם האמת״. דער סאָכאַ־טשעווער גאון בעל „אבני נזר״ האָט געהייסן דעם זון ר׳ בונם, ער זאָל געבן דעם עולם משקה אויף לחיים.

ווערנדיק דערצויגן ביי אַזאַ שטיף־פאָטער איז קיין וווּנדער נישט, אַז ר׳ משה פויזנער איז געוואָרן אַ חסיד מופלג. דערצו איז ער געווען אַ בעל תפילה. פאָרנדיק קיין גער פלעגט ער מיטברענגען נייע ניגו־נים, וואָס דער עולם האָט שנעל אויפגעכאַפּט.

ער איז נפטר געוואָרן אין ריפין אין טיפן עלטער, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אַ פאַרצווייגטע משפחה.

ר׳ בער קאַהן ז״ל

ר׳ בער איז נישט געווען פון די חסידים, האָט אָבער געהערט צו די אנשי מעשה. ער איז אַ סך יאָרן געווען גבאי אין גרויסן בית המדרש, און געפירט די באַלעבאַטישקייט פון בית־המדרש, מוסטערהאַפט גע־זאָרגט, אַז יעדן אָוונט, צווישן מנחה און מעריב, ווי אויך שבת נאָך מיטאָג, זאָל ווערן געלערנט „עין יעקב״ און משניות. ער האָט נישט געקאַרגט קיין געלט אויף גוטע בעלי תפילות, און אַלץ געטאָן מיט תמימות און פשטות.

אין יאָר 1917 איז ער געווען צווישן די ערשטע, וועלכע האָבן דורכגעפירט די אַקציע פון זאַמלען צי־רונג פאַרן פאָנד, וואָס האָט געזאָלט דינען אַלס „פי־נאַנס־ביוראָ פאַר דער אויפשטייענדיקער יידישער נאַ־ציאָנאַלער היים אין ארץ־ישראל״. ער האָט די אַקציע דורכגעפירט מיט גרויס דערפאָלג.

נאָך דעם ווי ער האָט געשיקט זיינע צוויי זין, ישראל און שמואל, קיין ארץ־ישראל, האָט ער אַליין אויך עולה געווען קיין ארץ־ישראל אין 1930.

אין יאָר 1948, מיט דער פאַרווירקלעכונג פון זיין חלום — מדינת ישראל — איז ער נפטר געוואָרן אין עלטער פון 85 יאָר.

ר׳ יחזקאל באָרנשטיין ז״ל

ר׳ יחזקאל איז געווען אַ תמימותדיקער חסידישער ייד. זייענדיק אַן איידעם פון דעם באַרימטן גביר פון זשוראָמין, ר׳ ישעיה לענט, וועלכער איז געווען באַ־רימט מיט זיין גבירשאַפט און נדבנות אין דער גאַנצער געגנט, האָט זיך ר׳ יחזקאל באַזעצט אין ריפין. געווען אַ לאַנד־באַזיצער און אייגנטימער פון אַ ציגל־פאַבריק.

גייענדיק אין זיין שווערס דרכים, איז ער אויך געווען אַ נדבן און אַ בעל־צדקה און נישט אָפּגעזאָגט זיך פון שטיצן יעדע יידישע אינסטיטוציע. זיין רואי־קייט און באַשיידנקייט איז געווען צו באַוווּנדערן. איידל און שטיל איז ער זיך געגאַנגען זיין אָנגעצייכנטן לע־בנס־־וועג, ביז זיין זון בן־ציון איז געפאָרן אַלס חלוץ קיין ארץ־ישראל. דעמאָלט האָט ר׳ יחזקאל ליקווידירט זיינע געשעפטן און עולה געווען אין יאָר 1933 קיין ארץ־ישראל. ער איז דאָ נפטר געוואָרן אין 1937 בשם טוב.

ר׳ נחום לייבוש גאָלדברוך ז״ל

אַ געהויבענער ייד, אַ בעל מדרגה, אויסגעטאָן כמעט פון דער וועלט, פלעגט דאַווענען יעדן טאָג ביז אין די מיטאָג־שעהן, זייענדיק אָנגעטאָן אין טלית און תפילין, און געלערנט זיינע שיעורים. פרייטיק

פאַרנאַכט פלעגט ער זיך באַווייזן אין גאַס, כדי צו דערמאָנען די אייגנטימער פון די קלייטן, אַז עס דערנענטערט זיך דער שבת און מען דאַרף פאַרמאַכן. זיין ווייב איז געווען די טאָכטער פון באַוווסטן ר׳ ישראל פאַפיעל און זי האָט געפירט די מסחרים. ער פלעגט בלויז אַראָפּנעמען מעשר פון די איינקונפטן און צעטיילן זיינע נויטבאַדערפטיקע נסתרים, וואָס נאָר ער אַליין האָט געוווסט וועגן זייער נויט און ער האָט זיי געשטיצט בצנעא. אין זיין וועלט האָט נאָר עקזיסטירט תורה ועבודה וגמילת חסדים.

ר׳ אברהם־העניך זאנדער ז״ל

פון די שענסטע גערער חסידים אין פוילן איז געווען ר׳ אברהם־העניך זאַנדער, וועלכער איז גלייכצייטיק געווען דעם גערער רבינס מחותן.

אַן אײדעם פון ר׳ מענדל בראַון, וועלכער האָט געזוכט פאַר זיין טאָכטער אַ בחור אַ למדן און אַ יפה תואר, האָט ער אים געשיקט פאַרהערן צום באַוווסטן קוטנער רב, וואָס האָט געזאָגט אויף אים, אַז ער האָט אַ שאַרפן מוח.

ר׳ אברהם־העניך האָט זיך באַזעצט אין ריפּין און געגעסן קעסט ביים שווער. ראש השנה און יום־כיפור, ווי אויך די ימים טובים, פלעגט ר׳ אברהם־העניך זיצן אין גער ביים „שפת אמת״ און שפּעטער ביים גערער רבין, רבי אברהם מרדכי זצ״ל.

אין דער זעלבער צייט איז ער געווען זייער אַקטיוו אויף אַלע געביטן, געגרינדעט די אַגודיסטישע באַנק צוזאַמען מיט ר׳ פישל בלום און ר׳ הערשל בלאַס, אויפגעשטעלט דאָס גרויסע גערער שטיבל, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ גרויסער ציגל־געבײדע און איז געווען איינס פון די גרעסטע גערער שטיבלעך אין פוילן.

ער האָט זיך שפּעטער איבערגעצויגן קיין לאָדזש און באַרימט געוואָרן אַלס גרויסער חסידישער גביר. דער גערער רבי האָט זיך מיט אים משדך געווען צווי מאָל. איין מאָל דורך זיין אײדעם הרב איטשע פישל היינא ז״ל, דאָס צווייטע מאָל — מיט די קאַמינערס.

פאַרן חורבן האָט ער עולה געווען קיין ישראל. ווען עס האָבן אָנגעהויבן נאָך דער מלחמה אָנקומען די ידיעות, אַז פון אַלע זיינע קינדער און אייניקלעך איז קיינער נישט געבליבן לעבן, האָט ער זיך פולשטענדיק איינגעבראָכן און איז מיט אייניקע יאָר צוריק נפטר געוואָרן אין ישראל. זיין ברודער פּנחס מאיר זאַנדער, פון די חסידישע יונגעלייט אין ריפּין, איז מיט זיין משפחה אומגעקומען אויף קידוש השם.

ר׳ הירשל בלאס ז״ל

ר׳ הירשל בלאַס איז געווען דער אײדעם פון הרב ר׳ פישל דן ז״ל, דאָס אייניקל פון רבין ר׳ אברהם פון טשעכאַנאָוו.

דער שווער, ר׳ פישל דן, וועלכער איז געווען אַ למדן גדול האָט אים גענומען אַלס „עלוי״. ר׳ הערשל בלאַס האָט זיך אָבער נישט באַגנוגנט בלויז מיט די ד׳ אַמות פון לערנען. זייענדיק אַ שאַרפער יונגערמאַן, וואָס איז געזעסן חדשים־לאַנג ביים רבין און האָבנדיק אין זיך די האַפערדיקייט פון אַן „עילוי״, פלעגט ער נישט נושא פנים זיין עלטערע חסידים און אפילו לומדים. און נישט איין מאָל איז געקומען צו שאַרפע וויכוחים צווישן אים מיט די מער געלאַסענערע און פאַרזיכטיקע חסידים. ער האָט נישט פאַרטראָגן קיין פשרות.

נישט געקוקט דערויף האָט דער עולם אָפּגעשאַצט זיין גרויסע ווערט אַלס מענטש פול מיט ענערגיע. ער האָט געפירט די קהילה צוזאַמען מיט ר׳ פישל בלום און געגרינדעט די ערשטע שפּאָר־און לייַ־קאַסע אין ריפּין.

שפּעטער ווען ער האָט פאַרלאָזט ריפּין, איז זיין נאָמען געווען אַ שם דבר אין גאַנץ פוילן, אַלס איינער פון די באַרימטע חסידים ואנשי מעשה.

טיפן פון חסידים, וואס זענען אומגעקומען אין גרויסן חורבן

ר׳ שלמה קלינסקי (קאָצקער)

ד׳ ינקום דמו

גערופן האָט מען אים שלמה׳יע קאָצקער, ווייל נאָר אַזוי האָט מען זיך פאָרגעשטעלט אַ בילד פון אַ קאָצקער חסיד, אַ הויכער ייד, אַ בעל־צורה און הדרת פנים, אַנגעטאָן אין דערוואַכנס אין אַ זיידן היטל; אַ לעדער־סוחר, וואָס זיצט אין געשעפט מיט אַ גרויסן חושן משפט אָדער מיט אַ „שפת אמת". ווען עס קומט אַריין אַ קונה, מאַכט ער אַ קנייטש אין ספר און גלייך נאָך זיין אָוועקגיין עפנט ער ווידער דאָס ספר, ביז עס קומט מנחה־צייט, דאַן נעמט ר׳ שלמה די גרויסע גמרא פון אַמסטערדאַמער דרוק, מיט מעשענע שלעסער, און נעמט זיך גיין אין שטיבל אַריין. ער גייט מיט דער גמרא אין האַנט איבערן מאַרק.

דאָס גיין מיט דער גמרא איז אַ דעמאָנסטראַציע, צו ווייזן אַלעמען, אַז ער שטאָלצירט מיט איר לעיני כל הגוים. גייט ער עקב בצד אגודל, געלאַסן און שטאָלץ. פון דער קעשענע זעט זיך אַרויס די גרויסע רויטע פאַטשיילע, וואָס איז די שטענדיקע באַגלייטערין פון דער עלפאַנט־ביינערנער טאַבאַק־פושקע. ער רעדט געלאַסן און בכובד ראש, איבערטראַכטנדיק יעדעס וואָרט, וואָס מען דאַרף יאָ אַרויסזאָגן און וואָס נישט.

אָבער ווען ר׳ שלמה האָט אַלס בעל־מוסף, ראש השנה און יום־כיפור אין גערער שטיבל אַ געשריי־געטאָן „יתגדל", האָבן נישט נאָר די ווענט געציטערט, נאָר דער גאַנצער מאַרק פלעגט זיך אַ וויג־טאָן. דעמאָלט האָט זיין שטימע אָפּגעהילכט ווי פון אַ לייב אין וואַלד.

ר׳ שלמה פלעגט אויך לערנען דעם דף היומי אין גערער שטיבל און זיין וואָרט איז געהערט געוואָרן מיט דרך־ארץ.

ער און ר׳ יצחק־מאיר פלוסבערג זענען געווען פון די שענסטע יידן צווישן חסידישן עולם אין ריפין, און זיי זענען אויך געווען די חשובע דעלעגאַציע, וואָס איז געקומען מיך ברענגען פון מיין שטעטל קיין ריפין.

ר׳ שלמה איז געווען אַ זעלטענער טיפּ פון אַ פאַרצייטישן חסיד, אַן אימפּאָזאַנטע פיגור, אַ וווּנדערלעכער בעל־שכל, און אַ וואַרעם יידיש האַרץ.

ער איז אומגעקומען אויף קידוש־השם צוזאַמען מיט זיינע קינדער, צווישן זיי ר׳ לוי יצחק הי״ד.

ר׳ הענעך גאָלדבערג הי״ד

אַ זעלטענער טיפּ איז געווען ר׳ הענעך גאָלדבערג, וואָס מען האָט אים פּאַקטיש גערופן הענעך נאַמן. לאַנגע יאָרן געווען גבאי אין גערער שטיבל, און געפירט די גבאות מיט תקיפות און גרויס אָרדענונג.

זיין ספּעציעלער תענוג איז געווען צוצוציען יינגלעך און בחורים און זיי צוגעבן חשק צום לערנען, טיילנדיק ספּעציעלע מתנות די, וועלכע פלעגן זיך אויסצייכענען און קענען בעסער. איינע פון די מתנות איז געווען גאָר אַן אָריגינעלע. דאָס יינגל, וואָס וועט קענען צוואַנציק בלאַט גמרא פון אויסנווייניק, וועט קריגן דעם שענסטן מפטיר אין שבת נחמו, שבת חזון, שבת שובה.

כאָטש עס זענען געווען חסידים, וואָס זענען נישט געווען צופרידן צו געבן אַ קטן מפטיר אין אַ חשובן שבת. אָבער מען האָט עס אָנגענומען, ווייל מען האָט געוווּסט, אַז דאָס איז לשם שמים.

געשיקט האָט ער די יינגלעך פאַרהערן צו הרב ר׳ פישל דן זאַנאַבענד, צו ר׳ משה פויזנער, ר׳ מענדל בראַון, ר׳ מענדל גראָסמאַן, ר׳ יצחק מאיר פלוסבערג, ר׳ אברהם הענעך זאַנדער און ר׳ מענדל־אברהם שולץ.

ר׳ הענעכס פּלאַן איז געלונגען און שטאַרק משפּיע געווען צו דער התמדה פון קינדער. צוועלף־יעריקע יינגלעך, וואָס האָבן מיט פלייס געלערנט פון אויסנווייניק מסכת נדרים, כתובות, גיטין, און די דריי בבות.

אויף ר׳ הענעכס אַדרעס איז צו פאַרצייכענען אַ גרויס פאַרדינסט פאַרן שטייגן פון ריפינער חסידישע קינדער אין לערנען.

ר׳ יהושע בייזער הי״ד

צווישן דער גאַלעריע פון ריפינער חסידישע גע־שטאַלטן, פאַרנעמט אַ חשוב אָרט די געשטאַלט פון ר׳ יהושע בייזער.

אין משך פון דער קורצער תקופה פון מיין זיין אין ריפין האָב איך אים ווייניק געקענט, אָבער עס איז גענוג געווען כדי צו צו ווענדן מיין אויפמערקזאַמקייט אויף דעם מענטש, וואָס האָט פאַרמאָגט גרויסע ידיעות אין נגלה און אין נסתר, קענענדיק אויך זוהר און קבלה.

ער איז גלייכצייטיק געווען מיטגליד אין דער קהילה אַלס פאָרשטייער פון די רעליגיעזע קרייזן. אין מיין צייט איז ער שוין נישט געווען קיין יונגער־מאַן, אָבער ער האָט זיך געפונען אויפן שוועל צווישן צוויי וועלטן, צווישן דער חסידישער וועלט, אין וועל־כער ער האָט פאַרבראַכט זיינע ערשטע יאָרן און צווישן זיין סימפּאַטיע צו די מאָדערנע קרייזן. ווען זיין פריינד חיים דוד גוטפעלד איז געפאָרן אַלס חלוץ קיין ארץ־ישראל, אין יאָר 1921, האָט ער אים מיטגעגעבן זיין בילד און אויפגעצייכנט אויף דער צווייטער זייט:

צום אָנדענק מיין פריינד דעם חלוץ חיים דוד! ברוך אתה בצאתך מן המקום הרע והמזוהם, וברוך אתה בבואך אל המקום הקדוש והטהור״.

זאָל ג־ט געבן, אַז מיר אַלע זאָלן זוכה זיין צו בויען דאָס לאַנד, און מיר זאָלן זעען ווי יידן זיצן אויף זייער באָדן ובית המקדש על מכונו, אמן.

ואתה ידידי לך לשלום, רכב וצלח וחזק.

(—) יהושע בייזער

אין די דאָזיקע שורות אַנטפּלעקן זיך געהיימע שטרעבונגען פון זיין גייסט, וואָס ער האָט נישט זוכה געווען אויסצופירן אין זיין לעבן. ער האָט געטיילט דעם גורל פון זיינע ברידער אין ריפין אומקומענדיק על קידוש השם.

ר׳ יצחק מאיר פלוסבערג הי״ד

אַ שטילער און באַשיידענער חסידישער ייד, דורכ־געדרונגען מיט תמימות און פשטות, האָט זיך זיין לעבן קאָנצענטרירט אין די ד׳ אַמות פון דער גמרא און חסידות; אַ מסתפק במועט לעבט ער מיגיע כפו און איז שטענדיק צופרידן. אָבער אין איין זאַך איז ער נישט קיין מסתפק במועט. דאָס איז אין דער זאַך פון חינוך. ביי דער דערציונג פון קינדער פאָדערט ער דעם מאַקסימום און איז מצליח. איין זון זיינער, הרב יעקב פלוסבערג, איז איצט רב אין אַמעריקע, אַ תלמיד חכם און ירא שמים און זיין טאָכטער פאַר־הייראַט צו ר׳ אברהם קהת בוימאַרדער, אַן אויסגע־צייכנטער יונגערמאַן, פול מיט טעטיקייט, אָנגעפירט מיט דער רעליגיעזער באַנק און מיט דער „יסודי־התורה״־שול. אַ באַזונדערס גרויסע אַרבעט האָט ער געטאָן אויפן געביט פון דער „בית־יעקב״־שול. מיט זיין קלוגשאַפט, אינטעליגענץ און שטענדיקן שמייכל האָט ער דערוואָרבן גרויס סימפּאַטיע פאַר די אַנ־שטאַלטן, מיט וועלכע ער האָט אָנגעפירט.

שיינע, ערלעכע מענטשן זענען אויך געווען זיינע זין: נחמן, יהושע, יחזקאל, ביניש און זיין איידעם מאיר לייב.

ר׳ יצחק מאיר פלוסבערג איז זייער ווייניק אַרויסגעפאָרן פון ריפין. בלויז איין מאָל האָט ער געמאַכט אַ וויטן וועג, פאָרנדיק צוזאַמען מיט ר׳ שלמה קלינסקי אין אַ דעלעגאַציע צו מיר קיין קערנאַזיא. זיי זענען געקומען אויף דעם פדיון הבן פון מיין זון הרב איסר שליט״א און איבערגעבליבן וואַרטן ביז איך וועל מיטפאָרן מיט זיי.

שטיל און בכבוד איז זיך ר׳ איטשע מאיר גע־גאַנגען זיין וועג אין לעבן ביז צום שוידערלעכן חורבן.

ר׳ ישראל לוקסענבורג הי״ד

אַן אמת זיידענער יונגערמאַן, פון דעם שענסטן און איידלסטן פון חסידישן עולם אין פוילן. אַ יונגער־מאַן מיט אַן איינגעבוירענער אַריסטאָקראַטיע און אינטעליגענץ, האָט אים גענומען פאַר אַן איידעם ר׳ עקיבא בראַון, ברענגנדיק אים פון זשיכלין פאַר זיין בת־יחידה.

ער איז געווען די פאַרווירקלעכונג פון זיין שטרע־בונג. די פאַרקערפּערונג פון איידלקייט, צאַרטקייט און פיינקייט. זייענדיק אַ מיטגליד פון שטאָט־ראַט, אין ראַט פון דער „קאַסאַ כאַריך״ און אין דער פאַר־

וואַלטונג פון דער קהילה, איז ער געקומען אין באַרירונג מיט גויים און יידן, פאַרגעשריטענע און עקסטערם פרומע. צו אַלעמען האָט ער גערעדט מיט אַן איידעלער שפּראַך און מיט אַ שטענדיקן שמייכל אויף די ליפּן. עס איז נישט געווען קיין אַנשטאַלט ביים רעליגיעזן יידנטום אין פּוילן, ווי ר׳ ישראל זאָל נישט זיין אין דער רשימה. זיינע קינדער האָט ער געשיקט לערנען אין „ישיבת חכמי לובלין" און איז געווען נאָענט באַפריינדעט מיטן לובלינער רב הגאון ר׳ מאיר שפּירא.

איין זון משה לעבט אין ישראל.

ווען איך בין אָנגעקומען קיין ריפין האָט דער גערער רבי זכרונו לברכה געשיקט אַ בריוו צו ר׳ ישראל לוקסענבורג אין וועלכן ער האָט געשריבן:

„לכבוד ידידי הר״י לוקסנבורג הי״ו.

באתי לבקש שתעשה בכל היכולת למען ידידנו הרב הג׳ ר׳ יצחק ידידי׳ פרנקל שליט״א...

ידידך דושו״ט
אברהם מרדכי אלטר"

דער גערער רבי זצ״ל האָט אים געשריבן ידידי, מיין פריינד, ווייל ווער איז ר׳ ישראלן נישט געווען קיין גוטער פריינד. דער מענטש האָט איבערהויפּט נישט געהאַט קיין קעגנער.

אויך ר׳ ישראל איז אומגעקומען בתוך עמו, מיטן אני מאמין אויף די ליפּן.

ר׳ ישראל הענעך שאַפּירשטיין הי״ד

אַ מאָדנער טיפּ געווען, נישט נאָר אַ תלמיד חכם, נאָר אויך אַ פּיקח, אַ קליינגעוויקסיקער, מיט אַ שאַרפן קנאַישן בליק, נישט גרייט אויף קיין שום וויתורים, איז ער געווען דער ערשטער אין קאַמף קעגן יעדער מאָדערניזאַציע, גרייט עוקר מן השורש צו זיין יעדן אָפּנויג פון אַלטן פרומען שטייגער, זיין שיטה איז געווען „סור מרע ועשה טוב", אָבער קודם כל איז דער „סור מרע". ער האָט געקעמפט קעגן דער „תרבות"־שול און אירע אונטערשטיצער, האָט נישט נושא פּנים געווען קיין רב און קיין נכבד, אויב ער איז געווען אַן אָנהענגער פון פאַרשריט...

ער אַליין איז געווען אַ גרויסער קענער און האָט

אַרויסגערופן באַוווּנדערונג מיט זיין שיינעם סטיל פון שרייבן און אינהאַלט.

אין איינעם פון זיינע בריוו צו מיר, נאָך מיין פאַרלאָזן ריפין שרייבט ער:

אל כבוד ידידנו הרב המוכתר בכשרונות ובנימוסים, ההולך ונוסע הנגבה לארצנו הקדושה, כש״ת מוהרר״יי פרנקל שליט״א.

ידע נא כבוד תורתו כי מגדל בבל החדש הוא בנין ה„תרבות" בעירנו הולך ורם על ידי נמרוד מלך עם — רפה — אל, בנאומיו לטובת תועבת ה„תרבות" בתורת הגויים אשר בבטנו ובלאומיות אשר במעיו. יפרד לעבוד שעיר אשר לא שערום אבותינו. והעגלים עגלי ירבעם מרקדים גם בבית אל. ובדקי בית קדשנו מתרבים וחומת הדת נהרסת, והחפשיות מכה בסנוורים את יושבי העיר.

אמנם כן, יצר סוכן בנו. שטו העם ולקטו עוד מאומה. ומחמת טול קיסם טול קורה. אין צדק ואין מורה. והמצב נורא. ומי עכשיו דעה יורה?

ידידו עורך הטורים האלה
ישראל חנוך שאפירשטיין"

איך האָב ספּעציעל איבערגעדרוקט דעם בריוו, וואָס כאַראַקטעריזירט דעם שרייבער, זיין אינהאַלט און זיין לעבנס־אויפפאַסונג. אַ קענער איז אויך געווען זיין ברודער ר׳ שמעלקע שאַרפשטיין, ווייניקער תלמיד חכם ווי זיין ברודער, אָבער אַ מענטש מיט „פּאַטענטן", שטענדיק האָט מען געפונען ביי אים אַ המצאה, וואָס ווען זי וואָלט פאַרווירקלעכט געוואָרן, וואָלט זי געלעזט אַ סך עקאָנאָמישע פראַגן. אָט האָט איר אַ המצאה פון „טאַבלעטן", וואָס ווען איר טוט אַריין אַזאַ „פּיל" אין אַ גלאָז וואַסער, האָט איר אַ גלאָז קאַפע מיט סמעטענע. .ער האָט געהאַט נאָך אַ סך אַנדערע דערפינדונגען. אָבער צו די אַלע המצאות דאַרף מען אויך האָבן מזל , און דאָס אַרטיקל האָט אים גראָד אויסגעפעלט. ער איז געבליבן אַן אָרעמאַן, אָבער אַ פריילעכער, מיט חסידישער שמחה האָט ער אַלץ מקבל געווען באהבה.

אַזוי זענען די צוויי ברידער געווען זעלטענע עקזעמפּלאַרן אין דער יידישער געזעלשאַפט אין ריפין.

ר׳ מרדכי הענעך ראדזיק הי״ד

אַ גרויסער בר דעת, געלאַסן און פֿאַרשטענדיק, געקענט אויסקומען מיט אַלע. זייענדיק אַ תלמיד חכם מופלג, האָט מען אים גענומען אַלס בורר אויסצוגלייכן סכסוכים און צו טענהן ביי אַ דין תורה.

אַ זון פֿון אַ באַלעבאַטישער שטוב, האָט ער פֿאַר־מאָגט אַ מערקווירדיקן שכל הישר און איז געווען ווייט פֿון יעדער קרומקעפּלדיקייט.

ער האָט אויך אָנטייל גענומען אין אַלע געזעל־שאַפֿטלעכע אינסטיטוציעס פֿון חינוך־געביט, ווי חדר יסודי התורה און בית־יעקב. זיין זון האָט געלערנט ביי מיר אַ שיעור. ער האָט דערצויגן זיינע קינדער בדרך הישר בעיני אלקים ואדם און לסוף געטיילט דעם גורל פֿון זיינע ברידער..

ר׳ שמואל פישל כהן הי״ד

אַן אמתער טיפּ פֿון אַ חסידישן ייד, סיי מיט זיין אויסערלעכן אויסזען און סיי מיט זיינע אינערלעכע געפֿילן, אַן אײדעם פֿון רבי שלמה־זלמן הורוויץ, אַן אייניקל פֿון של״ה („שני לוחות הברית״), דער שטאַם־פֿאָטער פֿון דער פֿאַרצווייגטער רבנישער משפחה הורוויץ.

מיט זיין ברייטער ווייסער באָרד, טיפֿן סאַמעטן קאַפּל, און זיין אופֿן פֿון שנעלן רעדן, האָט ער געמאַכט דעם איינדרוק פֿון אַ פּלפּול־ייד, דאָס האָט זיך אויס־געדרוקט אין זיין טעטיקייט אַלס מנהל פֿון יסודי התורה. דער גראָבער פֿינגער איז תמיד געשטאַנען גרייט אָפּצוּווענדן מיט אַן „אם תמצא לומר״! ער האָט מיט זיך פֿאַרגעשטעלט אַן עכטן טיפּ פֿון פּוילישן חסידישן ייד.

אלעזר אייבעשיץ הי״ד

געקומען איז ער פֿון פּאַביאַניץ, אַ צענטער פֿון חסידים, וואָס האָבן זיך גרופּירט אַרום דעם רב פֿון פּאַביאַניץ, רבי מענדעלע אַלטער, דעם גערער רבינס ברודער, וועלכער איז געווען אויך דער פּרעזעס פֿון דער אגודת הרבנים אין פּוילן.

געוואָרן איז ר׳ אלעזר אַן אײדעם פֿון ר׳ שמואל טאַץ, פֿון די חשובֿע חסידישע יידן אין ריפּין און פּאַריקן דור. זייענדיק אַ יחסן, אַן אייניקל פֿון רבי ר׳ יהונתן אייבעשיץ, איז ער גלייכצייטיק געווען אַ שאַרפֿער חסידישער יונגערמאַן, אַ גרויסער בעל־שכל, געפֿירט די פֿאַבריק פֿון סאָדע־וואַסער, וואָס ער האָט געירשנט פֿון זיין שווער.

אַן ענגע פֿריינדשאַפֿט האָט פֿאַרבונדן אים מיט ר׳ ישראל לוקסענבורג. ביי מיין אָפּפֿאָרן פֿון ריפּין, האָט ר׳ אלעזר איינגעאָרדנט אַ געזעגענונגס־סעודה, וואָס האָט זיך געצויגן ביז פֿאַרטאָג, ביז צום אָפּפֿאָרן פֿון אויטאָבוס. מיט געזאַנג האָבן מיך דער טייערער עולם פֿון חסידים ואנשי מעשה, לומדים מופלגים באַגלייט, און אייניקע מיט טרערן אין די אויגן. ר׳ אלעזר אייבעשיץ האָט מיר מיטגעגעבן אַלס אָנדענק אַ ספר „פתח הבית״ מיט אַן אויפֿשריפֿט, און ר׳ משה יהושע ראָזענשטיין האָט געברענגט צום אויטאָ אַ זילבערנעם חנוכה־לאָמפּ, אַן אַנטיק.

ווער האָט זיך געקאָנט פֿאַרשטעלן, אַז דאָס איז אַ געזעגענונג אויף אייביק.

ר׳ וועלוול זיבענבערג הי״ד

אַ זון פֿון וואַרשעווער מורה הוראה רבי אברהמלע זיבענבערג, אַ זיידענער יונגערמאַן, איידל און פֿול מיט לומדות.

ר׳ מענדל לענט הי״ד

אַ גמרא־ייד, ווייט פֿון אַלע קהלישע ענינים, אָבער מיט אַ וואַרעם האַרץ.

ר׳ יוסף הערש דאבינסקי הי״ד

אַ ייד וואָס האָט פֿאַראייניקט אין זיך תורה מיט דרך־ארץ.

ר׳ שמואל יצחק אלטונא הי״ד

אַ תמימותדיקער ייד, אַ שטילער און תלמיד חכם. זיין אײדעם, ר׳ חיים מרדכי זילבערמאַן, האָט

מיר געשריבן נאָך זיין פטירה, אַז זיין שווער האָט געקויפט ביי דער חברה „חיבת הארץ" אין וואַרשע באָדן אין ישראל פאַר 400 דאָלער דורך ר' יוסף פעטטער, דער גרינדער פון „משק פטר" ביי גדרה.. דאָס זענען געווען זיינע אָפּגעשפּאַרטע גראָשנס פון עסן און אָנטאָן.

ר' אלעזר בלומענצווייג הי"ד

אַ שוואָגער פון הרב טביומי זצ"ל און זיין פרוי, אַן אייניקל פון הרב נחום מנשה גוטענטאַג, אַ הויז־אייגנטימער און אַ גרויסער סוחר — די ערשטע צייט האָב איך געוווינט אַלס לאָקאַטאָר אין זיין הויז. אַ פּאַרצווייגטע פאַמילע, וועלכע איז די מערסטע אומ־געקומען אין דער קאַטאַסטראָפע.

ר' הערש איסר בראון הי"ד

אַ קלוגער און געלאַסענער ייד, זיין שטוב — אַן אויסגעצייכנטע, צו ג־ט און צו מענטשן.

די משפחה פאַזנער הי"ד

פנחס פאַזנער, זיינוול יונה פאַזנער, איטשע פאַז־נער, יוסף לייב פאַזנער און אַלע פאַזנערס זענען גע־ווען איינע פון די פאַרצווייגטסטע משפחות אין ריפּין. אַלע דורכגעדרונגען מיט תורה און דרך־ארץ..

עס ליגט ביי מיר אַ בריוו פון דעם פּיאַסעטשנער רבי ר' קלונימוס קלמיש שפירא הי"ד, וואָס איז גע־ווען דער ברודער פון רבי ישעיהו שפירא זצ"ל. און ער שרייבט מיר וועגן דער קראַנקער פרוי, בלומע בת שרה פאַזנער, אַז זי זאָל פאָרן קיין דאַנציג זיך באָדן אין ים און דאָס וועט זיין די רפואה. ער ווינטשט איר חתונה צו מאַכן אירע טעכטער בכבוד. זיי זענען באמת אַלע געווען בכבודיקע מענטשן.

ר' הירשל שוחט (קאהן) הי"ד

אַ פאַרצייטישער ייד, זייער קלוג, אָבער שטרענג חסידיש — עס איז כדאי צו זעען דאָס בילד, וואָס



אַ בילד אויפגענומען דורך נייטן וואַרשאו בשעת זיין באַזוך אין ריפּין אין יאָר 1926

פון לינקס צו רעכטס: ר' הערשל שוחט ז"ל (וועלכער לאָזט זיך נישט פאָטאָגראַפירן), ר' יהושע מינעווסקי, ר' אברהם פלאטו אין דער רעכטער זייט: לובין

כאַראַקטעריזירט דעם טיפּ פון ר' הערשלען, ווי אויך זיינע קינדער בעריש קאהן, נתן און וואָלף קאהן. עס ליגט נאָך ביי מיר דאָס צעטל, וועלכן ר' הערשל האָט מיטגעשיקט מיט דעם משרת, וואָס איז געגאַנגען שחטן פאַר מיר עופות:

1 אווזא סימן לכשרות חסר לשון

1 תרנגולת סימן לכשרות חסר לשון

בברכת כתיבה וחתימה טובה לאלתר לחיים טובים ערב ראש השנה תרצ"ג

צבי הירש קאהן שו"ב פה ריפין

עס זענען נאָך אין דער רשימה:

ר' יוסף לייב באַלאַבאַן הי"ד, ר' שמואל העניך שייקא הי"ד, ר' שמואל העניך ראָזענצווייג הי"ד, ר' יעקב בערמאַן הי"ד, ר' ראובן לעווקאָוויטש הי"ד,


ר׳ מנחם גרינבערג הי״ד און דער שוחט החסיד התמים ר׳ העניך בענדקאָווסקי הי״ד, אַ תלמיד חכם און ירא־שמים. זיינע קינדער האָבן עולה געווען קיין ישראל; ר׳ יעקב פיינמעהל, גבאי פון אַלעקסאַנדער שטיבל.

טעלעכע ווערטער וועגן חדר „יסודי התורה״


עס איז שוין דערמאָנט געוואָרן די וויכטיקע אינ־סטיטוציע פאַר רעליגיעזן חנוך, דער חדר „יסודי התורה״, אין וועלכען עס האָבן געלערנט מער ווי הונדערט קינדער אין 6 כיתות און דערצויגן געוואָרן אין רעליגיעזן און מענטשלעכן גייסט. דער קאָמיטעט איז באַשטאַנען פון די מיטגלידער: ר׳ מענדל בראַון, ר׳ ישראל לוקסנבורג, ר׳ אברהם קהת בוימאַרדער, ר׳ מרדכי העניך ראַדזיק און ר׳ פישל בלום.

אינטערעסאַנט איז, אַז צום פאַרהערן די קינדער זענען דוקא איינגעלאַדן געוואָרן די רבנים, הרב שמואל הלוי בראדט פון ליפנא און הרב יהודא לייב קאָוואַלסקי פון וולאָצלאַוועק, וועלכע האָבן זיך נישט געקענט אָפּלויבן פון דער גוטער דערציונג און פון די ידיעות פון די קינדער.

די גרינדער זענען געווען: אברהם העניך זאַנ־דער, שמואל מנחם טאַץ און פישל בלום.



ר׳ פישל בלום דערלאַנגט אַ דין וחשבון פון חדר „יסודי־התורה״ צום ועד הקהילה



ר׳ פישל בלום דער יושב ראש פון חדר „יסודי־התורה״ אין יאָר 1920 ווענדעט זיך צום שטאָט־ראַטמאַן זאנאבענד וועגן שטיצן די פאָדערונג אויף אַ סובסידיע

אגב, וועגן ר׳ פישל בלום איז כדאי צוצוגעבן דעם פרט: אין יאָר 1917 האָט שמואל־זיינוויל פויזנער געזאַמלט גאָלד און זילבער פאַר דעם נאַציאָנאַלן פאָנד פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, און עס האָט זיך געהאַט אָנגעזאַמלט אַ פאַרמעגן. ער האָט אָבער מורא געהאַט, אַז די דייטשן זאָלן עס נישט צונעמען און קאָנפיסקירן, האָט ער געבעטן ר׳ פישל בלום, ער זאָל דאָס גאַנצע פאַרמעגן מיטנעמען קיין וואַרשע און אָפּגעבן דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

דער דאָזיקער פאַקט דערציילט, אַז די מיינונגס פאַרשידנקייטן זענען קיינמאָל נישט געווען קיין פּערזענלעכע, נאָר אידעאָלאָגישע חלוקי דעות, און דער אגודה־פאָרשטייער, ר׳ פישל בלום, איז געווען באַגלויבט אויף שמואל זיינוויל פּאָזנער, אַז ער וועט אים חלילה נישט פאַראַטן אין זיין שליחות.

ר׳ פישל בלום אַרבעט נאָך היינט אין זיין טיפן עלטער אין דעם בני־ברק׳ער שטאָט ראַט און זעט ברכה אין זיין אַרבעט.

איך וואָלט נאָך פיל געדאַרפט שרייבן וועגן פּשוטע יידן, בעלי מלאכות און האַנטווערקער, חברה תהלים־יידן, און בקור חולים־יידן, האָרעפּאַשנע און פאַרמאַטערטע יידן, וועלכע האָבן זיך אַריינגעכאַפּט צו מנחה ומעריב, און צו אַ שטיקל „עין יעקב״, אָדער הערן אַ מגידישע דרשה מיט אַ האַרציקן ניגון, וואָס האָט געצויגן פאַר דער נשמה, אָבער איך האָב נישט קיין סך ידיעות וועגן זיי, וועל איך זיי דערמאָנען ביי די נעמען: —

אברהם יואל נוסבאום, בנימין שעפער, אברהם נוסבאום, בנימין צבי זלינסקי, שלום שפּערלינג, אברהם ראדזיק, לייב קאָלטאָן, יודל קאכאן, הערש־לייב לובאַוויטש, בן־ציון ראָזענפעלד, א. קאכאן, הערש שאַפּיר, אברהם חיים ליכטמאַן, הערש שוואַרץ, י. פאָגעל, ישראל שטשערבאַצקי, אברהם גולדשטיין, י. רוזגא, אברהם קאָלטאָן, אהרן גוטפעלד, הערש בער קאָטשער, אביגדור צימערמאַן, אהרן הערש נפתלי, יוסף חיים ראָזענבוים, אברהם טשאַרנאָבראָדע, יעקב סורגאל, י. כעמיאַק, זעליג פאפיאל, זיסמאַן מאַכאַנאָוויטש, ביניש קאָפּעל, מענדל גוטפעלד, חיים בער ניישטאַטער, משה פיוואַניע, אברהם באָרענשטיין, איציק לעווקאָוויטש, אליה אברהם איידליץ, הערש וואָלף גאנפעלד, מאיר בולאק, לעמעל באָרענשטיין, לייזער סורגאל, זרח בראנא, אשר לעשצינסקי, אהרן בראנא, דוד סטארע, אברהם וואַרשאַווער, מ. שערפינסקי, חיים לייב בער, אברהם לאַכמאַן, משה קאַלאמבעק, י. ברייטשטיין, מ. זיגעלבאום, מנשה וויינגראַם, אהרן שמשון קליין, שלמה ציקמאַן, מ. גראַטש.

די רשימה איז נאָך לאַנג און לאַנג אין זאָלן מיר מוחל זיין די קדושים וטהורים, וואָס זייער נאָמען איז דאָ נישט דערמאָנט געוואָרן, נישט חלילה פון קיין שלעכטן ווילן, נאָר פשוט: דער זכרון נאָך אַזאַ לאַנגער תקופה טוט זיינס!

מיט פייערדיקע און מיט בלוטיקע אותיות שיינען זייערע נעמען פאַר דעם כסא הכבוד און אויף דער ערד!

איז דאָס קאַפּיטל ריפּין פאַרענדיקט! ווי אַן איינטערגעגאַנגענע שיף אין אַ שטורמדיקן ים, פאַרזינקען אין תהום, — קיין לעבעדיקע יידן אין ריפּין און אפילו קיין בית הקברות און קיין מצבות, זענען נישטאָ.

זאָל דער פרק זיין די מצבה אויף דעם טראַגישן קבר פון די חסידים, תמימים וישרים שמסרו נפשם על קדוש השם. בעיר ריפּין.

זכרם לא ימוש מלבנו לנצח.

טוביה כבירי / # דער ועד הקהלה אין ריפין

מיטן אומקום פון דער יידישער באַפעלקערונג אין ריפין זענען אויך אָפּגעווישט געוואָרן אַלע שפורן, וועלכע וואָלטן אונדז געקענט העלפן רעקאָנסטרואירן און שאַפן דאָס בילד פון דער אַנטוויקלונג און טעטיקייט פון דער יידישער קהילה. ביים היינטיקן טאָג לעבט אין ישראל ר׳ פישל בלום, וועלכער איז אַ לענגערע צייט געווען אַ דאָזאָר. אין ישראל איז אויך געזעסן ר׳ אברהם בראון ז״ל וועלכער האָט אָפּגעהיטן אַ סך זכרונות וועגן דער טעטיקייט פון דער יידישער קהילה אין יענער צייט.

צוזאַמען מיט די דאָקומענטן, וועלכע עס האָט אונדז צוגעשיקט דער ייוו״אָ אין אַמעריקע העלפן די דאָזיקע מענטשן אונדז שאַפן דאָס בילד פון דער טעטיקייט פון ועד הקהילה. דער ועד הקהילה איז געווען אַן אָפיציעל אָנערקענטע אינסטיטוציע דורך דער צאַרישער מאַכט, מיט די רעכט אָנצופירן מיט אַלע רעליגיעזע ענינים פון דער יידישער באַפעלקערונג. דער ועד האָט געדאַרפט זאָרגן פאַרן מאַטעריעלן אויסהאַלטן דעם רב, שמשים און אַנדערע, פאַראַנטוואָרטלעך זיין פאַר דער אָרדענונג אין די קהילה בנינים, ווי די שול, בית מדרש און מקוה.

די מיטלען האָט דער ועד גענומען פון אַ ספּעציעלן שטייער וועלכער איז געווען אָבליגאַטאָריש פאַר יעדער משפחה לויט אירע מעגלעכקייטן, וועלכע זענען אָפּגעשאַצט געוואָרן דורך די באַפולמעכטיקטע דאָזאָרעס. אַנדערע פונקציעס, ווי שחיטה און חברה קדישא האָבן אין דער תקופה ביזן סוף פון ערשטן וועלט קריג אַליין זיך אויסגעהאַלטן.

דער ועד הקהילה אין ריפין האָט אויך אַרומגענומען די יידישע ישובים אין די אָרומיקע דערפער.

אַ באַזונדערס אָנגעזעענעם פּלאַץ אין הכנסות פון ועד האָבן פאַרנומען די יידישע גוטבאַזיצער אין די אָרומיקע דערפער. עס איז כדאי אונטערצושטרייכן אַז אין קעגנזאַץ צו די פוילישע פּריצים, וועלכע זענען מערסטנס געזעסן אין די גרויסע שטעט, אָדער אין אויסלאַנד און דאָרט פאַרווענדעט זייער געלט, האָבן די יידישע גוטבאַזיצער זיך אויסגעצייכנט מיט זייער געוויסנהאַפטיקער באַציאונג און פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר זייערע ווירטשאַפטן. זיי זענען געווען באַרימט מיט זייערע פעאיקייטן, מיטן ברייטן יידישן האַרץ און אָפענער האַנט.

ביי דעם ועד הקהילה האָט אויך עקזיסטירט אַ קאָמיטעט, וועלכער האָט באַזאָרגט די אומפאַרמעגלעכע מיט קאַרטאָפל און ברען־מאַטעריאל אויפן ווינטער. אַ באַזונדערס פאַרשטאַרקטע טעטיקייט האָט דער קאָמיטעט געפירט פאַרן דערנענטערן זיך פון די פסח־טעג. די פּראָדוקטן זענען דעמאָלט געשיקט געוואָרן דירעקט צו די נויטבאַדערפטיקע און עס איז געטון געוואָרן אַלץ, אַז זיי זאָלן זיך נישט פילן אין קיין פאַרלעגנהייט.

ביים סוף פון נייצענטן יאָרהונדערט איז פאַרענדיקט געוואָרן דאָס באַנייען די שול, וועלכע האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר אַרכיטעקטאָנישער שיינקייט. די בילדער אינעווייניק זענען געמאָלן געוואָרן דורך אַ באַרימטן מאָלער פון יענער צייט. אַ באַזונדערס אימפּאָזאַנטן איינדרוק האָט געמאַכט דער ארון קודש וועלכער האָט געהאַט אַ הויך פון 8 מעטער און איז געווען באַצירט מיט קינסטלעריש אויסגעפאַרטיקט שניצערייען.

דער ועד הקהילה האָט זיך פאַרנומען מיט שטיצן מאַטעריעל נישט בלויז די אָרטיקע נויטבאַדערפטיקע, נאָר אויך דורכוואַנדערנדיקע אָרעמעלייט. גרויס אויפמערקזאַמקייט איז געשאָנקען געוואָרן דער חברה „ביקור חולים״, וועמענס מיטגלידער פלעגן זיצן גאַנצע נעכט ביי קראַנקע, באַזאָרגן זיי מיט מעדיצינישער און מאַטעריעלע הילף. גאַנץ אָפט האָט די חברה „ביקור חולים„ גענומען אויף זיך די קאָסטן פון איבערפירן דעם קראַנקן צו אַן אָפּעראַציע אין אַן אַנדערער שטאָט.

די דאָזאָרעס זענען אויסגעוויילט געוואָרן דורך דער באַפעלקערונג. די וואַלן זענען פאָרגעקומען אין בית המדרש און רעכט צום וויילן האָט געהאַט יעדער וואָס האָט געצאָלט עטאַט.

קיין פאַרטייען האָבן נאָך אין יענער צייט נישט געקעמפט פאַר זייערע קאַנדידאַטן. די באַפעלקערונג אין ריפין איז באַשטאַנען פון פאַרשידנערליי חסידים און מתנגדים.

די באַציאונגען צווישן דער אָרטיקער מאַכט און דעם ועד הקהילה זענען אין יענער צייט געווען צופרידנשטעלנדיקע. די קריסטלעכע מאַכטהאָבער פלעגן אָפּשטאַטן וויזיטן ביים רב, ביי די קהילה פאַרשטייער און פלעגן אויך קומען אין שול צו „כל־נדרי". דאָך זענען אַלע רעגירונגס־אַמטן געווען יידן־ריין.

מיטן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט מלחמה אין יאָר 1914 איז צעשטערט געוואָרן די גאַנצע אַרבעט פון דעם ועד הקהילה. אויפן דריטן טאָג נאָך דער קריגס דערקלערונג האָט דאָס מיליטער, פּאָליציי און ציווילע אדמיניסטראַציע פאַרלאָזט די שטאָט. די שטאָט וואָס האָט זיך געפונען אויף דער גרענעץ איז מיטאַמאָל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין קיינעמס לאַנד. דאָס איז פונקט אויסגעפאַלן אין תשעה־באב. פון דעמאָלט אָן האָבן זיך כמעט יעדן טאָג באַוויזן אין שטאָט אָפּטיילונגען, אָדער פּאַטראָלן פון ביידע קעמפנדיקע אַרמייען, זענען פאַרבליבן אַ קורצע צייט אין שטאָט, אויפגעהאַנגען די נאַציאָנאַלע פאָן, ביז עס זענען געקומען אַנדערע און די פריערדיקע האָבן זיך אָפּגעטראָגן.

די עקאָנאָמישע לאַגע פון דער באַפעלקערונג איז געווען אַ פאַרצווייפלטע. עס זענען נישט געווען קיין טראַנספּאָרט מיטלען און עס איז אָפּגעשטעלט געוואָרן דער פאַרקער צווישן שטאָט און דאָרף. דעמאָלט האָט דער ועד הקהילה גענומען אויף זיך די איניציאַטיוו און גערופן די פאַרשטייער פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג, כדי מיט געמיינזאַמע כוחות אָרגאַניזירן אַ זעלבסטפאַרוואַלטונג. עס איז דעמאָלט געשאַפן געוואָרן אַ מיליץ פון פרייוויליקע יידישע און קריסטלעכע יונגעלייט. צוליב דעם וואָס מען האָט פאַרלוירן דעם צוטרוי סיי צום רוסישן געלט און סיי צום דייטשן, האָט די זעלבפאַרוואַלטונג דעמאָלט אָפּגעדרוקט אייגענע מטבעות, וואָס זענען גאַראַנטירט געוואָרן מיטן שטאָטישן פאַרמעגן. דאָס האָט אין אַ געוויסע מאָס געהאָלפן ליקווידירן דעם כאַאָס און נאָרמאַליזירן דאָס לעבן אין שטאָט.

זומער 1914 איז פאָרגעקומען די גרויסע אָפענסיווע פון דער צאַרישער אַרמיי אויף מזרח־פרייסן, וועלכע האָט אויך מאַרשירט דורך ריפין. עס איז אַריבער אַ קורצע צייט און די זעלבע אַרמיי איז געלאָפן אויף צוריק. די פאַרשטייער פון ועד הקהילה האָבן דעמאָלט אַרויסגעוויזן אַ סך מוט און גבורה, קומענדיק צו די קאָזאַקישע אָפיצירן און זעלנער און געברענגט זיי מתנות, און אַזוי אַרום אָפּגעראַטעוועט די יידישע באַפעלקערונג פון איבערפאַלן און פאָגראָמען, וועלכע זענען אין אַנדערע שטעט געווען אַן אָפטע דערשיינונג.

האַרבסט 1914 האָט אין שטאָט זיך באַוויזן די גרויסע אַרמיי פון דייטשן אָקופּאַנט. דער קאָמענדאַנט האָט אַרויסגערופן פאַרשטייער פון דער יידישער און קריסטלעכער באַפעלקערונג און זיי דערקלערט, אַז דערפאַר וואָס די דייטשע אַרמיי איז אין ריפין באַשאָסן געוואָרן דורך דער ציווילער באַפעלקערונג, ווערט אויף דער שטאָט אַרויפגעלייגט אַ שטראָף. די אונטערהאַנדלונגען האָבן זיך געצויגן גענוג לאַנג ביז עס איז ענדלעך דער רעפּרעזענטאַנץ פון דער ריפינער באַפעלקערונג געלונגען אויסצובייטן די שטראָף אויף אַ הויכער געלט־קאָנטריבוציע. די יידישע פאַרשטייער זענען דעמאָלט געגאַנגען פון שטוב צו שטוב און צונויפגעזאַמלט די געפאָדערטע קאָנטריבוציע. די יידן, וועלכע זענען שוין געווען גענוג אויסגעמאַטערט, האָבן נישט אָפּגעזאָגט און יעדער האָט געגעבן דאָס געלט לויט זיינע מעגלעכקייטן.

די דייטשע אָקופּאַציע האָט אָנגעהאַלטן ביזן סוף פון דער ערשטער וועלט מלחמה. עס האָט צוריק אויפגעלעבט דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן. עס האָבן זיך ווידער אָרגאַניזירט די פּאַרטייען, וועלכע האָבן אויך געפירט אַ לעבהאַפטיקע קולטור־אַרבעט. באַזונדערס אינטענסיווע אַרבעט האָבן געפירט דער החלוץ און די פאָלקס־ביבליאָטעק.

עס האָט זיך באַדייטנדיק פאַרבעסערט די עקאָנאָמישע לאַגע און קיין ריפין זענען געקומען אַ סך נייע איינוואַנדערער פון אַנדערע שטעט, ווו עס האָט

געהערשט נויט און הונגער. דער וועד הקהילה האָט פאַר די דאָזיקע נייע מענטשן אָרגאַניזירט ברייטע הילפס־אַקציעס.

אין יאָר 1916 זענען פאָרגעקומען נייע וואַלן צום ועד הקהילה, וועלכע האָט אויך געהאַט די פונקציע פון אַ זעלבסטפאַרוואַלטונג, נישט נאָר אין רעליגיעזע ענינים, נאָר אויך יורידישע.

נאָכן סוף פון דער וועלט־מלחמה, ווען ריפּין איז איינגעגלידערט געוואָרן אין דער ניי־ אויפגע־שטאַנענער פּוילישער רעפּובליק, זענען א סך יידישע יינגעלייט מאָביליזירט געוואָרן און אַוועקגעשיקט אויפן פראָנט צו קעמפן קעגן דער רוסישער ארמיי. אין ריפּין האָבן זיך באַוויזן די באַרימטע פּאָזניאַנטשי־קעס, די העלדן פון גענעראַל האלערס פּולקן, וועלכע זענען באַפאַלן יידן אין דער גאַס, געריסן און געשוירן בערד, געשלאָגן און גערויבט.

עס האָט געדויערט אַ געוויסע צייט און אויך די קליינע מלחמה האָט זיך געענדיקט. די יידישע יונגע־לייט זענען צוריקגעקומען פון פראָנט און גענומען זיך רייסן אין דער גרויסער וועלט. אין ריפּין האָט די יידישע יוגנט מיט אַלע כוחות געשטרעבט צו פאָרן קיין ארץ ישראל.

ריפּין האָט אין יענער צייט איבערגעלעבט אַ שווערן עקאָנאָמישן קריזיס. דער ועד הקהילה האָט אַרויסגע־וויזן אַ סך איניציאַטיוו און איבערגעגעבנקייט. מיט דער הילף פון דזשאָינט איז געפירט געוואָרן אַ ברייט פאַרצווייגטע הילפס טעטיקייט. אַ באַזונדערס רייך קאַפּיטל פון הילף פאַר דער יידישער באַפעלקערונג אין ריפּין האָט דער ועד הקהילה צו פאַרצייכענען אין דער צייט פון פּוילישן פינאַנס־מיניסטער גראַב־סקי, וועמענס שווערע האַנט האָט זיך אַזוי ברוטאַל געלייגט אויף דעם אויסגעמאַטערטן יידישן מיטל־שטאַנד. דער ועד הקהילה האָט אַ גרויסע טייל יידן געהאָלפן עולה זיין קיין ארץ ישראל.

אין יאָר 1926 האָט די פּילסודסקי רעגירונג פאַר־עפנטלעכט אַ דעקרעט, וואָס האָט פאַרפּליכטעט גע־היימע וואַלן צו דער קהילה. וואַלרעכט האָט געהאַט יעדער וואָס האָט געוווינט אין שטאָט במשך אַ יאָר, נישט אָפּהענגיק צי ער האָט באַצאָלט דעם עטאַט צי נישט. נאָכן פאַרעפנטלעכן דעם דעקרעט זענען אין ריפּין פאָרגעקומען די וואַלן צום ועד הקהילה. דער וואַלקאַמף איז געווען אַ פאַרביסענער. צום שאַרפסטן איז געווען דער געראַנגל צווישן די אָרטאָ־דאָקסן און די ציוניסטן. די אָרטאָדאָקסן זענען גע־שטיצט געוואָרן דורך דער „סאַנאַציע“, וועלכע איז דעמאָלט געווען די רעגירונגס־פּאַרטיי און געווען פאַראינטערעסירט צו האָבן אַן איינפלוס צווישן דער יידישער באַפעלקערונג, קעגן די ציוניסטישע פּאַר־טייען, וועלכע האָבן אַקטיוו געפירט דעם קאַמף פאַר די נאַציאָנאַלע רעכט פון די מינדערהייטן. נישט געקוקט דערויף האָבן די ציוניסטן אין ריפּין אָפּגע־האַלטן אַ זיג, באַקומענדיק אַן אַבסאָלוטע מערהייט אין ועד הקהילה.

ניימאַן וואַרשאַ / אונזערע קינדער אין ישראל

עס איז צוועלף ביינאַכט. אין דער פינצטער מאַרשירן מיידלעך אין מיליטערישער פאָרם. זיי גייען מיט שטאָלץ, אָן מורא. זיי טראָגן מאָדערן געווער.

זענען דאָס יידישע מיידלעך? טעכטער אָדער איי־ניקלעך פון מאַניע זאָנאַבענד, הדס סקורקי, צעריל קאָרעווא, צו שטענצעלס און אַנדערע ריפּינער פרויען, וועלכע זענען אַלס מיידלעך געשטאַנען ביים פענצטער מיט פאַרצויגענע פאַרהאַנגען און געציטערט ווען אַ שייגעץ איז פאַרבייגעגאַנגען?

וועמען האָט עס געחלומט, אַז איך וועל עס דער־לעבן צו זען מיט מיינע אויגן דעם איבערגאַנג פון פחדנות צו שטאָלצער העלדישקייט?!

דאַנקנדיק גאָט האָב איך אויסגעשריגן: שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה!


ניו־יאָרק


שמואל כהן / דער פאַרמעסט צו די וואַלן פון שטאָט־ראַט

די דאָזיקע דאָקומענטן, וועלכע שפּיגלען אָפּ אַ טייל פון דער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט אין אונדזער שטאָט מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק, קומען פון די אַרכיוון פון ייוו"א אין אַמעריקע. מיר זענען דערפאַר דאַנקבאַר דער דאָזיקער אינסטיטוציע און אירע אָנפירער פאַר דער הייליקער אַרבעט, וואָס ווערט דורך זיי געפירט. אַ האַרציקן יישר כוח קומט אויך אונדזער חבר יחיאל קאָהן פאַר זיין זאָרגן און באַמיען זיך, אַז די פאָטאָגראַפירטע דאָקומענטן זאָלן דערגיין צו אונדז צום פאַרעפנטלעכן אינעם יזכור־בוך נאָך די קדושי ריפּין.

דאָס איז געווען אין יאָר 1919. דער וואַל־קאַמף צום שטאָט־ראַט איז מיט יעדן טאָג געוואָרן אַלץ הייסער און פאַרביסענער. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין שטאָט האָט זיך נישט באַגנוגנט מיט דער טעטיקייט פון זאַמלען געלט און אַנדערע אויפגאַבן לטובת ארץ־ישראל, נאָר האָט גענומען אויף זיך אויך די אויפגאַבע פון פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין שטאָט, לעזן אַזעלכע וויכטיקע פּראָבלעמען, ווי דערציונג און בילדונג, קולטור און סאָציאַלע באַדינגונגען. איבער אַלעם איז געווען דער קאַמף קעגן יעדער דערשיינונג פון נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג, פאַר פאַרטיידיקן די רעכט פון יידן אַלס נאַציאָנאַלע מינדערהייט.

אין נאָמען פונעם ציוניסטישן קאָמיטעט איז דעמלט אַרויסגעטראָטן יחיאל פלאַצער מיט אַ רוף צו די


Związek Sjonistyczny
„BNEJ-SION"
w Rypinie.
אגודת
„בני־ציון"
בריפין.
Rypin, dnia 191





№ 1. № 1.

יודישע ארבייטער און
פאלקס־מאסען, מענער און פרויען!

ווילט איהר קעמפען געגען דעם לעבען אין חקות און נויט,
ווילט איהר אז די עטליכע הונדערט יודישע אריםע קינדער
זאלין האבען א פאלקס־שול און בעקומען אנערציהונג און נישט
ווערען מאראליש פערדארבענע,
ווילט איהר קעמפען פאר אייער בעפרייאונג אלס ארבייטער און יודען,
דאן שטימט נישט פאר די ציוניסטען ארטאדאקסען און אנדערע
וועלכע זענען די פערטרעטער פון דער יודישער רעאקציע.
פיהלט איהר זיך אלס שטאלצע מענשען און יודען,
ווילט איהר סוף נעמען צו דער נאציאנאלער אונטערדריקונג פון דער יודישער בעפעלקערונג — דאן שטימט נישט פאר'ן אסימילאטארישען „בונד" וואס ביי יעדער געלעגענהייט פערשאכערט ער אונזערע נאציאנאלע פאדערונגען.
ווילט איהר האבען פערטיידיגער פון די פאדערונגען:
פאר אלגעמיין ברויט, ארבייט, דירות און בילדונג,
ווילט איהר קעמפען פאר אייער פאלשטענדיגע בעפרייאונג — פאר'ן סאציאליזם
ווילט איהר קעמפען פאר אייער פולשטענדיגע בעפרייאונג — פאר די יודישע נאציאנאלע אויטאנאמיע אין פוילען
און פאר'ן יודישען ארבייטס־צענטער אין ארץ־ישראל
דאן געהט אלע ווי איין מענש זונטאג דעם 31 צו די וואהלען
און שטימט פאר די ליסטע פון פועלי־ציון № 1.


№ 1. דרוק ב. גרינבערג ריפין № 1.

די תשובה פון „פועלי־ציון" ווי זי וואַרפט אָפּ דעם פּראָיעקט פון „בני־ציון" צו שליסן אַ פאַראייניקטן יידישן בלאָק צו די שטאָט־ראַט וואַלן אין ריפּין


יידישע פּאַרטייען, וועלכע זענען געווען טעטיק אין ריפּין און האָט זיי פאָרגעשלאָגן צו שאַפן אַ פּאַריי־ניקטן יידישן בלאָק, וואָס זאָל גיין צוזאַמען צו די וואַלן צום שטאָט־ראַט.

עס האָט אויסגעזען, אַז אַלע פּאַרטייען וועלן אַרויסווייזן די מאַקסימאַלע פאַרשטענדעניש פאַרן דאָזיקן פאָרשלאָג, וואָס וואָלט פאַרשטאַרקט די מעג־לעכקייטן פון פאַרטיידיקן די באַדראָטע אינטערעסן פון יער יידישער באַפעלקערונג אין ריפּין. נישט אַזוי האָט עס אָבער אויסגעזען אין דער ווירקלעכקייט. יעדע פּאַרטיי האָט געהאַט פאַר די אויגן אירע איי־גענע אינטערעסן און דער וואַל־קאַמף איז געווען אַ שאַרפער און פאַרביסענער. אין דער דאָזיקער הינ־זיכט האָט זיך ווייניק געענדערט אין יידישן וועלטל, „סדנא דארעא חד הוא". פונקט ווי אַמאָל אין ריפּין קומט אויס אויך היינט צו זיין עדות פון ענלעכע דער־שיינונגען.

דער פאַרמעסט צו די וואַלן פון שטאָט־ראַט



№ 5




יידען וועהלער!

יידען!

און שטימען נאר פאר אונזער ליסטע

№ 4



צו אלע יידישע וועהלער און וועהלערינס!

דאָס זענען די פּאָטאָ־קאָפּיעס פון בריוו, פּלאַקאַטן און פלוג־בלעטער פון יענער צייט, וואָס ווייזן דעם מאַנגל פון פאַרשטענדעניש פאַר נאַציאָנאַלער איינהייט אין קאַמף מיט די קעגנער. — אַנשטאָט צו פאַראייניקן אַלע כּוחות אין קאַמף קעגן פאַרביסענעם און געפעפּערטן שונא, האָט מען זיך געלאָזט באַהערשן פון קליינלעכע אַמביציעס און אויבנאויפיקע קאָנפליקטן.


שמואל כהן

די פארטרעטערשאפט פון אלע יידן אין ריפין

א באזונדער קאפיטל איז די טעטיקייט פון דער יידישער קהילה. איך פיל א חוב צו דער־מאנען ביי דער געלעגנהייט די פארדינסטן און טעטיקייטן שלא על מנת לקבל פרס פונעם עסקן און שליח ציבור, דעם לאנג־יעריקן פרנס און ראש־הקהל אונזערן ר' פישל בלום, וואס געפינט זיך אין ישראל, אין בני־ברק, און פון טיפן הארצן ווינטשן מיר אים אריכות ימים.

די יידישע קהילה אין ריפין איז געווען די פאר־טרעטערשאפט פון אלע יידן, כלפי פנים און כלפי חוץ.

מען קאן זאגן, אז זי האט געפירט איר ארבעט ווי א מלוכה אין א מלוכה, אלע האבן זיך געווענדן צו דער קהילה סיי בנוגע סובסידיעס פאר שולן און אוונט־קורסן און סיי בנוגע סאציאלע שטיצע פאר קראנקע און שפיטאלן. דאס באשטעטיקן אויך בולט די אלע שריפטלעכע דאקומענטן, וועלכע ווערן פאר־עפנטלעכט אין דעם בוך און ס'קומט א דאנק און א יישר כוח דעם יידישן וויסנשאפטלעכן אינסטיטוט (ייוו"א, ניו־יארק), אין וועמענס ארכיוון עס זענען ביזן היינטיקן טאג אפגעהיטן געווארן די דאקומענטן, וואס שפיגלען אפ די געזעלשאפטלעכע און פאליטישע



ווענדונג פון דער ארגאניזאציע „צעירי אמוני ישראל" צום ועד הקהילה וועגן אונטערשטיצן די אוונט־קורסן פאר פארשידענע יידישע לימודים, בייליגנדיק דעם בודזשעט אויף א חודש

טעטיקייט פון דער ריפּינער קהילה מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק.

אונזער קהילה האָט זיך נישט אָפּגעשלאָסן און באַגרענעצט אין אירע ד׳ אַמות. זי האָט אָנגעהאַלטן קאָנטאַקטן און געפירט אַ לעבהאַפטן מיינונגס־אויסטויש מיט די קהילות פון די שכנותדיקע שטעטלעך. אינטערעסאַנטע שאלות ותשובות האָבן צווישן זיך געפירט די קהילות פון ריפּין און שערפּץ.

אין די צייטן פון תוהו ובוהו, ביים סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען די ערשט־געבוירענע פּוילישע מלוכה האָט זיך נישט געקענט קיין עצה געבן איינצופירן רו און אָרדענונג, האָט די יידישע קהילה אין ריפּין גענומען אויף זיך די אַחריות פאַר דער זיכערקייט פון יידישן לעבן און פאַרמעגן. דורך איר איניציאַטיוו איז דערלויבט געוואָרן די יידישע בחורים אריינצוטרעטן אין דער ריפּינער פּאָליציי. די גאַסן אין ריפּין זענען געהיטן געוואָרן דורך יידישע יונגע־לייט מיט געווער אין האַנט.

עס געדענקט זיך נאָך עטלעכע פון זיי: צדוק זאָנאַבענד, שמואל גאָלדרייך, מאיר קאַמינסקי (די ערשטע צוויי געפינען זיך אין ישראל).

אהרן דזיאלדאָווסקי / אויסגעמיטן א פאגראם

ריפּין האָט געהאַט אַ יידישע באַפעלקערונג, וואָס איז געווען וויניקער פון אַ דריטל פון דער אַלגעמיינער. אָבער די וויכטיקסטע האַנדלס־צווייגן זענען געווען אין יידישע הענט, דאָס זעלבע איז אויך געווען אין באַצוג צו האַנטווערקעריי און קליין־אינדוסטרי. אויף יעדן געביט האָט זיך אַרויסגעוויזן דער יידישער פלייס און ענערגיע. די באַציאונגען צווישן יידן און קריסטן זענען געווען נאָרמאַלע.

אין אַ גרויסער מאָס האָט געהאָלפן שאַפן גוטע באַציאונגען דער פאַקט, וואָס אַרום ריפּין זענען געווען עטלעכע יידישע גוטבאַזיצער, ווי חיים אייבעשיץ און זיין זון סטעפאַן פון דאָברע, ברידער קאָהן פון גרויס־ראַדזיק, לאַבענדז פון טשומסק, ברידער קאָהן פון ראַדזינעק א. אַ. וו. וועלכע האָבן מיט זייער פלייס און וויסן אַוועקגעשטעלט זייערע גיטער אויף דער העכסטער מדרגה און דערפירט דערצו, אַז פּוילישע גוט באַזיצער האָבן ביי זיי געזוכט פּראַקטישע עצות, ווי אַזוי צו אַנטוויקלען זייערע „מאַיאָנטקעס". באַזונדערס געשעצט ביי דער קריסטלעכער און יידישער באַפעלקערונג איז געווען די פאַמיליע בעלדיגער פון גרויס־ראדזיק, אברהם בעלדיגער איז געווען אַ טעטיקער מיטגליד אין פאַרשידענע רעגירונגס־אינסטיטוציעס אין ריפּין און מיט זיין איבערגעגעבענער אַרבעט פאַרטרעטן מיט שטאָלץ די יידישע באַפעלקערונג און דערמיט אויך געהויבן איר פּרעסטיזש.

די ברידער קאָהן זענען געווען אַסימילירטע יידן, נאָך געווען נישט־פאַרהייראַטע בחורים, נאָר איינער פון זיי, איזידאָר, האָט ליגנדיק קראַנק אין אַ וואַרשעווער שפּיטאָל באַשלאָסן צו הייראַטן מיט דער קראַנקן־שוועסטער. די פרוי קאָהן האָט אָבער אַלס קריסטין געהאַט אויך אַ זעלטענע פאַרשטענדעניש פאַר יידישע ליידן. אַ דאַנק איר האָבן די ברידער קאָהן אָפט געשפּענדעט גרעסערע סומעס געלט פאַר יידישע אינסטיטוציעס.

גרויס אָנזען און כבוד האָט געברענגט ר׳ בצלאל שטענצעל מיט זיין טעטיקייט אַלס „לאַווניק" פון ריפּינער שטאָט־ראַט במשך פון פיל יאָרן. דער בירגערמייסטער און אַלע ראַטמענער האָבן זיך גאָר שטאַרק גערעכנט מיט זיינע מיינונגען אין פאַרשידענע פראַגן פון דער פאַרצווייגטער שטאָט־ווירטשאַפט. אַלס אויסדרוק פון אַנערקענונג פאַר די פאַרדינסטן פון בצלאל שטענצעל איז מיט איניקע יאָר שפּעטער אויפגענומען געוואָרן זיין זון נחמיה (העניעק) אַלס באַאַמטער. דער דאָזיקער סימפּאַטישער און געשיקטער בחור איז געווען דער איינציקער יידישער באַאַמטער אין מאַגיסטראַט.

אָבער די יידיש־פּוילישע אידיליע האָט זיך גע־

ענדיקט. פלוצלינג איז די מגפה פון יידן־האַס אַריינגעדרונגען אויך קיין ריפּין. פּאָליאַקן האָבן אָנגעהויבן עפענען געשעפטן און וואַרשטאַטן אין פאַרשידענע בראַנזשעס, וועלכע האָבן זיך יאָרן לאַנג געפונען אויסשליסלעך אין יידישע הענט.

ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ פינצטערע אַגיטאַציע צו באָיקאָטירן דעם יידישן האַנדל און מלאכה און פּאָליאַקן זענען אויפגעפּאָדערט געוואָרן צו קויפן נאָר ביי די פריש אויפגעקומענע געשעפטן.

איניקע יאָר פאַרן קריג־אויסברוך האָבן די ריפּינער אַנטיסעמיטן אויסגעטאָן דאָס שעם־היטל און אָנגעהויבן פירן זייערע פאַרברעכערישע מעשים גאַנץ אָפן. די גאַסן זענען פאַרפּליצט געוואָרן מיט פאַרשידענע אויפרופן און אַנטיסעמיטישע לאָזונגען, וואָס זייער אינהאַלט איז געווען: „ראַטעוועט פּוילן און באָיקאָטירט יידן״.

די אָנגעשטרענגטע לאַגע אין דער שטאָט און די שרעק פאַר דערוואַרטעטע אומאַנגענעמע איבעראַשונגען האָבן געשטעלט די יידישע געזעלשאַפטלעכע עסקנים אויף דער וואַך און טאָג־טעגלעך זענען פאָרגעקומען באַראַטונגען ביים ריפּינער רב הרב נוטקעוויטש. אויף איין באַראַטונג איז באַשלאָסן געוואָרן צו שיקן אַ דעלעגאַציע צום טאָרונער וואָיעוואָדע, געוו. מיניסטער ראַטשקיעוויטש און שילדערן פאַר אים די קריטישע זיכערהייטס־לאַגע פון די ריפּינער יידן. די דעלעגאַציע איז באַשטאַנען פון אַדוו. ד״ר איזידאָר פישגרונד פון וואָדאוויצע, נעבן קראָקע, וועלכער האָט די לעצטע יאָרן פאַרן קריג זיך באַזעצט אין ריפּין. משה בורשטין — מיטגליד פון דער קהילה־פאַרוואַלטונג — אַן אומדערשראָקענער קעמפער פאַר יידישע רעכט, און דער שרייבער פון די שורות, וועלכער האָט דעמאָלט פאַרנומען דעם אַמט פון סעקרעטאַר אין דער קהילה.

נאָכן באַקומען די טעלעפאָנישע באַשטעטיקונג פון ביוראָ פון וואָיעוואָדע איז די דעלעגאַציע געפאָרן קיין טאָרון און אויפגענומען געוואָרן דורכן וואָיעוואָדע, וועלכער האָט געשמט אַלס ליבעראַלער קריסט. ד״ר פישגרונד האָט אין נאָמען פון דער דעלעגאַציע פאָרגעשטעלט פאַרן וואָיעוואָדע די שרעקלעכע באַדינגונגען אין וועלכע ס׳לעבט דאָס יידישע ריפּין, געגעבן אַ כראָנאָלאָגישן איבערבליק איבער אַלע געשענישן און זיך געוואָנדן צום וואָיעוואָדע אָנצווענדן זיין השפעה אויסצומיידן די שרעקלעכע ליידן, וועלכע ס׳דערוואַרטן דער יידישער באַפעלקערונג דעם קומענדן דינסטיק. דער וואָיעוואָדע האָט צוגעזאָגט צו שיקן אַ גרעסערן פּאָליציייאישן כוח צום געפּלאַנטן יריד און אַז ער אַליין וועט נאָכפאָלגן דורך טעלעפאָנישע באַריכטן דעם מצב אין שטאָט.

צוריקקערנדיק זיך קיין ריפּין איז גלייך גערופן געוואָרן אַ גרעסערע באַראַטונג פון עסקנים פון אַלע קרייזן פון דער יידישער באַפעלקערונג, אויף וועלכער די דעלעגאַציע האָט אויספירלעך באַריכטעט וועגן דער אינטערוועניץ ביים וואָיעוואָדע. מיט אַ געמישט געפיל פון האָפענונג און שרעק האָט מען דערוואַרט דעם יריד־טאָג. דער מאַרק און די אַרומיקע גאַסן זענען ווידער באַזעצט געוואָרן מיט די שטעלן און טישן פון יידישע סוחרים און האַנטווערקער. מ׳האָט אויסגעפּאַקט די באַלן סחורות, מאַנופאַקטור, גאַלאַנטעריע, מלבושים, שיך, שטיוול און אַנדערע זאַכן. אין די גאַסן האָבן אָנגעהויבן שטראָמען מאַסן פּויערים פון דער נאָענטער און ווייטער סביבה, פיל צווישן זיי זענען געווען „ווילדע יונגען״, באַוואָפנט מיט שטעקנס און דרענגער. די יידישע געשעפטן זענען אַרומגערינגלט געוואָרן מיט די „פּיקעטניקעס״ וועלכע האָבן נישט דערלאָזט די פּויערים איבערטרעטן אַ יידישע שוועל. דאָ און דאָרט זענען פאָרגעקומען אינצידענטן, ווען מער געוואַגטע יידן האָבן געפּרווט זיך קעגנשטעלן. צום גליק איז דעם זעלבן טאָג, באַלד אין דער פרי באַלאַגערט געוואָרן די שטאָט מיט גרעסערע אָפּטיילונגען פון פּאָליציי, וועלכע איז געקומען פון טאָרון און דער סביבה, באַוואָפנט מיט מאַשין־געווער. די לאַגע איז דעם גאַנצן טאָג געווען שטאַרק אָנגעשטרענגט און ווען ס׳האָבן זיך דערנענטערט די אָוונטשעהן און די כוליגאַנעס האָבן זיך צוריקגעקערט צו זייערע היימען, האָבן די יידן אַ ביסל פרייער אָפּגעאָטעמט.

די קהילה־פאַרוואַלטונג האָט אָבער נישט גערוט און געזאָרגט וועגן ווייטערדיקע שריט צו פאַרבעסערן די געשאַפענע לאַגע. און ווידער איז באַשלאָסן געוואָרן

פאַרצושטעלן זיך פאַרן ריפּינער סטאַראָסטע און פאָדערן ווייטערדיקע שוץ.

דעם נאָענטסטן שבת זענען די מיטגלידער פון דער קהילה־פאַרוואַלטונג שמעון כהן, יצחק בוכמאַן, משה בורשטיין, מיכל לוקסענבורג און לעמעל רויזא צוזאַמען מיטן קהילה סעקרעטאַר אויפגענומען געוואָרן דורכן סטאַראָסטע. אונטערן שווערן איינדרוק פון די געשעפּענע באַדינגונגען האָב איך געגעבן אַן איבערבליק איבער דער געשפּאַנטער לאַגע און זיך דערלויבט אויף דער באַמערקונג, אַז אַ דאַנק אונזער אינטערווענץ ביים וואָיעוואָדע און דעם דערשיינען פון אַ שטאַרקן פּאָליציייאישן כוח איז אויסגעמיטן געוואָרן אַ פּאָגראָם אויף יידן.

די לעצטע ווערטער האָבן אַרויסגעברענגט דעם סטאַראָסטע פון די כלים און ער האָט מיט גרויס כעס אויסגעשריגן: „ווי וואַגט איר צו רעדן וועגן אַ פּאָגראָם אויף יידן? צי גיט איר זיך אָפּ אַ דין וחשבון פון די קאָנסעקווענצן, וועלכע איר וועט דאַרפן טראָגן?...״ גלייך נאָך דעם איז דער סטאַראָסטע אַרויס פון אויפנאַם־צימער, איבערגעלאָזט די דעלעגאַציע און פאַרהאַקט נאָך זיך מיט כעס די טיר.

נאָכן טרויעריקן אינצידענט איז ביים ריפּינער רב פאָרגעקומען אַ דרינגנדע זיצונג פון עסקנים, כדי צו באַשליסן וועגן די ווייטערדיקע שריט. די באַראַטונג האָט דעצידירט זיך ווענדן צום „יידישן קאָלאָ״ פון סיים און סענאַט און בעטן זייער הילף.

די „קאָלאָ״ האָט איינגעשטימט, אַז מיר זאָלן אַרויסשיקן אַ דעלעגאַציע צום אינערן־מיניסטעריום און דער סענאַטאָר הרב יצחק רובינשטיין פון ווילנע האָט רעפערירט וועגן מצב פון דער יידישער באַפעלקערונג אין ריפּין. די פייערלעכע פאַרזיכערונג פון דירעקטאָר, אַז דאָס אינערן־מיניסטעריום וועט טאָן אַלץ, כדי צו שיצן דאָס לעבן און פאַרמעגן פון דער יידישער באַפעלקערונג האָט באַרואיקט די ריפּינער יידן און די אַנטיסעמיטישע העצע איז באַדייטנדיק אָפּגעשוואַכט געוואָרן.

צבי בר־און / די ראל פון יידן אין לעבן פון דער שטאט

ריפּין — איינע פון די הונדערטער שטעטלעך אין פּוילן מיט די בערגיקע געסעלעך און גאַסן און דעם סימעטרישן פירעקיקן מאַרק. יעדן דינסטיק און פרייטיק פלעגט מען אים באַצירן מיט בוידן, שטענדער און טישלעך, ווו יידן האָבן אויסגעהאָנגען זייערע פאַרשידענע סחורות צו פאַרקויפן.


ווען ס׳פלעגט קומען אַ יריד־טאָג, האָבן שוין די איינוווינער אַרום דעם מאַרק נישט געקענט צוטאָן קיין אויג, ווייל אַ גאַנצע נאַכט פלעגט מען טומלען און שרייען; עס פלעגן אָנפאָרן אָנגעפּאַקטע וועגענער מיט מלבושים, שוכוואַרג, מאַנופאַקטור און גאַלאַנטעריע־סחורות; אויף די סחורות פלעגן זיצן איינגעהילטע יידן, אַראָפּטאַנצן פון די וועגענער, מיט גרויס אימפעט זיך נעמען אויפשטעלן די בוידן, אויספּאַקן די געפּעק און גרייטן זיך צום גרויסן פדיון.

אַרום דעם מאַרק זענען געווען בלויז יידישע געשעפטן, וואָס האָבן זיך אויך צעשפּרייט אין די צוויי פליגל־גאַסן גדאַנסקע און קילינסקיעגאָ (דער המשך פון גדאַנסקא האָט פאַרבונדן דאָס בריקל איבערן טייכל מיט דער קאָשטשושקאָ גאַס — אַמאָל די פּיאַסקעס — וואָס האָט זיך געצויגן ביז צו דער אַמאָליקער סטאַציע פון דער קאָלייקע אויף פערד, וואָס איז געגאַנגען קיין דאָבזשין). דעם מאַרק האָט אויך פאַרבונדן מיט דער טאַרגאָווע גאַס (די שול־גאַס) די ברייטע ליק, די שמאָלע ליק און די קאָזע ליק. אויף דער טאַרגאָווע גאַס האָט זיך געפונען די שול, בית המדרש און תלמוד תורה; דאָ האָבן זיך אויך קאָנצענטרירט די חדרים פון לאָמזשער, דראָבנינער, אברהם אהרן, לייזער יהודה, הערשלכיע, סטאַשעווסקי, ווו מען האָט מיט יידישע קינדער געקנעלט תורה.

דעם מאַרק האָט אויך פאַרבונדן אויף דער צווייטער זייט די זדונסקאַ גאַס מיט דעם אַזוי־גערופענעם

הינטערן־באַרג, ווו די קינדער פון דער סביבה פלעגן פאַרברענגען זייער פרייע צייט מיט שפּילן אין פּאַלאַנט, פאָרן מיט רייפן, האַלטן מלחמות, שפּילן אין קלאַס, אין באַהעלטעניש. אין סעזאָן פון די טרוסקאַווקעס פלעגן זיך חברה אַראָפּלאָזן פון הינטערן־באַרג אויפן פעלד פון ריינע שאדלער און זיך אָנרייסן פולע טאַשן רויטע טרוסקאַווקעס. און אַז די נאַכט איז צוגעפאַלן און די מאַמעס האָבן אָנגעהויבן דאגהן אַז די קינדער זענען נאָך אין שטוב נישטאָ, פלעגן זיי שוין וויסן, אַז דאָס אָרט ווו מען קען זיי געפינען איז הינטערן־באַרג.

דער המשך פון קילינסקיעגאָ גאַס איז געווען



בילד פון דער גדאַנסקע־גאַס, געמאָלן דורך נחמיה שטענצעל

דער פּלאַץ שענקיעוויטשאַ, וווּ עס איז געשטאַנען דער אַלטער היסטאָרישער טויער, וואָס איז פֿאַרבונדן מיט אַ שטיק פּוילישער געשיכטע ווי אויך דאָס גרויסע הויז פֿון דער „זגאָדאַ". פֿון דעם פּלאַץ האָבן זיך געצויגן דריי גאַסן: וואַרשאַווסקאַ (ווידמאַכאָוואַ), מלאַווסקאַ (באַרבר) און פּילסודסקיעגאָ (פּראַגאַ). די וואַרשאַווסקאַ גאַס איז געווען הויפּטזעכלעך די שפּאַציר־גאַס פֿון דער פּוילישער באַפֿעלקערונג, און די פּראַגאַ איז געווען די שפּאַציר־גאַס פֿון דער ריפּינער יידישער באַפֿעלקערונג. עס פֿלעגן דאָרט שעהן־לאַנג שפּאַצירן יידישע בחורים און מיידלעך, און געניסן פֿון די געשמאַקע ריחות פֿון אַקאַציע און קאַשטאַן־ביימער, ווען עס איז ענג געוואָרן אויף דעם טראָטואַר פֿון דער פּראַגע, פֿלעגט זיך יונגוואַרג לאָזן שפּאַצירן אויף דעם ברודניעצער שאָסיי, און אַזוי איז מען דער־גאַנגען ביז צום וועלדל און דערנאָך זיך אומגעקערט אין שטאָט דורך די פּיאַסקעס.

ווער געדענקט נישט אויף דער פּראַגע טעסקעס טרעפּלעך, וווּ יידישע פֿאַרליבטע פּאָרלעך פֿלעגן זיצן ביז שפּעט אין דער נאַכט און חלומען וועגן זייער צוקונפֿטיקן לעבן. דאָס שטעטל איז אויך געבענטשט געווען מיט שיינע גערטנער, ווי כאַלאווינסקיס גרויסער גאָרטן, דעם גלחס גאָרטן, מאַלזשעווסקי גאָרטן מיט דעם ראָמאַנטישן ווינקל הינטער דעם אַלטן פֿאַר־צווייגטן בוים, אויף וועלכן עס זענען געווען אויסגע־קריצט ליבעס־דערקלערונגען, און דער שפּיטאָל־גאָרטן וווּ עס פֿלעגן פֿאָרקומען די „זאַבאַוועס" פֿון די פֿייערלעשער. אין די לעצטע יאָרן זענען צוגעקומען נאָך צוויי גערטנער, איינער נעבן דער נייער עלעק־טרישער סטאַנציע און דער צווייטער קעגנאיבער דעם שפּיטאָל. איצט דאָס וועלדל אויסער דער שטאָט, וווּ די יוגנט־אָרגאַניזאַציעס האָבן אָרגאַניזירט זייערע אויס־פֿלוגן און טרעפֿונגען און געטאַנצט חלוצישע הוראַס; די בערג נישט ווייט פֿונעם וועלדל, וווּ יידישע קינ־דער פֿלעגן אויף זייערע „העכסטע" שפּיצן אַרויפֿקלע־טערן. ווער געדענקט נישט דאָס קלאָרע וואַסער פֿון טייכל, וואָס האָט זיך געשלענגלט צופֿוסנס פֿון די בערג?

דריי פּלומפּן זענען געווען אין שטאָט: די קאַש־טשאָל־פּלומפּ, די טעפּער־פּלומפּ (נעבן דער מקוה) און די וואַסערלייטונג („וואָדאָטשאָנג"), וואָס איז שוין געווען מאָדערניזירט ווייל מען האָט נישט געדאַרפֿט דרייען קיין ראָד, נאָר פּשוט בלויז אויפֿגעדרייט דעם קראַן און דאָס וואַסער האָט זיך שוין פֿון זיך אַליין געגאָסן. אין די הייסע זומער־טעג פֿלעגן חברה זיך לויפֿן באָדן אין די „דאָלינעס", וועלכע האָבן זיך אָנגעפֿאַנגען ביי איטשע מאיר לעוויטאַנס לאָנקעס און זיך געענדיקט ביי באַרטעל און יאַנקעס פֿעלדער. די בעסערע שווימער פֿלעגן זיך אַרויסלאָזן צו די פּיאַווקעס; דאָס איז געווען זייער אַ טיף וואַסער, דעריבער פֿלעגן די עלטערן בעטן די קינדער דאָרט זיך נישט צו באָדן און דערביי פֿלעגן זיי דערציילן, אַז יאָר־יערלעך פֿאַרלאַנגט דאָס וואַסער אַ מענטשלעכן קרבן.

אין די זומער־נעכט, ווען עס איז געווען שווער צו אָטעמען אין די שטובן, פֿלעגט מען אויסשטעלן בענקלעך פֿאַר די הייזער, און זיך אַוועקזעצן אָטעמען פֿרישע לופֿט, די קינדער פֿלעגט מען שיקן צו די פּלומפּן זיי זאָלן ברענגען פֿריש וואַסער, כדי מיט אַ קאַלטן טרונק זיך אַ ביסל דאָס האַרץ דערכאַפּן. אין די ווינטער־נעכט פֿלעגט דאָס יונגוואַרג אַרויס אין גאַס און זיך וואַרפֿן מיט קוילן שניי, די קינדער פֿלעגן זיך אויפֿקלאַפּן שליטלעך און זיך שליטלען פֿון די באַרגיקע גאַסן. די חדר ייִנגלעך האָבן זיך געמאַכט לאַמטערנעס און אין די פֿינצטערע נעכט איז מען פֿון חדר געלאָפֿן אין שטוב מיט אַ ברענענדיק ליכטל אין לאַמטערן.

צוויי קינאָ־לאָקאַלן האָט ריפּין פֿאַרמאָגט — „פּאָ־לאָניאַ" (ליכטערס קינאָ) אויף דער פּראַגע און „קאָ־לאָסעאום" אויף דער וואַרשאַווסקע, נעבן דעם פּלאַץ פֿון דער צערקווע; דאָס איז געווען אַ מאָדערנע גע־ביידע מיט זייער אַ גרויסן זאַל, וווּ מען פֿלעגט איינ־אָרדענען ק. ק. ל.־באַזאַרן און אַנדערע אונטערנעמונ־גען. עס איז געווען אויך אַ שטאָט־טעאַטער (פֿון די פֿייערלעשער), וווּ עס פֿלעגן פֿון צייט צו צייט מהנה זיין יידישע וואַנדער־טרופּן די ריפּינער יידן מיט אַ טע־אַטער־פֿאָרשטעלונג. עס האָבן זיך נישט פֿאַרשעמט די אָרטיקע דראַמאַטישע קרייזן אונטער דער רעזשי פֿון פּוקאַטש, חיים און רוזשע ניסענצווייג און די אַמאַ־טאָרן חוה פֿעלדהיים, שמעון פּיוואָניע, פֿייגע קרופּיאַש

ראובן ברייטשטיין, וואָלף קאַרנישין, שלום בלאַס, סאַלקא שטאנקא און אַנדערע.

און איצט דער בית־העם, ווו עס האָט זיך קאָנ־צענטרירט דאָס גאַנצע פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע און ליטעראַריש יידיש לעבן. דאָס פרעדיקן אַהבת ציון פון אונדזער אַלעמענס אומפאַרגעסלעכן מנהיג און דער־ציער ר׳ שמואל זיינוול פויזנער, די אָפטע שמועסן און וויכוחים, פּאָליטישע רעדעס פון פּאַרטיי־עסקנים און ליטעראַרישע פאַרלעזונגען פון יידישע שרייבער.

דאַן די גרויסע פּרץ־ביבליאָטעק מיט די טויזנטער בענדער אין דער העברעאישער, יידישער און פּוי־לישער שפּראַך. און בכלל — דאָס אינטענסיווע פּאָ־ליטישע לעבן: די אַלגעמיינע ציונים, רעכטע און לינקע פּועלי־ציון, מזרחי, אַגודה, „בונד״; אָט זעסטו די שומרים מאַרשירן אין רייען און עס הילכן דיר אין די אויערן די חלוצישע לידער געזונגען דורך דער „פרייהייט״־יוגנט.

און עס דערמאָנט זיך, ווי מען איז אויף וווּנדער געלאָפן צו די פעלדער פון די קאַזאַרמעס, צו זען ווי יידישע יונגעלייט און מיידלעך אַקערן דעם באָדן, זייען די קערנער און שניידן די תבואות — „חלוצים״ האָט מען זיי גערופן. אָט די חלוצים האָבן פאַרלאָזן באַקוועמע היימען און געצויגן דורך אַלע וועגן אין אונזער אַלט־נייע היים זיך אַ נײַ לעבן צו שאַפן. און אָט האָט שוין ריפין געגעבן דעם ערשטן קרבן, אין יאָר 1921 איז געפאַלן פון אַראַבישע רוצחים אין יפו — נתן נייגורעק.

און לאָמיר דאָ דערמאָנען די יידישע ספּאָרט־אָרגאַניזאַציעס און פוטבאָל־מאַנשאַפטן, וואָס האָבן פאַרנומען אַ בכבודיקן אָרט אין אַלגעמיינעם ספּאָרט־לעבן אין שטאָט.

יאָ, געווען אין ריפּין אַ יידיש לעבן, אָבער ס׳איז שוין מער נישטאָ און וועט שוין קיינמאָל נישט זיין.



„החלוץ״ אין יאָר 1921

אין דער ערשטער שורה (פון רעכטס): יעקב יעשאַיעוויטש, מרדכי סטוטשינער, עזריאל גוטגלאַס, אשר דבינסקי

צווייטע שורה: רחל נענע פאזנער, מאיר ליכטער, יצחק בלאס, פנחס בלאָשטיין, טוביה כבירי, אהרן פּאָמעראַנץ, נתן נייגורעק, רחל הורוויץ

דריטע שורה: יחיאל פלאָצער, רוזשע אינוועגטאַזש, צדוק זאנאבענד, חיה גרינבערג, אשר דאָבזשינסקי, זעלדע מענקע, ישכר בורשטין, הינדה פלאטא און נחמיה שטענצעל

ראובן צבי ברייטשטיין / מענטשן, גאסן און שאסייען

דאָבזשינער שאָסיי — די קאָלעיקע, צו יענער צייט געשפּאַנט אין פערד, איז געווען די איינציקע שנעלע קאָמוניקאַציע צווישן דיביידע שטעט. בראָדניצער וועג — בראָדניצע איז געוואָרן אַן אָפּענע שטאָט פאַר די ריפּינער קאָרן־הענדלער נאָכן יאָר 1920.

שערפּצער וועג — אין די לעצטע יאָרן האָט דאָ קורסירט אַן אויטאָבוס־קאָמוניקאַציע, וואָס האָט פאַרבונדן ריפּין מיט פּלאָצק, פּלוינסק, ראַטשאָנדז, זשוראַמין און די שטעטלעך ביז וואַרשע.

ליפּנער וועג — די ריפּינער הענדלער האָבן דאָ געהאַט די שנעלסטע מעגלעכקייט צו קומען צום גרעסערן האַנדלס־צענטער וולאָצלאַוועק. אין די לעצטע יאָרן — אַן אויטאָבוס־קאָמוניקאַציע.

ס׳קווילנער וועג — די ריפּינער מאַרק־הענדלער האָבן דאָרט יעדן דאָנערשטיק אויסגעשטעלט זייערע טישלעך מיט פאַרשידענע אַרטיקלען פאַר די דאָרטיקע איינוווינער.

ריפּינער גאַסן

אויף יידיש	אויף פּויליש
די פּיאַסקעס	קאָשטשושקיעגאָ
די ווידמעכאָווע	וואַרשאַווסקאַ
די באַרבערע	מלאַווסקאַ
די פּראַגע	פּילסודסקיעגאָ
די שול־גאַס	טאַרגאָוואַ
אין מאַרק	רינעק
דער פערדס־מאַרק	סטאַרי רינעק
בא די טיפלע	קאָשטשעלנאַ
באַ פלאטעהין	מיצקיעוויטשאַ
בא חנה גאָלדן אין די ליק	קאַזשיא
באַ בוכמאַנען אין ליקיע	ריביאַ
באַ שאַלדערן אונטערן ווייסן באַרג	גאַרנצאַרסקאַ
אונטערן סטאַוו	נאַדרזשעצנאַ

אַ ריפּינער שפּאַצירגאַנג

שבת, זומער־צייט, האָט דאָס שטעטל געוווסט, אַז אין שפּיטאָל־גאָרטן איז אַ גוטע לופט, ס׳זענען פאַראַן בענק צום זיצן, און מ׳קען דאָרט באַגעגענען באַקאַנטע מענטשן — האָט מען זיך טאַקע געלאָזט אַהינצו. הײַנט דער וועג אַליין, וואָס האָט געפירט אַהין, איז אויך געווען אַ פאַרגעניגן! די לאַנגע גאַס, אויסגעפלאַסטערט מיט טראָטואַר, איז פון ביידע זייטן לענגאויס געווען באַפלאַנצט מיטביימער; הײַנט דער „שוויענטי דוך" וואָס האָט שוין אויסגעזען ווי אַ גאָרטן... אויף דער אַנדערער זייט גאַס — די דייטשע קירך מיט איר אָפּגעצוימטן פאַרקאַן האָט אויסגעזען ווי אַ לוסט־גאָרטן.

די יידישע איינוווינער אויף די פּיאַסקעס האָבן זיצנדיק אויף זייערע באַלקאָנען, קוקנדיק פון די פענצטער, אָדער אויף די טרעפּלעך פאַר זייערע הייזער, געזען דעם שפּאַצירנדיקן עולם.

געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט

אין דער ריפּינער געזעלשאַפטלעכקייט האָט די י. ל. פּרץ ביבליאָטעק פאַרנומען דעם אויבן־אָן. זי האָט פאַרמאָגט אַ רייכן אויסוואַל פון יידישע און נישט־יידישע ביכער. אין דער פאַרוואַלטונג זענען געווען פאַרטראָטן מענטשן פון אַלע פּאָליטישע שאַטירונגען אין שטאָט. די קולטורעלע אונטערנעמונגען זענען געווען געלונגענע, ווי די וועכנטלעכע פאָרלעזונגען, אויף וועלכע ס׳זענען אָפט אויפגעטרעטן איינגעלאַדענע פרעלעגענטן פון אַנדערע שטעט. ביידע שטאָטישע דאָקטוירים: ד״ר בראנז און ד״ר ראָגאָווסקי, האָבן בייגעטראָגן מיט זייערע מעדיצינישע רעפעראַטן. די מיטאַרבעטער אין ביבליאָטעק זענען געווען: יצחק סטאַשעווסקי, יצחק זאַקס, זעליג בראון, אשר דאָבזשינסקי, חיים דוד מיניעווסקי, חיים לייב פּוקאַטש, די שטענדיקע ביבליאָטעקאַרין: שרה בעקער.



ריפין נעמט אויף אַ חשובֿן גאַסט — דעם באַליבטן שרייבער און דיכטער ז. סעגאַלאָוויטש, וועלכער איז געקומען אויף דער איינלאַדונג פון דער יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק

אין דער ערשטער ריי זיצן (פון רעכטס): **מאַניע שטענצעל, משה גאַלאַנט, ז. סעגאַלאָוויטש, יצחק סטאַשעווסקי, חיה פאָזנער, מרדכי טשאַראַדזקי**

עס שטייען: **יחיאל גוטנטאַג, חיים מיניעווסקי, אשר קאַפּע און שמעון פּיוואַניע**

רעוויזיאָניסטן

די רעוויזיאָניסטישע גרופּע אין ריפּין האָט גע־ציילט 30 מענטשן. ביז 1939 האָבן מיט דער גרופּע אָנגעפירט מענדל גיטעקלאַס, פורמאַן, יהודה קורצמאַן.

דראַמאַטישער קרייז

דער דראַמאַטישער קרייז איז געווען דאָס שטענ־דיקע יידישע טעאַטער אין ריפּין, און לאַנגע, לאַנגע יאָרן אויך אַליין געשפּייזט די ריפּינער יידן מיט קונסט. געזאָרגט פאַר פּיעסן, אויסגעמיטן שונד פּיעסן. דאָס ריפּינער פּובליקום איז באַשטאַנען פון טעאַטער־פיינ־שמעקער.

חיים ניסענצווייג איז געווען דער רעזשיסער פון דעם שטענדיקן טעאַטער אַנסאַמבל., די אַקטיאָרן — חוה פעלדהיים. כייקע גוטמאַן, ש. פּיוואָניע, יצחק בלאַס, וועלוול געסערמאַן, וואָלף קאַרנישין, שלום בלאַס, ראובן ברייטשטיין, בלומה בראָן, סאַלקע שטאַנקע, לאה פוקאַטש, רוזשע פויזנער, סאַלקע מיעדזשינסקי, חיים לייב פוקאַטש, משה מאיר פוקאַטש, יחיאל גוטמאַן. דעק־קאָראַציעס האָט געמאָלט משה מאיר פוקאַטש. יאַנאָס טורקאָוו האָט רעזשיסירט מיטן ריפּינער אַנסאַמבל.

לינקע פּועלי־ציון

חיים לייב פוקאַטש, שמואל שיבער, יעקב בערק, שמעון פּיוואַניע און חיים ניסענצווייג זענען געווען די אומדערמידלעכע קעמפער פאַר דער באַוועגונג. אין די 30־קער יאָרן האָבן די לינקע פּועלי־ציון אין ריפּין שטאַרק דערהויבן זייער פּאַרטיי־פּרעסטיזש. זיי האָבן צוגעצויגן די ריפּינער יידן מיט זייער טעטיקייט

אויפן געביט פון יידישן שול־וועזן, מיטן דראַמאַטישן־קרייז, ספּאָרט־קלוב. געזאָרגט פאַר יידישע פאַרלעזונגען, אָפט איינגעאָרדנט טיי־אָוונטן.

רעכטע פּועלי־ציון

די החלוץ־באַוועגונג אין ריפּין האָט פאַרשריבן אַ גאָר שיין קאַפּיטל אין דער ריפּינער געזעלשאַפטלעכקייט. איך וויל דערמאָנען עטלעכע פון די זייער אַקטיווע מיטגלידער, ווי מירל ראָזענבערג, יהודה ראָזען, זלמן פעלדהיים. ביזן אויסברוך פון דער מלחמה אין 1939 האָט אברהם קלמן געווידמעט זיין גאַנצע צייט און ענערגיע פאַר דער באַוועגונג.

השומר הצעיר

דער השומר הצעיר האָט געפירט אַ גאָר וויכטיקע דערציערישע אַרבעט אין שטאָט. איך געדענק זייערע גוט געלונגענע אָוונטן, וואָס זיי פלעגן איינאָרדענען אין זייער לאָקאַל. צווישן די אַקטיווע מיטגלידער ביז 1939 זענען געווען: מאָטעק דובנע, חנה קאַפּערמאַן, צעשע ראָזענבערג, יעקב שטאַנקע.

דער „בונד"

די ריפּינער בונדישע פּאַרטיי האָט שוין עקזיסטירט בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה. די דעמאָלסדיקע בונדיסטן זענען געווען בייניש פלאַצקער, מנשה ווינגראַם, פריילן מירלמאַן, חיים דוד מיניעווסקי, משה ראובן גירטאַט, יצחק סטאַשעווסקי, יהושע פלוסבערג. זיי זענען געווען די אָרגאַניזאַטאָרן פון ערשטן פּראָפעסיאָנעלן נאָדל־פאַריין אין ריפּין. פאַרשפּרייט קולטור צווישן יידישע אַרבעטער, באַהויכט דעם ריפּינער יידישן אַרבעטס־מענטש מיט רעוואָלוציאָנערן ראָמאַנטיזם, פאַרשפּרייט דאָס רעוואָלוציאָנערע ליד, געזונגען אין בונדיסטישע כאָרן אין ריפּין. געווען אויך טעטיק אויפן טעאַטער־געביט, אויסגעפירט די ערשטע טעאַטער פּיעסע „זשידוווקאַ". אויך אין די לעצטע יאָרן האָט עקזיסטירט דער „בונד". ד"ר בראָנז, זישע קאָלטון, איטשע גאַלאַנד האָבן פאַרגעזעצט די בונדיסטישע טעטיקייט אין ריפּין.

די ערשטע מאָדערנע ישיבה

אין אַ גרויס הויז, אָפּגעצוימט מיט אַ שטיקל פּאַרקאַן, אַ קליין טירל אַריינצוגיין אין הויף אויף גאַרנצאַרסקאַ גאַס אין ריפּין, איז געווען דאָס גערער שטיבל. דאָס הויז איז אייגנטלעך געבויט געוואָרן פאַר דער ישיבה, פישל בלום־האָט אָוועקגעגעבן אַ סך מי פאַר דעם הויז.

יחיאל (טשאַרלס) קאהן /

מיין קולטור־געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט

פון דער ערשטער ביבליאָטעק ביזן רעליעף צוהילף די אָפּגעראַטעוועטע

אין יאָר 1915, מיטן אַריינמאַרש פון די דייטשן האָבן מיר, יונגוואַרג אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אָרגאַניזירן אַ געזעלשאַפטלעך לעבן, פון וועלכן עס איז ביי דער צאַרישער מאַכט אפילו נישט געווען מעגלעך צו טראַכטן.

דער ערשטער טראָט אין דער ריכטונג, איז געווען צו שאַפן אַ ביבליאָטעק און אַ לייען־זאַל. עס איז געשאַפן געוואָרן אַ צייטווייליקער קאָמיטעט וועלכן עס איז געלונגען צו לייגן דעם גרונטשטיין פאַר אַ געזעלשאַפטלעך לעבן אין ריפּין און זאָלן זייערע נעמען דערמאָנט ווערן מיט דעם גרעסטן דרך־ארץ: יצחק זאַקס, אַשר דאָבזשינסקי, חיים לייב פּוקאַטש, מרדכי טיק און בעריש אַלכסנדער.


אונזער אויפרוף, אַז יעדער, ווער ס׳האָט ביכער זאָל זיי אונז אויסבאָרגען, איז אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס ענטוזיאַזם. אונזער קולטור־טעטיקייט נעמט אָן ממשותדיקע פאָרמען. מיר דינגען אַ שיינעם לאָקאַל אויף דער באַרבערע גאַס. די דערעפענונג פון דער פאָלקס־ביבליאָטעק און לייען־זאַל ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ גרויסן יום־טוב אין שטאָט.

מיר זעצן פאָר אונזער אַרבעט, מיט איינאָרדענען פאָרלעזונגען, ליטעראַרישע שמועסן און דיסקוסיעס. מיר לאַדן איין באַקאַנטע ליטעראַטן פון וואַרשע אויף לעקציעס.

מיר גרינדן אויך אַן אַמאַטאָרישע גרופּע. מיט גרויס דערפאָלג פירן מיר דורך אַמאַטאָרישע פאָרשטעלונגען און קאָנצערטן, וואָס האָבן אויך אַן אָפּקלאַנג אין די שכנותדיקע שטעטלעך, און מיר ווערן איינגעלאַדן אויך דאָרט זיי אויפצופירן.


די פאָלקס־ביבליאָטעק ווערט פון טאָג צו טאָג


די פאָלגנדיקע דאָקומענטן שפּיגל׳ען אָפּ די אַקטיוויטעקייט פון אונזער חבר יחיאל קאהן, אין דער צייט ווען ער איז געווען סעקרעטאַר פון דער יידישער ביבליאָטעק און יוגנטלעכן הילפס־פאַריין אין ריפּין



ביידע אינסטיטוציעס האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין געשטאַלטיקן דאָס געזעלשאַפטלעכע און קולטור־לעבן פון דער יידישער יוגנט אין ריפּין. די דאָזיקע אינסטיטוציעס האָט מען אַ סך צו פאַרדאַנקען די אויפגעוועקטקייט, רירעוודיקייט און אויפבלי פונעם געזעלשאַפטלעכן לעבן.

די ביבליאָטעק איז שטענדיק פול געווען מיט פאַרשידענע מענטשן, וואָס זענען געקומען נישט בלויז לייענען אַ בוך, אַ זשורנאַל,





נאָר אויך לערנען אויף די פאַרשידענע קורסן, וועלכע זענען דאָרט אָרגאַניזירט געוואָרן מיטן ציל אויפצוהויבן דעם קולטור־ניוואָ פון דער אויפוואַקסנדער יידישער יוגנט. עס זענען דאָרט אָפט אָרגאַניזירט געוואָרן עפנטלעכע לעקציעס, פאַרזאַמלונגען מיט דיסקוסיעס און ליטעראַרישע אָוונטן. די יוגנט־התלהבות איז מיט יעדן טאָג געשטיגן אַלץ מער און הייסער. דער ציון־געדאַנק האָט אַלץ טיפער אריינגעדרונגען אין די רייען פון די יידישע יוגנטלעכע, אַריינגעבראַכט פריש בלוט און צוגעגעבן דער אַטמאָספער אין דער ביבליאָטעק די באַזונדערע שאַטירונג — דעם אידעאָלאָגישן קאַמף, ביז עס איז געקומען די גרינדונג פון בית־עם, ווו עס זענען געלייגט געוואָרן די יסודות פון ציוניסטישער דערציונג.

אַלס רייכער מיט די נייעסטע אַרויסגעגעבענע ביכער אין דריי שפּראַכן, יידיש, העבּרעאיש און פּויליש. אויך די נישט־יידישע באַפעלקערונג אין שטאָט, געניסט פון אונזער ביבליאָטעק.

דער כאַראַקטער פון דער פאָלקס־ביבליאָטעק איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן צו זיין אַן אומפּאַרטייאישע אינסטיטוציע, אָבער מיט דער צייט אַנטוויקלען זיך די פּאָליטישע פּאַרטייען און עס קומען פאָר קאַמפן צווישן העבּרעאיסטן און יידישיסטן, עס פאַרשטאַרקן זיך די רייבונגען צווישן די פּאַרטייען אַרום דער פאָלקס־ביבליאָטעק און יעדער באַמיט זיך צו באַקומען די העגעמאָניע אין דער פאַרוואַלטונג.

נאָך אַ לאַנגן געראַנגל געלונגט דער ציוניסטישער פּאַרטיי, וועלכע איז די שטאַרקסטע, צו גרינדן אַ בית־עם מיט דער פאָלקס־ביבליאָטעק אונטער איין דאַך.

מיט דער פאַראייניקונג פון דער פאָלקס־ביבליאָטעק מיט דעם בית־עם גרינדן אויך די אַנדערע פּאַרטייען זייערע אייגענע ביבליאָטעקן.

אין 1918, ווען פּוילן ווערט אומאָפּהענגיק, הייבן זיך אָן די שטערונגען פון דער פּוילישער מאַכט. די אַקטיווסטע חברים, ווערן גערופן צום מיליטער־דינסט און ס׳קומט פאָר אַן איבעררייס אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. ערשט שפּעטער, נאָכן שלום פון פּוילן מיט די סאָוויעטן הייבט זיך אָן אַ טיילווייזע אויפלעבונג. עס קומט אויף אַ חלוצישע יוגנט, וואָס איז דורכגעדרונגען מיטן ציוניסטישן גייסט.

אין נאָוועמבער 1923 געזעגן איך זיך מיט מיינע חברים אין ריפּין. איך עמיגריר קיין אַמעריקע, ווו איך בין צענדליקער יאָרן ווייט פון יעדער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, ביז עס קומט דער גרויסער ווייגעשריי פון דעם אייראָפּעאישן יידנטום, וואָס איז אויך דער ווייגעשריי פון אונזערע שוועסטער און ברידער פון ריפּין און ווער קאָן שטיין פון דערווייטנס און נישט עפּעס טאָן.

מיר גרינדן אַ ריפּינער רעליעף פון אונזערע לאַנדסלייט אין אַמעריקע און נאָך דער היטלער־מפּלה באַמיען מיר זיך צו שטעלן אין פאַרבינדונג מיט די אָפּגעראַטעוועטע יידן פון ריפּין און העלפן זיי מיט וואָס עס האָט זיך געלאָזט.

ניו־יאָרק

מאיר בר־און / יוגנט און דערציאונג

אין יאָר 1917, דאָס יאָר פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע, אָרגאַניזירט זיך אין ריפּין די ערשטע ציוניסטישע ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע „מכבי״, אין וועלכער עס שליסט זיך אָן אַ גרויסע טייל פון דער יוגנט, זיי פירן אויס פאַרשידענע ספּאָרט אונטערנעמונגען, וועלכע טראָגן אַ ציוניסטישן כאַראַקטער. די „מכבי״ אָרגאַניזאַציעס פון די אַרומיקע שטעט: ליפּנא, דאָבזשין, גאָלוב און שערפּץ טרעפן זיך צונויף ביי פאַרשידענע ספּאָרט־אויספלוגן.

דעם 2־טן נאָוועמבער 1917, פייערט דאָס ריפּינער יידנטום, צוזאַמען מיטן וועלט־יידנטום, די פּראָקלאַמירונג פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע, מען טאַנצט פאַר שמחה אין יעדן ציוניסטישן קרייז. אין דעם טאָג האָט מען געזען די מכבי־אָרגאַניזאַציע אין איר גאַנצן פּראַכט — איר מאַרשירן איבער די גאַסן האָט געמאַכט אַ קאָלאָסאַלן איינדרוק אויך אויף די נישט־יידן.

אַ טייל פון די מכבי־מיטגלידער געפינען זיך אין ישראל און אין אַנדערע לענדער.

ווען ס׳הייבט זיך אָן צו אָרגאַניזירן אין פּוילן דער „החלוץ״, איז ריפּין פון די ערשטע שטעט, וועלכע גרינדן אַ סניף. צו די ערשטע, וואָס זענען אַקטיוו ביים שאַפן די אָרגאַניזאַציע, געהערן: נתן נייגורעק, צדוק זאנאַבענד (שבתאי), ישראל בוכמאַן, אשר גראנער, ישראל כהן, גראָסמאַן טוביה א. אַ.

די יוגנט וואַרפט זיך אַריין מיט לייב און לעבן

אין דער חלוצישער אַרבעט. אַ טייל איז געפאָרן זיך פאַרפּולקאָמען אין דער אַגראַר־שול אין טשענסטאָ־כאָוו, כדי באַקומען אַן אַגראַנאָמישע אויסבילדונג.

זיי האָבן אַראָפּגעבראַכט דעם אַגראָנאָם שפּינאַק. דאָס איז צו יענער צייט געווען אַ קאָלאָסאַלע אונ־טערנעמונג. דאָס ערשטע מאָל האָבן יידן געזען ווי אַזוי די יידישע יוגנט אַרבעט מיט שפּאַדלעס, גראַבלעס אוןווידלעס אין פעלד. די דאָזיקע יוגנט האָט טאַקע באַקומען אַן אַרבעט־שול ווי זיי האָבן געטאָן פּראָדוקטיווע אַרבעט. אויך איינגעוואָרצלט אין זיך דעם ממשותדיקן חלוציזם. אין אַקורצער צייט שפּעטער איז אַ גרויסער טייל פון דער דאָזיקער גרופּע טאַקע עולה געווען.

השומר הצעיר

אַ גאָר ערנסט קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון די ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס פאַרנעמט אָן ספק דער השומר הצעיר. די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע איז געגרינדעט געוואָרן גלייך נאָך פוילנס באַפרייונג. די ריפּינער יוגנט איז געווען פון די ערשטע, וועלכע האָבן אָרגאַניזירט אַ „קן" מיט נחמן זאַנאַבענד, מאָריץ פּילאַט און מאיר קאַמינסקי אין דער שפּיץ.

דער השומר הצעיר האָט געגעבן דער יוגנט די סקויטישע דערציונג, וועלכע איז צו יענער צייט כמעט געווען פרעמד אויף דער יידישער גאַס. די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע האָט אַריינגעבראַכט אַן אויפלעבונג צווישן דער יוגנט און געהאַט אויף איר אַ טיפן איינ־פלוס. כדאי צו דערמאָנען די „צען געבאָטן" (עשרת הדברות) וואָס יעדער מיטגליד האָט געמוזט אָפּהיטן... ווי אויך די דערציערישע אויספלוגן.

מיט יאָרן שפּעטער איז דער השומר הצעיר גע־וואָרן אַ פּאָליטישע באַוועגונג. זי האָט געפירט איר טעטיקייט ביזן חורבן, אַ טייל פון אירע חברים געפינען זיך אין ישראל ווי אויך אין אַנדערע לענדער.

„פרייהייט" (דרור)

ביים סוף פון די 20־קער יאָרן שאַפט זיך די יוגנט־אָרגאַניזאַציע „פרייהייט" („דרור"), אין וועלכער




ריפּינער ציוניסטישע אַקטיוויסטן און „מכבי" צווישן די אָנפירער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין דאָבזשין, אין יאָר 1917

עס זיצן (פון רעכטס): **משה בורשטין, מרדכי גאָטלביאָווסקי, דער פינפטער פון רעכטס — אפּנבאַך (דאבזשין)**

עס שטייען אין דער העכסטער שורה: **הינדע באַראָן, צדוק זאנאבענד**

רחל נענע פּאָזנער, ישראל כהן, רחל גאָלדרייך, עקיבא פּאָזנער, רבקה גורמן און יוסף פּאָזנער



מיטגלידער פון קורס ביי פרייהייט־בורוכוב אין ריפין

אין דער ערשטער שורה שטייען (פון רעכטס) : דויזע רעבע, ליכטענשטיין, זאנד, רבקה פאָזנער, דאָמבראָווער, פאַזנער
עס זיצן : מרדכי לעווקאָוויטש, חנה ליכטענשטיין, משה ליכטענשטיין, מאַשע פאָזנער, רעבע
אונטן האַלטן דעם טראַנספּאַראַנט : טורעק, שעפּיאַן

ס׳אָרגאַניזירן זיך אַרבעטנדיקע און שול־יוגנט. די דאָזיקע יוגנט ווערט דערצויגן אין ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן גייסט.

היות ווי דער גרעסטער טייל פון דער יוגנט האָט געלערנט אין די אַלגעמיינע פאָלקס־שולן, ווו מ׳האָט קיין יידיש נישט געלערנט, האָט די דעמאָלטיקע פּועלי־ציון (צ. ס.) פּאַרטיי אָרגאַניזירט אָוונט־קורסן פון יידיש. אין די דאָזיקע קורסן האָבן אָנטייל גענומען פיל יוגנטלעכע, וועלכע האָבן געלערנט שרייבן און לייענען יידיש. די דאָזיקע יוגנט האָט זיך שפּעטער אינטערעסירט מיט דער יידישער ליטעראַטור.

„באָראָכאָוו־יוגנט“

אַזוי ווי אין פיל אַנדערע שטעטלעך אָרגאַניזירט זיך אויך אין ריפּין די „באָראָכאָוו־יוגנט“ (די יוגנט פון די לינקע פּועלי־ציון) ; די דאָזיקע גרופּע וואָס באַשטייט גאָר פון אַרבעטנדיקע יוגנט, האָט געפירט אַ שיינע קולטורעלע אַרבעט און געלערנט יידיש, די וויכטיקסטע קולטור־אַרבעט ביי דער באָראָכאָוו־יוגנט האָט געפירט דער לאַנג־יעריקער פּועלי־ציון עסקן חיים לייב פּוקאַטש.

אין ריפּין האָט אויך עקזיסטירט די יוגנט־אָרגאַניזאַציע „השומר הלאומי“, וועלכע האָט דערצויגן איר יוגנט אין נאַציאָנאַלן גייסט ; דאָס איז געווען די יוגנט־אָרגאַניזאַציע פון די אַלגעמיינע ציוניסטן.

די אַזוי גערופענע גרינשפּאַנס־שול איז צו יענער צייט געווען די איינציקע, אין וועלכער די אונטערריכט־שפּראַך איז געווען פּויליש און ווו מ׳האָט געלערנט אויך העברעאיש ; דאָס איז געווען אַ פּאָר־גימנאַזיע פאַר מיידלעך און ייִנגלעך, זייער נייטיק פאַר די יידישע קינדער, ווייל ווען נישט זי, וואָלטן אַ סך קינדער געווען געצוווּנגען צו באַזוכן די קריסטלעכע גימנאַזיע, אין וועלכער ס׳זענען געווען אַנטיסעמיטישע לערערס.

די „התחיה“ שול האָט געגעבן אונזערע קינדער דעם ערשטן ציוניסטישן וועג, האָט מען דאָרט טאַקע געלערנט העברעאיש (עברית) און איינגעזאַפּט ציוניסטישן גייסט.

אויף וויפל איך געדענק זענען אין דער שול־פאַרוואַלטונג געווען : דוד דובנא, בצלאל סטענצל, חיים

קאָנסקאָוואָלסקי, נחום מנשה גוטנטאַג, בן־ציון בראָמ־בערג א. אַנד. וועלכע האָבן זייער פיל געטאָן פאַר דער שולע.

די לעצטע תרבות־שול

אין דער לעצטער העברעאישער „תרבות״־שול האָבן שוין די קינדער געלערנט אין אַן אייגענעם שיי־נעם בנין (אויף דער פראַגע).

די דאָזיקע וויכטיקע אינסטיטוציע איז געווען פאַר די קינדער ווי אויך פאַר די עלטערן אַ נויטווענ־דיקייט, זי איז געשטאַנען אויף זייער אַ הויכן ניוואָ, פאַרמאָגט גוטע פעדאַגאָגישע קרעפטן. דער מנהל פון דער שול איז געווען בלאָך, לערער: פרוי בלאָך, משה דוד גוטנטאַג, רוזשע פוקאַטש (פון שערפּץ), גאַלפּערן א. אַנד.

די גרינדער און זאָרגער פאַר דער שול זענען געווען: שמעון כהן, אליהו גאָטליבאָווסקי, לייב שוואַרץ.

ביים ענדיקן די בלעטלעך זכרונות מוז איך זיך אָפּשטעלן ספּעציעל אויף די ציוניסטישע עסקנים פון ריפּין, וועלכע האָבן געפירט זייער ציוניסטישע אַרבעט מיט אמתער איבערגעגעבנקייט, דערצויגענע אין משך פון צענדליקער יאָרן אין די ציוניסטישע יוגנט־אָר־גאַניזאַציעס, און כמעט אַלע אינסטיטוציעס זענען גע־ווען אין די הענט פון די ציוניסטן, אָנהויבנדיק פון דער קהילה און ענדיקנדיק מיט דער גמילות־חסדים קאַסע.

ריפּין איז געווען פון די וויניקע שטעט אין פוילן, ווי די קהילה איז געווען לגמרי אַ ציוניסטישע. דער לעצטער רב איז געווען דער באַקאַנטער ציוניס־טישער טוער הרב נוטקעוויטש, וואָס האָט געפּרעדיקט



אין גרינשפּאַנס גימנאַזיע

אין דער ערשטער ריי זיצן (פון רעכטס): **רינה דוקאַר, מאַניע ליפּשטאַט, בראָניע ליפּשטאַט, לאה ליכטער, גוטשע גרודא**
אין דער צווייטער ריי: **דער לערער גרינשפּאַן** (צווייטער) מיט זיין פרוי. ביי די זייטן — די לערער פון שול
אין דער דריטער שורה שטייען: **בלומע בראַם, גאָלדע דאָבזשענסקאַ,** קרוטקע, **דינע קליינבערג,**
חנה שולדער, מלכה שפּערלינג, גוטנטאַג, יטע גרינבערג

ציוניסטישע תורה צווישן פרומערן טייל פון דער באַפעלקערונג.

דער פּרעזעס פון דער קהילה איז געווען דער לאַנגיעריקער ציוניסטישער עסקן און כלל־טוער שמעון כהן (שמעון חסיד), וועלכער האָט געהאַט גרויסע פאַר־דינסטן פאַר דער ציוניסטישער זאַך. בעת זיין קאַדענץ איז די קהילה טאַקע געווען אינגאַנצן אונטער דער ציו־ניסטישער השפעה, ביזן אויסברוך פון דער מלחמה איז ער געשטאַנען בראש פון דער יידישער קהילה אין ריפּין.

געשטאָרבן אין טראַגישע אומשטענדן אין רוס־לאַנד.

ריפּין האָט פאַרמאָגט אַ יידישע באַנק אויף קאָ־אָפּעראַטיווע יסודות. די דאָזיקע באַנק איז געווען אַ זייער נויטווענדיקע אינסטיטוציע פאַר דער ריפּינער יידישער באַפעלקערונג, איבערהויפּט פאַר די האַנט־ווערקער און קליינהענדלער. דער ערשטער פּרעזעס פון דער באַנק איז געווען דער אומפּאַרטייאישער עסקן יצחק זאַנאַבענד, וועלכער איז געווען אידעאיש נאָענט צום ציוניזם, אַ מענטש מיט אַ קריסטאַל־ריינער נשמה, געהאָלפן יעדן נויטבאַדערפטיקן מיט ראַט און טאַט. געשטאָרבן אין די דרייסיקער יאָרן.

אַ סך יאָרן איז געווען פּאָרזיצער פון באַנק יצחק בוכמאַן, דער לאַנג־יעריקער ציוניסטישער טוער. אין די יוגנט־יאָרן איז ער געווען באַקאַנט פון די ערשטע אין קאַמף פאַר ארץ־ישראל — נישט איין מאָל פאַרנאַכלעסיקט זיינע פּריוואַטע אינטערעסן. אין זיין צייט איז די באַנק געווען אינגאַנצן אונטער דער השפעה פון די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס. ער איז געשטאַנען אין איר שפּיץ ביז צום חורבן. אומגעקומען אין רוסלאַנד אין אַ טראַגישן פאַרפאַל.

ב ן ־ ש ר ה / דער באפליגלער פון די ריפינער חלוצים

ר׳ שמואל זיינוול פּאָזנער

ער איז געווען אַ שטאַלטנער, שיינער, הויכ־געוואַקסענער ייד, זיין פּנים באַצירט מיט אַ פּרעכטיקער הערצל־באָרד, וואָס האָט אים צוגעגעבן אַ הדרת־פּנים. זיין גאַנצע אויסערלעכקייט האָט געאָטעמט מיט אַ זעלטענער ציכטיקייט. די קלוגע ברוינע אויגן האָבן געוואַרעמט, זיין דורכדרינגלעכער בליק האָט נישט געשראָקן נאָר דערוועקט צוטרוי, נאָענטקייט און היימישקייט.

גערופן האָט מען אים „דער מטיף", מחמת זיין מליצהדיק שיין רעדן. אַ מזרחי, אַ משכיל און אַ למדן, באַפּליגלט מיט דער אידעע פון חיבת ציון נאָך אין די וויקעלעך פון איר אַנטשטייאונג, דורכגעדרונגען מיט אַ טיפן גלויבן אין דער אויסלייזונג פון פאָלק און מיט דער ריכטיקייט פון דער לאָזונג: „אם אין אני לי מי לי? — האָט ער זיין גאַנץ לעבן מקריב געווען אויף דעם דאָזיקן מזבח, מיטגעריסן מיט זיך גאַנצע מחנות פון יונגעלייט, וועלכע ער האָט אָנגעצונדן מיט זיין אינערלעכן פייער און באַפּליגלט מיט אַ גלויבן, פאַר וועלכן זיי זענען גרייט געווען מקריב צו זיין זייערע לעבנס.

העכער פיר צענדליק יאָר ווי מיר האָבן זיך צום ערשטן מאָל באַגעגנט: צוויי פּאָליטישע קעגנער וואָס האָבן זיך באַקעמפט, דאָס איז געווען אונזער ערשטער צוזאַמענשטויס, אָבער עד היום שטייט ער מיר פאַר די אויגן, מיטן דורכדרינגלעכן איראָנישן בליק, מיט וועלכן ער האָט באַטראַכט אַלע ניין־זאָגער און אַפּי־קורסים. אַלע די, וואָס האָבן אָפּערירט מיט פאַרשי־דענע „איזמען", געפּלפּולט זיך וועגן טעאָריעס און פאַרגעסן דעם עיקר. ער האָט געטענהט: אויב מיר וועלן אָפּווענדן אונזערע בליקן פון הר ציון, וועלן מיר אונטערגיין; אין קעגנפאַל, ווען אַלע אונזערע כוחות וועלן געווענדעט ווערן אין דער ריכטונג פון ציון, וועלן מיר אַרויס פון אַלע אינקוויזיציעס, שייטער־

הויפּנס און פּאָגראָמען, ביזן לעצטן המן — ווי אברהם אבינו פון קאַלכאויוון.

מיר האָבן זיך אָפט געאַמפּערט וועגן פאַרשידענע פּאָליטישע פראַגן, אָבער אונזער שמועס איז געפירט געוואָרן אין אַ פריינדלעכן טאָן. — דו ביזט דאָך אייגנטלעך, זאָגט ער צו מיר, אַ חסיד, מיט אַ סך התלהבות, ווי קומט עס וואָס דו פילסט נישט די שיינקייט פון אַ גרויסער אידעע און דינסט מיטן גאַנצן ברען דער עבודה זרה? איר זענט אַזוי ווי עס באַצייכנט אַמבעסטן אין זיין „מעפיסטאָ" דער דיכטער אורי צבי גרינבערג: „מיט דער שיינקייט קאָנט איר זיך נישט קוויקן... איר מוזט איבערדרייען די שיינע צאַרטע הויט און זען דווקא דאָס רויע פלייש וואָס דערוועקט עקל, אָדער שוידער".

דאָס שטעטל ריפּין, וווּ עס איז געבוירן געוואָרן שמואל זיינוול פּויזנער, וווּ ער האָט געלעבט און געווירקט, האָט זיך געפונען האַרט ביי דער דייטשישער גרענעץ. די אַמאָליקע צאַרישע אימפּעריע האָט לגבי די גרענעץ־שטעטלעך אויפן מערב, געפירט אַ פּאָליטיק פון פאַרוואָרלאָזן צוליב סטראַטעגישע טעמים, געהאַלטן ווייט פון אַ באַן־ליניע, נישט דערלאָזט אַנטוויקלען אין זיי קיין שום אינדוסטרי, געלאָזט שלעכטע שאָסייען וכדומה. דאָס שטעטל ריפּין מיט די אַרומיקע שטעטלעך, האָבן זיך געפונען אַן ערך הונדערט קילאָמעטער פון אַ באַן־סטאַנציע. דאָס פאָרן פון דאָרט אין דער הויפּטשטאָט איז געווען פאַרבונדן מיט גרויסע שוועריקייטן. צוליב דער ווייטקייט פון אַ צאַריש פּוילישער צענטראַלער שטאָט און נאָענטקייט מיט דעם אַמאָליקן ווילהעלם־דייטשלאַנד, האָבן די שטעטלעך באַקומען אַן אייגנאַרטיקן אויסזען, און קאָנען נישט פאַרגליכן ווערן צו אַ שלום־עליכמדיק קאַסרילעווקע.

אָנגעפּיקעוועט מיט יידן בעלי־מלאכות, מאַרקהענדלער און גרעסערע סוחרים, וואָס האָבן געלעבט און געהאַנדלט מיט די אַרומיקע רייכע דערפער, האָט אָבער נישט פאַרמאָגט דאָס שטעטל ריפּין דעם טיפּישן קליינשטעטלדיקן גביר דעם תקיף, וואָס איז אַזוי באַקאַנט אין דער יידישער קלאַסישער ליטעראַטור. די נאָענטקייט מיט דייטשלאַנד האָט אויף די שטעטלעך אַרויפגעלייגט אַ חותם פון אַ מאָדערנער שטאָט.

דאָס יידישע לשון איז געווען אַ ביסל דייטשמעריש, האָט פאַרמאָגט אַ מאָדנע אייגנאַרטיקייט פון פאַרגרייזטע דייטשישע ווערטער. די יוגנט, אַ מער וויניקער געבילדעטע. דאָס אַלץ האָט געווירקט אויפן אַרום, אַז ריפּין איז געוואָרן דער גייסטיקער צענטער פאַר אַלע אַרומיקע שטעטלעך אַ מין „מריפּין תצא תורה". און דאָס איז נישט געווען גלאַט אין דער וועלט אַריין, דאָס איז געווען דערפאַר, ווייל דאָרט האָט געלעבט און משפיע געווען ר' שמואל זיינוול פּויזנער.

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה אין די יאָרן 1914—1919, בעת אין גאַנץ פּוילן האָט געוועלטיקט דער הונגער, מחמת דער דייטשישער אָקופּאַנט האָט געראַבעוועט פון פּוילן דעם לעצטן ביסן און מענטשן זענען געפאַלן ווי פליגן פון הונגער, זענען גראָד די גרענעץ־שטעטלעך געווען די אַממייסטן זאַטע און באַזאָרגטע; דער האַנדל מיט דייטשלאַנד האָט געגעבן די שטעטלעך אַ געוויסן ווילשטאַנד, דאָס פעלן פון אַ באַן־ליניע האָט פאַרשווערט דער אָקופּאַנטישער מיליטערישער דייטשער מאַכט אַרויסצופירן פּראָדוקטן. די אַלע אָביעקטיווע באַדינגונגען, האָבן געמאַכט פון ריפּין אַ שטאָט מיט אַ געוויסער צוציאונגסקראַפט, דאָס האָט געבראַכט אין דער צייט פון מלחמה אַז אַ סך אינטעליגענץ, סטודענטן, לערער, וועלכע האָבן זיך געזוכט צו ראַטעווען פון הונגער, וואָס האָט געהערשט אין צענטראַל פּוילן און אין די גרויסע שטעט — און זיי האָבן זיך באַזעצט אין ריפּין. אָבער עס זענען אַ חוץ דעם געווען אויך אַנדערע סיבות, וואָס האָבן די אינטעליגענץ געבראַכט קיין ריפּין און דאָס איז געווען דער עיקר — ריפּין איז שוין דעמאָלט געווען אַ שטאָט, וווּ מען האָט געקאָנט פאַרווענדן די אינטעליגענץ, און זי האָט באַקומען מעגלעכקייטן אויף עקזיסטענץ. ריפּין האָט אין יענער צייט שוין פאַרמאָגט עטלעכע העברעאישע שולן, אַ יידישע פּריוואַט־גימנאַזיע (פּראָגימנאַזיע), אַ פּרעכטיקן בית־עם, וואָס האָט דיספּאָנירט מיט אַ רייכער ביבליאָטעק פון פּוילישע, יידישע און העברעאישע ביכער; און דאָס האָט זיך אַליין נישט געמאַכט, קיין מלוכה סובסידיעס האָט קיינער נישט געגעבן, עס איז אויף דעם אַלעמען געלעגן דער חותם פון קרבנות־גרייטקייט פון דער דאָרטיקער יוגנט פון וועלכער דאָס רוב האָט זיך געפונען אונטער דער

דערציערישער השפעה פון ר׳ שמואל זיינוול פויזנער.

פאַרשטייט זיך, אַז אין דעם פאַרוואָרפענעם ווינקל ריפּין, זענען אויך געווען קאַמפן און פּאַרטיי־רייסענישן, מען האָט געקעמפט פאַר פּרינציפּן, השפעה און העגעמאָניע. און ס׳דאַרף דערמאָנט ווערן דער חבר פוקאַטש, פאַרזיצער פון די לינקע פּועלי־ציון, אַ מענטש מיט אַ קאָלאָסאַלער ענערגיע און געוואַלטיקער איניציאַטיוו, וואָס האָט געפירט אַ הייליקע מלחמה מיט ר׳ שמואל זיינוול פויזנער, און דערביי נישט פאַרגעסן, אַז דער עיקר איז קלאַסן־קאַמף, הגם ער אַליין איז געווען אַ שניידער און געהאַלטן געזעלן. זאָל אָבער דאָ נישט פאַרמינערט ווערן די ערלעכע געשטאַלט פון דעם האָרעפּאַשנעם מענטשן, וואָס האָט בלב ונפש אוועקגעגעבן מער צייט דער געזעלשאַפטלעכער און פּאַרטייאישער אַרבעט ווי זיין פּרנסה, הגם ער איז געווען אַ מטופל מיט טעכטער.

אָבער די השפעה פון נאַציאָנאַלן גייסט, וועלכער האָט געהערשט צווישן דער דאָרטיקער יוגנט איז דער גרויסער פאַרדינסט פון ר׳ שמואל זיינוול פויזנער. אונטער זיין השגחה זענען געבויט געוואָרן די שולן, וואָס האָבן אַרויסגעגעבן אַ וווּנדערבאַרע יוגנט, באַהויכט מיט ראָמאַנטיק, באַפליגלט מיט נאַציאָנאַלע באַפרייאונגס־אידעען, מיט אַ ציל אין לעבן און נישט צעשווימען געוואָרן אין פאַרשידענע „איזמען״, וואָס האָבן לסוף געבראַכט אַנטוישונג, נייערט געשאַפן אַן אַטמאָספער, וועלכע האָט בעת דער עליה אין די צוואַנציקער יאָרן געגעבן צענדליקער און הונדערטער חלוצים, וועמענס איינציקער חלום איז געווען: זיך מקריב זיין פאַרן אייגענעם לאַנד.

די וווּנדערבאַרע יונגע לייט, אַשר דאַבזשינסקי, יחיאל קאַהן, זאַנאַבענד, בורשטיין, זאַקס א. א., וועלכע האָבן ווי געטרייע קעמפער אַרומגערינגלט ר׳ שמואל זיינוול פויזנער און גרייט געווען צו גיין פאַר אים אין פייער און וואַסער, זענען געווען אַ פּראָדוקט פון אַ טיפער דערציערישער אַרבעט. און די מיידלעך וואָס האָבן באַקומען בילדונג אין די שולן און זיך אויסגעשמידט אין די זעלבע אידעען, זענען געווען ווייט פון אַסימילאַציע, מען האָט זיי נישט געקאָנט פאַרגלייכן צו די שמענדריקעס און סאַלטשעס, וואָס

מען האָט לרוב באַגעגנט אין די צענטראַלע פּוילישע שטעט.

די פויערים פון די אַרומיקע דערפער און די פּוילישע שטאָטישע אינטעליגענץ, בעסער געזאָגט די שטאָטישע פּוילישע געזעלשאַפט בכלל, איז געווען פאַרבונדן מיט טויזנטער פעדים מיט דער יידישער געזעלשאַפט. דער דמאָווסקי־גייסט האָט ביי אונז לפי ערך געהאַט אַ סך אַ קלענערע ווירקונג ווי אין אַנדערע געגנטן פון אַמאָליקן פּוילן; פונדעסטוועגן האָט דער אַסימילאַציע־פּראָצעס נישט פאַרנומען קיין שום אָרט אויפן שטח פון ריפּין און אירע אַרומיקע שטעטלעך. און דאָס נאָר דערפאַר, ווייל די יוגנט, האָט געהאַט אַן אָנהאַלט און נישט צעשווימען געוואָרן אין דער אָפּגעריסנקייט פון אַלץ וואָס איז יידיש — לטובת פרעמדע וויינגערטנער.

בעת איך שרייב די שורות, איז שוין דער גאַנצער ענין ריפּין אַ קאַפּיטל טראַגישע און טרויעריקע געשיכטע, אויסגעוואָרצלט, קיין סימן און זכר איז נישט געבליבן. דווקא דערפאַר מוז ווי געהעריק אָפּגעשאַצט ווערן און נישט פאַרמינערט ווערן די געשטאַלט פון ר׳ שמואל זיינוול פויזנער.

וואָלטן מיר געהאַט אין יעדער שטאָט און שטעטל צענדליקער און הונדערטער אַזעלכע העלזעער און וועקער, וואָלט זיך אָן ספק געלאָזט אַ סך אָפּראַטעווען. וואָס נעענטער צו דער טראַגעדיע, אַלץ וויניקער זענען זיי געוואָרן. דעריבער איז די ליכטיקע געשטאַלט פון ר׳ שמואל זיינוול פויזנער פאַר אונז אַזוי טייער, ער איז פאַר אונז אַ סינאָנים פון חרות און וואַקסט אויס אין אונזערע אויגן פאַר אַ פאָלקס־העלד, פאַר וועמען „טוב למות בעד ארצנו״ איז נישט געווען קיין פוסטע פראַזע — הונדערטער יידישע שול־קינדער האָבן די ווערטער איבערגעחזרט מיט פּיעטעט און שטאָלץ.

און בעת איך אַליין קוק צוריק אויף יענער צייט, וואַקסט אויס די געשטאַלט פון ר׳ שמואל זיינוול פויזנער ווי אַ פּערזענלעכקייט — אַ גיגאַנט, מיט אַן אייזערנער לאָגיק און טיפער חכמה, וועלכער האָט תמיד פאַרשטאַנען ווו ס׳זענען אמתע קערנער און ווי פוסטע קאַסטרע, און דערביי ווייט פון גאווה און זעלבסט־באַרימעריי.

שטייען מיר, די געבליבענע יתומים מיט אָראָפּגעלאָזטע קעפּ אין טיפן טרויער איינגעהילט און זוכן ערגעץ אַ נחמה... אָבער מיר האָבן זי געפונען! מיר זעען די נחמה! דאָס שמידן ווייטער די גאָלדענע קייט פון נצח ישראל אין אַלע ווינקעלעך פון דער גאַנצער וועלט, אַנגעשפּאַרט אויף דער פעסטער באַזע פונעם ניי־געבוירענעם ישראלדיקן דור. דאָס איז אַ גרויסע נחמה. דאָס איז די טראַנספוזיע פון געזונט יונג בלוט וואָס פילט אָן דעם מידן צעקאַלעטשעטן קערפּער פונעם נע־ונדניק, וועלכער דערפילט שוין די נאָענטקייט פון אַ ישוב, די פייערלעך אין די פענצטער... ר׳ שמואל זיינוול פויזנער, האָט די פייערלעך דערזען אַ סך פריער פון אַנדערע. ער האָט זיי דערזען, ווען פאַר אַנדערע איז עס געווען מיראַזש...

שמואל כהן /
דער „החלוץ"

די געשיכטע פון „החלוץ" אין פוילן, בכלל, און אין ריפּין בפרט ווייסט צו דערציילן פון פאַרצווייגטע מעשים און פּיאָנערישער יוגנט פון דער חלוצישער באַוועגונג שוין אין אָנפאַנג פון די 20־קער יאָרן.

מיט שטאָלץ וועלן מיר פאַרצייכענען, אַז אין דער זעלבער תקופה האָט שוין ריפּין אויסגעצייכנט זיך אַלס פּיאָנערין פון דער חלוצישער באַוועגונג. אין דער צייט פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע ווען די התלהבות איז געווען אין לשער, פרויען און מיידלעך האָבן זיך באַפרייט פון זייער גאָלד און צירינג, און באַשטייערט עס פאַר ציון. יונגע לייט האָבן זיך געגרייט צו פאַראַקערן די אויסגעטרוקנטע ערד פון ארץ־ישראל, איז אין ריפּין געשאַפן געוואָרן איינע פון די שענסטע הכשרה־פּלעצער ביי דער סימפּאַטיע און מיטהילף פונעם רוב פון דער אָרטיקער יידישער באַפעלקערונג. די יוגנט האָט באַקומען די נייטיקע הכשרה דערצו, עולה געווען און שפּעטער באַקאַנט געוואָרן אַלס קבוצת־ברזילי.

„קבוצת ברזלי"

אין יפו׳ער בית החלוץ

אין צענטער פון אַראַבישן יפו, און אין די פינצטערע געסלעך, וועלכע פירן צום ים, זעט מען נאָך ביזן היינטיקן טאָג די גרויסע מויער, וואָס האָט באַלויכטן די סביבה. דאָרט פלעגט זיך פון פרי־מאָרגן ביז שפּעט אין אָוונט הערן דאָס געזאַנג „בוקר בא לעבודה" און „העבודה היא חיינו". דאָרט זיינען געזעסן די חלוצים, וואָס פלעגן קומען נאָר איבערצוּוואַרטן ביז מען וועט זיי שיקן צום באַשטימטן אַרבעטספונקט.

אויף יענעם אָרט זענען אין פּאָגראָם־טאָג פון 1־טן מאַי 1921 געפאַלן דורך אַראַבישע רוצחים 43 קרבנות. צווישן זיי דער ערשטער קרבן, אונזער חבר נתן נייגורעק ז״ל, וועלכער האָט שוין געטרוימט אין דעם בית החלוץ וועגן צונויפשטעלן אַ ריפּינער קבוצה. דער געדאַנק איז רעאַליזירט געוואָרן דורך זיינע חברים מיט דער גרינדונג פון קבוצת ברזלי.

אין בית־הקדם

מיט צוויי פליגלען האָט זיך דער יידישער ישוב געגרענעצט אַרום דעם אַראַבישן יפו, „נוה שלום" און „נוה צדק" פון איין זייט. און דורכן „בית־הקדם" צו די ברעגעס פון ים פון צווייטער זייט.

בית־הקדם איז געווען אַ בוי־געזעלשאַפט פאַר בויען הייזער, און דאָרט איז געלייגט געוואָרן דער גרונד־שטיין פון דער קבוצת־ברזילי.

אין יענע בלוטיקע טעג אין יפו, ווען די אַראַבער זענען באַפאַלן אונזערע ריפינער חברים און אַנדערע פּאַרטיידיקער פון ישוב, האָבן די מויערן פון „בית־הקדם" געדינט אַלס שוץ־פּונקט קעגן די אָנפאַלער. ערשט ווען עס האָט גענומען אַ סוף צום בלוטיקן פּאָגראָם איז ווייטער דאָס קדם־הויז געבליבן געדיכט באַוווינט דורך די, וועלכע האָבן בדעה געהאַט אין דער צוקונפט איבערצוטראָגן זיך קיין תל־אביב, וואָס האָט זיך דאַן נאָרוואָס אָנגעפאַנגען צו בויען.

מיט דער צייט איז אָנגעקומען אין בית הקדם אַ יונג פּאָרפאָלק פון ריפין, אַ מאַן מיט אַ פרוי. דאָס איז געווען צדוק זאַנאַבענד און רחל נענע, די טאָכטער פון ר' שמואל זיינוויל פּאַזנער ז״ל. אין זייער שטוב פלעגן אַלע ריפינער, וואָס זיינען שוין דאָ געווען, האָבן אַ וואַרעמע היים. גאָר אָפט פלעגן מיר זיך דאָרט צו־נויפנעמען און אַרומשמועסן וועגן אַלע פּראָבלעמען, וואָס זיי האָבן גענומען אויף זיך צו לעזן אין דער נאָענטער צוקונפט.

ס'וועט גאָר קיין גוזמא נישט זיין צו זאָגן, אַז אַלע ריפינער, וועלכע האָבן דורכגעמאַכט יענע תקופה, וועלן עס האַלטן פאַר אַ גרויסן זכות, און שטענדיק מיט ליבשאַפט דערמאָנען די זכרונות פון יענע ערשטע שריט אין קדם־הויז און דער המשך פון קבוצת „ברזילי" אין תל־אביב.

אין תל־אביב

פון פרי־מאָרגן ביז טיף אין אָוונט, הינטער די קלאַנגען פון גלאָקן, האָבן זיך געצויגן די רייען פון גמלים און פון זייערע הויקערס אַראָפּגעוואָרפן די משאות, ווידער אַ מאָל אומגעקערט זיך צו ברענגען זיפזיף און ים־שטיינער צו פאַרטיילן אין די נויטיקע פלעצער. דאָס איז געווען פּיאָנערישע אַרבעט פון דער ערשטער מדרגה.

אַ צווייטער אויסגעטרעטענער קעמל־וועג האָט געפירט אַרום זאַמדבערג, טאָלן און פלאַכן, קיין דרי־טער וועג איז נישט געווען.

אַזוי איז דאָס געווען דאָרט אין תל־אביב, ווען קבוצת־ברזילי האָט געשטעלט אירע ערשטע טריט.

דער באַשלוס איז געווען אַ פעסטער: אַלע ריפי־נער זאָלן פאַרלאָזן זייערע אַרבעטס־פלעצער! באַפרייט דערפון ווערן נאָר די, וועלכע זיצן אויף לאַנד־אַרבעט, בכדי ז״י זאָלן באַרייכערן זייערע ידיעות און שפּעטער ברענגען נוצן דער קבוצה. דער באַשלוס פון די גרינ־דער איז אויסגעפירט געוואָרן פּינקטלעך, און אין אַ קורצער צייט אַרום, איז דער עולם געווען פאַר־זאַמלט אויפן באַשטימטן פּלאַץ. און עס האָט זיך אָנגע־פאַנגען די טעטיקייט פון דער ערשטער קבוצה אין תל־אביב, אַוועקגעשטעלט אויף קאָמונאַלע יסודות. צייטווייליק איז די קבוצה געוואָרן באַשעפטיקט אין דער בוי־בראַנזשע, מיט דער פּערספּעקטיוו זיך צו פאַרוואַנדלען אין דער נאָענטסטער צייט אין אַ לאַנד־ווירטשאַפטלעכן קאָלעקטיוו. עס איז אַלץ געטאָן געוואָרן צוצוגרייטן דעם הויף צו די באַדינגונגען פון אַ משק.

דער חצר

גלייך ביים אַריינגאַנג אין חצר זענען געווען אויס־געבויט צוויי ברעזענט־ביידלעך, וואָס זענען מיט־געברענגט געוואָרן פון אונזערע חברים, וועלכע האָבן נאָך פריער געבילדעט אַ ריפינער קבוצה אין גדוד עבודה אויפן נאָמען פון יוסף טרומפּעלדאָר ז״ל, און באַוויזן צו זיין אין גליל העליון און אין די שטיין־האַקערייען אין די בערג פון יהודה.

אַ ביסל ווייטער זיינען געשטאַנען אויסגעבויט 2 הילצערנע צריפים און נאָך ווייטער האָבן זיך געזען 2 ציגעלעך מלא־חן, אַ מתנה פון אַ שכן, אַ ידיד, דער שערפּצער אברהם פריד־ירושלמי. גאָר אַ ברייטן יישר־כוח דאַרף אָפּגעגעבן ווערן אונדזער ידיד אברהם פריד, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכנט ווי אַן אמתער פריינד און בעל יועץ און גרייטקייט צו העלפן.

עס האָט זיך אויסגעטיילט מיט זיין שיינקייט דער טויבנשלאַק, וואָס האָט זיך גאַווהדיק געשטרעקט אין דער הויך און האָט מיט זיין חן צוגעצויגן אַלעמענס בליקן.

אורחים און דורכגייער פלעגן זיך אָפּשטעלן,

באַטראַכטן און פון אָנהייב נישט פאַרשטאַנען די באַ־דייטונג. ערשט ווען די טייבלעך פלעגן זיך באַווייזן, איז שוין במילא אַרויס דער סוד.

ווען ס׳רוב חברים איז שוין געזעסן אויפן פּלאַץ, האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ טעטיקייט אין צוויי ריכטונגען. פון איין זייט אַ משא ומתן מיטן הסתדרות, כדי צו זיין ווי געהעריק פאַרטראַטן אין דער אַרבעטס־פאַר־טיילונג. פון דער צווייטער זייט איז מען געקומען אין פאַרבינדונג מיטן מרכז חקלאי, אַז שוין אין לויפנדיקן יאָר זאָל אונז ווערן געגעבן די מעגלעכקייט צו פאַר־ווירקלעכן די שטרעבונג אַרויסצוגיין אויף באָדן.

די קולטור־טעטיקייט האָט פאַרנומען אַ בכבודיקן פּלאַץ אין דער געשיכטע פון קבוצת ברזלי. דערביי דאַרפן דערמאָנט ווערן די חשובע לייט און קולטור־טוער: חיים פרידמאַן ז״ל, פון דער ערשטער קולטור־קאָמיסיע ביי דער מועצת פועלי תל־אביב, און בערל כצנלסון ז״ל, דער ערשטער רעדאַקטאָר פון „דבר״.

מיט ליבשאַפט וועט בלייבן אין זכרון דער געזעל־שאַפטלעכער טוער און שריפטשטעלער דוד קלעי ז״ל, וואָס האָט מיט סימפּאַטיע און פריינדשאַפט זיך איבער־געגעבן דער קבוצה און צעטראָגן איר רום איבערן לאַנד.

אָפּקלאַנגען אין ריפין

די ערשטע ידיעות, וואָס זענען אָנגעקומען פון דער קבוצת ברזלי קיין ריפין, האָבן נישט געברענגט די געהעריקע איבערראַשונג. דער עולם האָט זיך אָפּ־געהאַלטן פון אַרויסזאָגן מיינונגען.

די ידיעות האָבן זיך אַלץ מער פאַרשפּרייט, און זענען באַגלייט געוואָרן מיט די אויפקלערונגען. פאַר אַלע איז קלאָר געוואָרן דער ציל, וואָס די קבוצה האָט זיך געשטעלט און עס זענען דורכגעפירט געוואָרן באַראַטונגען מיט וואָס ריפין קאָן זיך באַטייליקן, כדי צו העלפן פאַרווירקלעכן די פּלענער פון קבוצת ברזלי. קודם כל האָט זיך געשטעלט דער „החלוץ״ און גלייכצייטיק האָט זיך אויך געשאַפן אַן איני־ציאַטיוו פון עלטערן, וועמענס קינדער האָבן זיך גע־פונען אין דער קבוצה.

די ידיעות, וואָס זענען אָנגעקומען פון „החלוץ״, האָבן געברענגט מיט זיך די קלאָרע מעלדונג, אַז זיי שטעלן זיך צו הילף און פאַרשפּרייטן אין ריפין אַק־ציעס פון בנק הפועלים, ווו ס׳וועט זיין אַ פאָנד פאַר דער קבוצה.

אויך די עלטערן האָבן אָנגעהויבן אַן אַקציע פון צוגרייטן נויטיקע מכשירים און כלים, וואָס עס פאָ־דערט זיך פאַר אַ לאַנד־אַרבעט. דערביי איז אַרויסגע־שיקט געוואָרן אַ ביטע צום הויך־קאָמיסאַר, הערבערט סעמועל, אין ירושלים, ער זאָל באַפרייען די געשיקטע מתנה פון די עלטערן פון גרענעץ־אָפּצאָל.

אויף דער דאָזיקער בקשה האָבן זיך געחתמעט אין נאָמען פון די עלטערן: שמואל זיינוויל פאָזנער ז״ל, אליעזר גלאָבוס ז״ל, זלמן גראָנער ז״ל און לייב סטוד־ניצער ז״ל. דעם נוסח פון דער בקשה קען דער לייענער געפינען אין העברעאישן טייל.

צום סוף דאַרפן צוגעגעבן ווערן אַז פון די אַלע פּלענער איז גאָרנישט געוואָרן, און צוליב פאַרשידענע סיבות, איבער וועלכע מיר ווילן זיך דאָ נישט אָפּ־שטעלן, האָט זיך נישט איינגעגעבן צו אַנטוויקלען די קבוצת ברזלי אויף די יסודות, וואָס זענען געפּלאַנט געוואָרן. דאָס הייסט, אָבער נישט, אַז די קבוצה האָט זיך אויפגעלעזט. אדרבא, קבוצת ברזלי האָט זיך פאַר־שטאַרקט און אַ סך יאָרן געפירט אַ לעבהאַפטע טעטי־קייט, אַזוי לאַנג ווי עס האָט זיך געפאָדערט, אַז ביי דער „הסתדרות״ זאָלן זיין פאַרטרעטן בוי־גרופּן. די קבוצה האָט אויפן דאָזיקן געביט געהאַט גרויסע פאַר־דינסטן.

די פאַרדינסטן פון קבוצת ברזלי

עס איז אוממעגלעך צו מאַכן אַ סך הכל פון די פאַרדינסטן פון קבוצת ברזלי. מיר ווילן בלויז אין קורצן באַצייכענען, אַז קודם כל האָט די קבוצה געדינט ווי אַ היים פאַר ניי־אָנגעקומענע ריפּינער עולים, וועלכע האָבן גלייך געפונען אַן אַרבעטס־פּלאַץ. און אַז ס׳וועט קומען אַ מאָל אַ צייט צו באַצייכענען היס־טאָריש די פאַרדינסטן פון קבוצות, זייער חלק אין בנין הארץ, וועט אָן ספק קבוצת ברזלי פאַרנעמען אַ בכבודיקן פּלאַץ און פאַררעכנט ווערן צווישן די ערשטע

בויערס פון באַן־ליניעס און שאָסייען, שטיינהעקערס אין די בערג, ברונעם־גראָבער אויף די פלאַכן, בויער פון הייזער אין שטאָט און אויף די גרענעץ־פונקטן. קבוצת ברזלי האָט געלייגט די ערשטע ציגל אויף די נאַקעטע זאַמדן פון חולון.

עס פאָדערט זיך צו דערמאָנען די פאַרדינסטן פון דער יונגער קבוצה און איר חלק אין דער הגנה. ווען צו פאַרטיידיקן דעם קיום פון ישוב האָט זיך געפאָדערט אויסצובאַהאַלטן פון די ענגלענדער כלי־זיין איז איר תחום פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ לאַגער פון שווערגעווער. ווער שמועסט נאָך, אַז גרענעץ־ישובים זענען באַפאַלן געוואָרן דורך אַראַבישע רוצחים, און מען האָט געדאַרפט צוריק אויפבויען און באַפעסטיקן די חרוב־געוואָרענע פלעצער פון בן־שמן, הר־טוב און דעם ווייטן דרום ביז באר־טוביה, האָט קבוצת ברזלי זיך גלייך געשטעלט אין דער ריי.

י. זרבבל / ח.ל. פוקאַטש, ווי איך געדענק אים

מיט אַ 35 יאָר צוריק, ווען איך האָב געהאַט געזאַמלט מאַטעריאַלן פאַרן גרויסן „יידישן אַרבבעטער פנקס“, געווידמעט דער פועלי־ציון באַוועגונג, האָב איך זיך „אָנגעזעצט“ אויף דעם חבר ח. ל. פוקאַטש, ער זאָל שרייבן וועגן די ערשטע יאָרן פון דער פועלי־ציון באַוועגונג אין פוילן. איך האָב געוווסט, אַז ער געהערט צו די ראשונים און אַז ער האָט פאַרזוכט דעם ספּעציפישן טעם פון ערשטקייט. ס׳איז מיר דעמאָלט נישט איינגעפאַלן, אַז אין עטלעכע צענדליק יאָר שפּעטער וועט זיך עמעצער „אָנזעצן“ אויף מיר, אַז איך זאָל שרייבן זכרונות וועגן זעלבן ח. ל. פוקאַטש, ווי וועגן אַ שוכן עפר.

איך געדענק אים גוט. ער איז געווען פול אָנגעלאָדן מיט לעבן, אָנגעזאַפּט מיט אַקטיוויטעט, און אויב ער האָט געליטן, ווי מיר שיינט, פון געוויסע פיזישע מיחושים, איז עס אָבער בשום אופן נישט געווען צו דערקענען אויף אים און צו פילן אין זיין גייסטיקער אַרבעט, אין זיין ברויזנדיקער טעטיקייט אויפן געזעלשאַפטלעכן געביט.

פוקאַטש האָטווירקלעך געהערט צו די ערשטע פועלי־ציון אין פוילן. וועגן דעם האָט ער דערציילט אינעם דערמאָנטן „אַרבעטער פנקס“, אָבער באַזונדער איז זיין טעטיקייט געווען פאַרבונדן מיט דעם ראַיאָן שערפּץ־ריפּין. איך ווייס נישט, ווי אַזוי עס האָט געגנוי אויסגעזען זיין אַרבעט די ערשטע יאָרן, אָבער זינט

מיין באַזעצן זיך אין פוילן אין יאָר 1918, בין איך געשטאַנען אין שטענדיקן כסדרדיקן קאָנטאַקט מיט פוקאַטשן און כ׳האָב אים באַטראַכט ווי איינעם פון די טרייסטע און איבערגעגעבנסטע טוער אין דער באַוועגונג. ער האָט זיך באַטייליקט אין אַלע מער וויכטיקע ראַיאָנע און צענטראַלע באַראַטונגען, מיר האָבן זיך צוגעהערט צו זיינע מיינונגען און זיך גערעכנט מיט זיין רעאַגירן אויף דערשיינונגען אין פּאַרטיי־לעבן.

איך בין אין יענע יאָרן געווען אַ גאַנץ אָפטער גאַסט אין שערפּצער ראַיאָן, און אין ריפּין בין איך געווען אויך דער פּערזענלעכער גאַסט פון פוקאַטש. איך האָב זיך דערנענטערט צו זיין משפּחה, דערקענט פון דער נאָענט זיין הויז און פאַמיליען־לעבן. ער האָט מיך פאַראינטערעסירט, ווי אַן אייגנאַרטיקער טיפּ פון אַ יידישן סאָציאַליסט. ער האָט געפירט זיין אייגענעם שניידער־וואַרשטאַט, ווו עס זענען געווען באַשעפטיקט אַרבעטער. אָבער איך האָב נישט געזען אַליין און נישט געהערט פון אַנדערע, מען זאָל זיך באַציען צו פוקאַטשן, ווי צו אַ באַלעבאָס. אַרבעטער און פּשוטע פאָלקס־מענטשן האָבן זיך באַצויגן צו אים ווי צו אַן אייגענעם מענטש, און זיי האָבן געהאַט פאַר אים דרך־ארץ. דאָס האָט זיך דער עיקר גענומען דערפון, ווי מיר האָט געשיינט, וואָס די אַרומיקע, בפרט די וואָס זענען געקומען אין נעענטערער באַרירונג מיט אים, האָבן אַרויסגעשפּירט זיין מענטשלעכן, חברישן אמת

און אנערקענט זיין ערלעכע, אויפריכטיקע באַציונג צו דער אַרבעטערשאַפט און צו איר אידעאַל.

פוקאַטש האָט אַרויסגעוויזן אַ באַזונדער אינטע־רעס צו אַרבעטערישער קולטור־און בילדונג־טעטיקייט. און וואָס מיר פערזענלעך איז געפעלן, איז זיין אינ־טערעס צו טעאַטער, צו שפּיל. ער האָט געהאַט אַ מין נאַטירלעכע איינגעבוירענע נייגונג צו טעאַטער און האָט זיך באַמיט צו דערוועקן דעמזעלבן אינטערעס אויך ביי די אַרבעטער און יוגנט אין שטעטל, ווי ער וואָלט געוואָלט דורכדעם מיטהעלפן דער אַנטוויקלונג פון זייער געשמאַק און כאַראַקטער.

פוקאַטש איז געווען אַ גוטער חבר; ער האָט נישט איבערגעקליבן און נישט אויסגעזוכט קיין „איידעלערע" און מער „בכבודיקע" אַרבעטן אין דער אָרגאַניזאַציע. ער האָט זיך געפילט, און אַזוי האָבן די חברים אים באַטראַכט, ווי דעם טאַטע פון דער אָרגאַניזאַציע. און ווי אַ טאַטע האָט ער געזאָרגט פאַר אַלץ, פאַר אַלעם און פאַר אַלעמען. נישט ווייל ער האָט עס געמוזט, נאָר ווייל ער האָט עס געוואָלט. אין דעם פּרט איז ער אפשר נישט ווילנדיק און אָן שום כוונה, געווען אַ מוסטער פאַר אַנדערע.

ער האָט געהאַט אין אויג סיי די גייסטיקע אַנט־וויקלונג, סיי די פּאָליטישע טעטיקייט, און אויך די מאַטעריעלע באַדערפענישן פון דער באַוועגונג.

אויב איך מאַך נישט קיין טעות, האָט פוקאַטש פאַרבעטן אַ ספּעציעלן רעזשיסער פאַר זיין אַמאַטאָרן־גרופּע אין ריפּין; זי האָט זיך נישט באַגנוגנט מיט אויפטרעטן בלויז אין ריפּין גופא, נאָר זי האָט געגעבן פאָרשטעלונגען אויך אין די שטעטלעך פון דער סביבה. פוקאַטש האָט געהאַט נחת דערפון, מחמת ער האָט עס באַטראַכט, ווי אַ וויכטיקן פּונקט אין זיין קולטור־טעטיקייטס־פּראָגראַם. האָט ער געזאָרגט אי פאַרן רע־זשיסער, ער זאָל פאַרמאָגן די געהעריקע קוואַליטעט, אי פאַר דעם רעפּערטואַר, ער זאָל אַנטשפּרעכן דער אויפגאַבע: הויבן דעם קולטור־ניוואָ פון דער יידישער באַפעלקערונג אין דער פּוילישער פּראָווינץ.

פוקאַטש האָט נישט געוואָלט יוצא זיין מיט איינ־לאַדן די אַרומפאָרנדיקע פּראָפעסיאָנעלע טרופּעס,

וואָס נישט אַלע האָבן זיי געוווסט אָפּצושאַצן זייער אויפגאַבע אין דער פּראָווינץ, אַז מען דאַרף איר אונ־טערטראָגן געזונטע קינסטלערישע שפּייז. צו אָפט פלעגט מען אַראָפּפאָרן אַהין, כדי צו פאַנגען אין נעץ דעם אויסגעהונגערטן „עולם־גולם" און אים מהנה זיין מיט „כינקע פינקע" און כלערליי „ציפּקע פייער" און ד. גל. מאַכערייקעס.

פוקאַטש האָט אויף דעם שטח געוווסט צו שטעלן פאָדערונגען און זיין איבערקלייבעריש. ער האָט אויף אייגענער איניציאַטיוו צוגעגרייט מיט זיין „טרופּע" פאָרשטעלונגען פון בעסערער איכות און די אָנגע־פאָרענע גאַסטראָלן האָבן געמוזט זיך צופּאַסן צו דעם מער אַנטוויקלטן געשמאַק פון די איינלאַדער.

עס געדענקט זיך מיר, ווי אָפט מיר האָבן פאַר־בראַכט מיט פוקאַטשן אין דיסקוסיעס, וואָס זענען אויסן געווען אויפצוקלערן טעמאַטיש און פּראַקטיש פּראָ־בלעמען פאַר חברים, וועלכע זענען געשטאַנען בראש פון די פּראָווינצער אָרגאַניזאַציעס און זיי האָבן געוואָלט קריגן גענויע אינסטרוקציעס פון העכערע אינסטאַנצן. זיי האָבן נישט אָנגענומען קיין „תורת לאַקשן" פון אויבן נאָר אַליין דורכגעטראַכט און דורכגעמוחט די פראַגן ביז עס האָט זיך זיי „געלייגט אויפן שכל".

מיר אַלע אין דער באַוועגונג האָבן געוווסט צו אַכטן און ערן דעם חבר פוקאַטש נישט נאָר מחמת זיין עלטער; נאָר אַדרבא, מיר האָבן אים געשעצט צוליב זיין דינאַמישקייט און פרישקייט, צוליב זיין טריישאַפט דער באַוועגונג און טיפן אינטערעס צו איר גורל.

זיין אָנדענק איז ביי מיר געבליבן אָפּגעהיט ביזן היינטיקן טאָג.

חיים לייב פוקאַטש ז"ל האָט פאַרנומען אין שטאָט זייער אַ וויכטיק, פאַראַנטוואָרטלעך און בכבודיק אָרט, ווי אויך אין קולטורעל־געזעלשאַפטלעכן לעבן. אַ טוער פון די לינקע פּועלי־ציון, פון דער יידישער ביבליאָ־טעק, אַ פאַרוואַלטונגס־מיטגליד פון ספּאָרט־קלוב „גוויאַזדאַ". איך פלעג אָפט קומען צו אים אין שטוב און מיטמאַכן די שמועסן און וויכוחים, באַזונדערס וועגן דער צוקונפט פון ארץ־ישראל.

חיים ניסנצווייג / **חיים־לייב פּוקאַטש - דינאַמישע קראַפט פון דער קולטור־געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט**

באַקענט האָב איך זיך מיט אים בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען די דייטשן בימי ווילהעלם דעם צווייטן האָבן אָקופּירט פּוילן און דער הונגער האָט געבושעוועט אין אַלע ווינקעלעך פון לאַנד, דער עיקר אין די צענטראַלע און גרעסערע שטעט. איז מען געלאָפן זוכן שפּייז אין די ווייטסטע געגנטן פון פּוילן. די בעסער פּאַרזאָרגטע שטעט אין יענער צייט זענען געווען די, וואָס האָבן זיך געפונען האַרט ביי דער פּאָמערישער געגנט, צווישן פּלאָצק און טאָרן. אויך מיך האָט דער גורל, ווי אַ יונגן יידישן אַקטיאָר, אַן אָנפאַנגער, פאַרוואָרפן אין שטעטל ריפּין, כדי דאָרט אָנצופירן מיט אַ דראַמאַטישן קרייז. דאָס שטעטל ריפּין האָט פאַרמאָגט אַ רייך פויערטום אין די אַרומיקע דערפער און האָט פון קיין הונגער נישט געוווּסט. מיט דער צייט איז עס געוואָרן אַ זאַמלפּונקט פון גרויסשטעטישער אינטעליגענץ און אַקאַדעמישער יוגנט.

ריפּין אַליין האָט צו יענער צייט פאַרמאָגט אַ וווּנדערבאַרע, שפּרודלדיקע אידעאַליסטישע און לעבנסלוסטיקע יוגנט, וואָס האָט זיך גרופּירט אַרום פאַרשידענע פּאַרטיי־אידעאָלאָגיעס, צווישן וועלכע ס׳האָבן דאָמינירט — די אַלגעמיין־ציוניסטישע און די לינקע פּועלי־ציון; דער פירער פון די לעצטע איז געווען חיים לייב פּוקאַטש.

בעת איך האָב זיך מיט אים באַקענט, ווי מיטן פאָרזיצער פון דער ריפּינער „אַרבעטער היים", האָב איך פאַר זיך דערזען אַ לייביקן מענטש, אויסערלעך — אַ בעל גוף, נידעריקער פון מיטעלן וווּקס, אַ מאָנאָליטע פעסטע פיגור, מיט גוטמוטיקע און דורכדרינגלעכע אויגן און אימפּולסיווע באַוועגונגען.

די חברים, וואָס האָבן מיך צו אים געפירט, כדי פאָרצושטעלן דעם נייעם רעזשיסער פון דראַמקרייז, האָבן גערעדט וועגן אים מיט גרויס דרך־ארץ, ווייל ער אַליין איז אויך געווען אַ רעזשיסער, אַז מען האָט באַדאַרפט, דערביי אויסערגעוויינלעך מוזיקאַליש. אָנ־

געפירט אויך מיט אַ כאָר. בעת מיר האָבן זיך באַקענט, האָט ער מיך באַטראַכט מיט זיינע אַדורכנעמענדיקע אויגן און מיך ווי געהעריק אָפּגעשאַצט, געשטעלט עטלעכע פראַגן, כדי צו קאָנטראָלירן מיינע וועלט־אַנשויונגען, און תיכף צוגעטרעטן קאָנקרעט צום ענין פּיעסע, פּראָבן א. אַ. וו.

אין קיין עלעגאַנץ האָט ער זיך נישט געשפּילט, און פונדעסטוועגן איז ער געווען דער בעסטער, מאָדערנסטער דאַמען־שניידער, נישט נאָר פון ריפּין, נייערט פון אַלע שטעטלעך אַרום.

ס׳האָט פון אים געשפּרודלט מיט ענערגיע און דינאַמישקייט, שכל און אונטערנעמונגס־גייסט. דערצו איבערגעגעבן פּאַרטייאיש ביז פאַנאַטיזם. דערביי האָט ער געפירט אַ וואַרשטאַט, געהאַלטן געזעלן, וואָס איז געווען אין ווידערשפּרוך צו זיינע פאַנאַטיש־מאַרקסיסטישע איבערצייגונגען.

ער פלעגט אָפט אַליין טענהן: „ס׳קומט אויס מאָדנע, אַ סאָציאַליסט און אַן עקספּלאָאַטאַטאָר, פּאַסט עס זיך?" און ס׳האָט זיך טאַקע נישט געפּאַסט. אַליין, אַ מטופּל, באַשיט מיט קינדערלעך, דער עיקר טעכטער, איז ער אַלע מאָל געווען אַ נצרך, ווען ס׳האָט געפעלט אויף שבת, נישט געקוקט אויף דעם באַרימטן שניידער־וואַרשטאַט מיט געדונגענע אַרבעטס־הענט. די סיבה דערפון איז געווען, זיין איבערגעגעבנקייט און מסירת־נפש צו געזעלשאַפטלעכער און פּאַרטיי־אַרבעט. דאָס האָט ביי אים צוגענומען מער צייט פון באַרוף, און בפירוש געשטערט צו דער פּרנסה.

דאָס אומגליק, וואָס האָט געטראָפן די יידן אין פּוילן, האָט אומגעבראַכט נישט נאָר דאָס פּוילישע יידנטום, נייערט אונטערגעשניטן די וואָרצלען פון דער יידישער וועלטלעכער קולטור אין דער גאַנצער וועלט, ווייל דאָס פּוילישע יידנטום איז געווען דער רעזערוואַר, דער אייביקער אומדערשעפּלעכער קוואַל, וואָס האָט גייסטיק באַפרוכפּערט און באַוואַסערט אַלע לעכצנדיקע יידן אין אַלע וועלט־טיילן. דעריבער איז



אַ חברים־קאַנפערענץ פון דער פועלי־ציון, פרייהייט און באָראָכאָוו־הכשרה אין ריפּין. צווישן זיי זיצן אין דער דריטער ריי, פון רעכטס: משה בראון, יוסף לינדער, יחיאל לעווקאָוויטש, זלמן פעלדהיים, אברהם קאלמא, ביינוש מענקע, משה ליכטנשטיין, יואל קורצמאַן, סימע אייזנבערג, שמחה אבאוויטש

אונז יעדער אומגעקומענער ייד טאָפּלט טייער און ליב. בפרט אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַט אַ פּערזענלעכע הש־פּעה אויף דער געשטאַלטונג פון די וווּנדערבאַרע יינגלעך און מיידלעך, וואָס האָבן שפּעטער אַריינגע־שריבן נישט איין גאָלדן בלאַט אין דער געשיכטע פון יידישער העלדישקייט, מחוץ לארץ־ישראל און אין ארץ־ישראל. באַזונדערס טאָרן די ריפּינער יידן נישט פאַרגעסן אַלע די, וואָס זייער לעבן איז געווען פול מיט קרבנותגרייטקייט פאַר די אידעען, וואָס זיי האָבן גע־טראָגן אין זייערע הערצער, און תמיד גרייט געווען צו גיין אין פייער און וואַסער פאַר דער פּאַרטייאישער אָדער אידעאישער איבערצייגונג, און לסוף אומגע־קומען על קידוש השם.

אַזעלכער איז אויך געווען חיים לייב פוקאַטש, וועמענס מהות האָט זיך אויסגעדרוקט נישט נאָר אין דער אָדער יענער געזעלשאַפטלעכער טאַט, נאָר אין דעם וווּנדער פון זיין ענערגיע און ווילן צו לעבן פאַר אַ הייליקער אידעע און גרייטקייט צו שטאַרבן פאַר איר.

חיים לייב פוקאַטש איז געווען איינער פון די, וואָס האָבן אין זייער לעבן געמוזט האָבן אַן אָנשפּאַר אין דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. אַליין אַ קינד פון דער יידישער אָרעמקייט האָט ער זיין דערציונג באַקומען אין שטעטל זשוראַמין, קעגן וועלכן ריפּין איז געווען אַ כרך. אַ לערן־יינגל ביי דעם דאָרטיקן „שימעלע סאָראָקער" האָט ער אַדורכגעמאַכט די לער לויט אַלע כללים פון יענער צייט. געטראָגן פּאַמעני־צעס, איינגעוויגט די קינדער, באַקומען פּעטש אָנשטאָט ברויט, געוואַשן די דילן, ביז ער איז געוואָרן אַ געזעלן אין דער שטאָט שערפּץ. פון דער פריסטער יוגנט האָט ער גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער רעוואָלוציאָ־נערער באַוועגונג. אַפילו געמוזט אַנטלויפן פאַר רדיפות. און ווען ער האָט זיך אין די יאָרן 1908—1909 באַזעצט אין ריפּין, און ווי אַלע בעלי־מלאכות געוואָרן אַ באַלעבעסל פון אַן אייגענעם וואַרשטאַט, האָט ער די

פּאַרטייאישע און געזעלשאַפטלעכע אַרבעט נישט פאַר־וואָרפן, געבליבן אַן איבערצייגטער באַראָכאָוויסט — אַ לינקער פּועלי־ציוניסט.

עס איז נישט געווי באַקאַנט, ווען און ווו ס׳איז אומגעקומען חיים לייב פּוקאַטש; נאָר פאַר די וואָס האָבן אים געקענט, איז קלאָר, אַז ער האָט מן הסתם זיין לעבן ביליק נישט אַוועקגעגעבן. ער איז געווען פון די דרייסטע און מוטיקע נאַטורן, וואָס האָבן זיך נישט אונטערגעגעבן און נישט לייכט קאַפּיטולירט.

ליידער איז מיר נישט געלונגען אין פאַרשידענע געטאָ־דאָקומענטן אַנצוטרעפן אויף זיין נאָמען, ווייל ס׳איז כמעט נישט פאַראַן קיין נעמען פון ריפּינער יידן, מחמת אין ריפּין איז קיין געטאָ נישט געווען, אַלץ איז דעפּאָרטירט געוואָרן אין די גרעסערע שטעט ווי פּלאָצק, מלאַווע, וואַרשע א. אַנד. אָבער ווער עס געדענקט דעם אימפּולסיוון, דרייסטן און מוטיקן חיים לייב פּוקאַטש, וויסט, אַז ער איז זיכער געשטאָרבן אין קאַמף, פּונקט ווי ער האָט געלעבט אין קאַמף. חיים לייב פּוקאַטש האָט געהערט צו די געציילטע פאָלקס־מענטשן, וואָס זענען דערצויגן געוואָרן אויף די טראַ־דיציעס פון רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער־קלאַס פון סוף ניינצנטן און אָנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. זיי האָבן פון זיך אַרויסגעגעבן די „ברוך שולמאַנס״ און „הערש לעקערטס״, די „אַנילעוויטשעס״ און „מאַל־מעדס״, די גאָלדענע בלעטער פון די אויפשטענדלער אין וואַרשעווער, ביאַליסטאָקער און אַנדערע געטאָס.

מאיר ליפּקע / די יוגנט און אירע פירער

אַנזער שטעטל האָט פאַרמאָגט אַ פּרעכטיקע יוגנט, וואָס האָט זיך גרופּירט אַרום די אָר־גאַניזאַציעס „השומר הצעיר״, „הנוער הציוני״, לינקע „פּועלי־ציון״ און „מכבי״.

אין מיין זכרון האָט זיך איינגעקריצט דער פאַקט, ווען דער ציוניסטישער עסקן ר׳ שמעון כהן, וועלכן מען האָט גערופן שמעון חסיד, צוליב דעם וואָס ער האָט לאַנגע יאָרן געדאַוונט אין גערער שטיבל, איז געוואָרן אויסגעצייכנט מיט אַ זילבערנעם מעדאַל, אַ זשעטאָן 7—1936, פאַר זיין איבערגעגעבענער ציו־ניסטישער טעטיקייט צווישן דער יוגנט.

דאָס איז געווען אינעם וועלדל פון דער פראַגע ביז צו די פּיאַסקעס. איך בין דעמאָלט געווען אַנפירער פון אַ קן און רעפערירט פאַר דער יוגנט, וואָס דער דאָ־זיקער מענטש האָט אַלץ געטאָן, כדי דער ציוניסטישער געדאַנק זאָל אַריינדרינגען אין די הערצער און מוחות פון די יידישע יוגנטלעכע און זיי זאָלן זען פאַר זיך קלאָר דעם וועג, אויף וועלכן זיי דאַרפן גיין. שמעון חסיד האָט געשאַפן די בריק צווישן יונגן און עלטערן דור.

איך בין געשטאַנען קעגן איבער אים און געזען די צעשטראַלטקייט אויף זיין איידל פּנים. איך האָב געפילט, אַז נישט די לויב־רייד רופן עס אַרויס ביי אים דעם שטאָלץ, נאָר די פאַרשטענדעניש פון דער רי־פּינער יוגנט, זייער ענטוזיאַזם פאַרן אידעאַל פון שיבת ציון.

ר׳ ש. ז. פּאָזנער

אַן אומפאַרגעסלעכע געשטאַלט, איינע פון די שענסטע פּערזענלעכקייטן, וואָס איז געווען פאַרערט און באַליבט ביי אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג.

ער איז געווען אַן איידעלער און גייסטרייכער מענטש, האָט אַלע יאָרן געוועקט און גערופן דעם עולם אָנצושליסן זיך אַקטיוו אין די רייען פון די, וואָס בויען ארץ־ישראל. ער איז געווען אַ באַגאַבטער רעדנער און פלעגט מיט איידעלען פּאַטאָס זיך ווענדן צו די עלטערן: „גיט אייערע קינדער פאַרן אויפבוי פון דער יידישער מדינה! די יוגנט געהער צום גאַנצן פאָלק. אויב איר וועט עס נישט טון פון גוטן ווילן, וועל איך אָנווענדן כוח!״

קיינער האָט נישט געפרעגט וואָס פאַר אַ כוח ער וועט אָנווענדן, אָבער זיין רוף איז נישט געווען קיין קול קורא במדבר און האָט געפונען אַ טיפן



„השומר הלאומי", ריפין 1929 — מיט מאַטיוק יצחק

עס שטייען אין דער צווייטער שורה (פון רעכטס) : מיעדזשינסקי, יאַנקעלעוויטש, נענצל, קליינבערג, פליישער, מיאָדאָבניק
צווייטע שורה : רבקה שעורין, שעכטער, קראַוויעצקאַ, גאָלדרייך, קאהן, ליפּקע, בענטקאָווסקאַ, נענצל,
קאָלטון, פעלדהיים גרינבוים, לעווקאָוויטש
עס זיצן אין דער דריטער שורה : ספּעקטאָר, בערמאַן, פוקאַטש, דאָבזשינסקי, מעטיוק, מלין שמואל,
אורין, פעלדהיים דוד, פאפּיאל יוכבד
לעצטע שורה : האָרוויץ, מאַרינאָוויטש, לעווקאָוויטש, מלין, שעורין, מיאָדאָווניק חיים

אָפּקלאַנג אין די הערצער פון די ריפּינער יוגנטלעכע און דערוואַקסענע.

ר' בער קאַטשער

ערלעכקייט און אויסגעהאַלטנקייט זענען געווען די גרונט־שטריכן פון זיין כאַראַקטער. מיר, יוגנט־לעכע, האָבן אין אים געזען אַ מוסטער פון אַ קעמפער פאַרן ציון־אידעאַל. מען האָט אין קאַטשערן געשעצט זיינע גוטע מידות. זיין שטוב איז געווען אָפן פאַר יעדן הונגעריקן און פאַר יעדן, וואָס האָט געדורשט נאָך אַ גוט וואָרט. די גוטע, האַרציקע שטוב־עמנטשן האָבן געהאַט אַן אָפן אויער פאַר אַלע פּראָבלעמען, וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיטן „השומר הלאומי".

אַ גייסטיקע קראַפט האָט אַרויסגעלויכטן פונעם דאָזיקן ענערגישן מענטש און אינאיינעם מיט זיין צאַרטקייט און זיין נשמהדיקער באַציונג צו מענטשן איז ער געבליבן אין אונדזער זכרון ווי אַ וווּנדער־לעכע געשטאַלט, אַ גייסטיקע פעסטונג, וואָס האָט מיט זיין אינעווייניקסטער ־שיין באַשטראַלט אונדזער יוגנט.

עס שטייט מיר פאַר די אויגן די יוגנט־אָרגאַני־זאַציע „השומר הלאומי" (הנוער הציוני), אירע שעפער און גרינדער א. מלין, אליהו דאַבזשינסקי און אַנדערע, וועלכע זענען אומגעקומען דורך די דייטשע מערדער.

אַ שיינע יוגנט, ליכטיקע פּנימער. שמואל מלין און אליהו דאָבזשינסקי די גרינדער — זענען געווען צוויי עקשנים. זיי האָבן איינגעאָרדנט טיולים, רעפע־ראַטן, תמיד מיטן לוסטיקן געלעכטער, תמיד ערנסט אויסגעהערט יעדנס ווייטיק פון דער היים.

דער השומר הלאומי האָט געפירט אַ דערציערישע אַרבעט, דאַן געשיקט אויף הכשרה און אויף עליה קיין ארץ־ישראל.

יהודה לייטער

א סקויטן־גרופע ביי דער ארגאניזאציע „השומר־הצעיר"



דאָס איז אַ בילד פון דער קבוצה „אל על" אויף איינעם פון די אויספלוגן, וואָס פלעגן אַזוי אָפט פאָרקומען הינטער דער שטאָט. די דאָזיקע אויספלוגן זענען געווען אַ טייל פון דער אַלגעמיינער קולטור־אַרבעט, וואָס איז געפירט געוואָרן צווישן דער יידישער יוגנט אין ריפין. אויף די דאָזיקע עקסקורסיעס צו־פוס פלעגט מען נישט בלויז זינגען יידישע און העברעישע לידער, טאַנצן חלוצישע הוירא־טענץ, נאָר אויך באַקענט די יינגע חלוצים מיט אַלע ציוניסטישע און יידישע פּראָב־לעמען. מיט דער גאַנצער קולטור־אויפקלערערישער אַרבעט האָבן אָנגעפירט די אומפאַרגעסלעכע מרדכי („מאָטעק") דובנא און חנה קאפעמאן זכרונם לברכה. די דאָזיקע יוגנטלעכע האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט אַ נישט דורכשניטלעכער אינטע־ליגענץ און אַ סך יידיש און וועלטלעך וויסן.

אויפן בילד זעען מיר אויך די טייערע און איבערגעגעבענע בלב ונפש דער ציוניסטישער אַרבעט, די ברידער יחזקאל און יעקב קאפא. יחזקאל, האַלט די פאַן. פון דער דאָזיקער גרופע איז נאָר אַ קליינער טייל געבליבן לעבן. איניקע, צוזאַמען מיטן דעמאָלטיקן ראש הקן, אפרים שרענסקי, האַבן באַוויזן צו קומען אין לאַנד אַריין נאָך פאַר דער מלחמה. אייניקע אַפגעראַטעוועטע פון הורבן ריפין זענען נאָך דער מלחמה געקומען אין לאַנד אַריין.

יאָנאַס טורקאָוו / **יידיש טעאַטער אין ריפּין**

איך האָב נישט בדעה איצט צו שרייבן די געשיכטע פונעם יידישן טעאַטער אין ריפּין. דערצו פעלן די נייטיקע מאַטעריאַלן. די דייטשישע נאַצי־בעסטיעס, ימח שמם, האָבן אַלץ געטאָן, כדי נישט איבערצולאָזן קיין שפּור נאָכן אויסגעקוילעטן יידישן ישוב אין פּוילן, מיט זיינע פיל־פאַרצווייגטע אַקטיוויטעטן.

אויב אָבער עס איז מיר דאָך מעגלעך צו מאַכן געוויסע אויספירן וועגן די אויפטוען אויפן געביט פון יידישער טעאַטער־קונסט אין ריפּין, איז עס נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס כ׳האָב אין ניו־יאָרקער יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, ווו איך פיר אָן מיטן טעאַטער־אַרכיוו, געפונען אַ ריי מאַטעריאַלן, וועלכע דערמעגלעכן מיר, צוזאַמען מיט מיינע פּערזענלעכע זכרונות, איבערצוגעבן פאַרן ריפּינער יזכור־בוך געוויסע פּרטים, וואָס האָבן אַ שייכות צום יידישן קולטור־לעבן, אויפן אָפּשניט פון טעאַטער און קינסטלערישע פאַרוויילונגען.

„שולמית״ מיט 77 יאָר צוריק

איך האָב אויסגעפונען, אַז אין יאָר 1885 האָט אַ יידישע וואַנדער־טרופּע געשפּילט יידיש טעאַטער אין ריפּין, וואָס האָט דעמאָלט געהערט צו דער פּלאָצקער גובערניע. די דאָזיקע טרופּע האָט אַרומגעוואַנדערט איבער די פּוילישע שטעט און שטעטלעך — מער געגאַנגען צו פוס, ווי געפאָרן, — און האָט זיך גערופן „דייטשישע אָפּערעטן־געזעלשאַפט״. יידיש טעאַטער איז צו יענער צייט געווען פאַרבאָטן דורך דער צאַרישער מאַכט. האָט מען, כדי צו קאָנען אַרויסבאַקומען אַ דערלויבעניש צו שפּילן, געמוזט אויפטרעטן אונטער דעם פאַרמאַסקירטן נאָמען פון אַ דייטש טעאַטער.

די אַזוי גערופענע דייטשישע אָפּערעטן־געזעלשאַפט האָט געשפּילט אויף יידיש „שולמית אָדער די טאָכטער פון ירושלים״. דער אָנפירער פונעם טעאַטער איז געווען דער ה׳ וויינשטאָק, איינער פון די ערשטע יידישע אַקטיאָרן. אגב, איז וויינשטאָק געווען אַ קרוב פון אַברהם גאָלדפאַדען, דעם „פאָטער״ פונעם יידישן טעאַטער. ער האָט, פּונקט ווי גאָלדפאַדען, געענדיקט די ראַבינער־שול אין זשיטאָמיר און ער איז, טאַקע דורך גאָלדפאַדענען אַריינגעצויגן געוואָרן אין יידישן טעאַטער.

וויינשטאָק, וואָס איז שפּעטער באַרימט געוואָרן איבער דער וועלט אונטערן נאָמען יאָזעף וויינשטאָק, האָט געשפּילט אין „שולמית״ די ראָל פון „אבשלום״. „שולמית״ האָט געשפּילט פריילין בערלין, וואָס איז שפּעטער באַרימט געוואָרן איבער דער וועלט, ווי בערטאַ טאַנצמאַן. אין דער זעלביקער „דייטשישער אָפּערעטן־געזעלשאַפט״ האָט זיך געפינען איר שפּעטערדיקער מאַן, בערל טאַנצמאַן, וועלכער האָט אין „שולמית״ געשפּילט די ראָל פון „צינגיטאַנג״. „מנוחן״ האָט געשפּילט דער אַקטיאָר שאול וויינשטיין.

די אויבנאויסגערעכנטע אַקטיאָרן זענען שפּעטער געוואָרן אַ שם דבר אין דער טעאַטער־וועלט. זיי זענען געווען די פאָר־טרעגער פון דער יידישער היסטאָרישער אָפּערעטע אין אַמעריקע.

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אויפן דאָזיקן עפּיזאָד, כדי אונטערצושטרייכן, אַז שוין מיט 77 יאָר צוריק האָט מען געשפּילט יידיש טעאַטער אין ריפּין. פון דעם איז געדרונגען, אַז די דאָזיקע שטאָט האָט געהאַט אַ לאַנגע טעאַטער־טראַדיציע.

צווישן די פּראָפעסיאָנעלע טעאַטערס, וואָס פלעגן שפּעטער קומען קיין ריפּין, זענען געווען די וואַנדער־טרופּעס פון אַברהם יצחק קאַמינסקי, הערמאַן בערמאַן, שיעלע ראָטשטיין, הערמאַן פיינשטיין א. אַנד.

„שמע ישראל" — מיט אייגענע כוחות

דער ערשטער פּרווו אויפצופירן אין ריפּין אַ יידישע פאָרשטעלונג, מיט אייגענע אַמאַטאָרישע כו־חות, איז געמאַכט געוואָרן נאָך דער אָקטאָבער־רע־וואָלוציע פון 1905. דער קורס אין צאַרישן רוסלאַנד איז דעמאָלט געווען אַ מער ליבעראַלער און דאָס פאָלק האָט געקענט פרייער אָטעמען. אויך די יידישע געזעלשאַפטלעכע קרייזן האָבן אָנגעהויבן זיך צו אָר־גאַניזירן. אין ריפּין האָבן די פאָרשטייער פון דער יידישער אינטעליגענץ, בראש מיט לייב קאַלסקי און אַדוואָקאַט זאַנאַבענד אָרגאַניזירט אין יאָר 1906 די ערשטע יידישע ביבליאָטעק, ווי אויך אַ דראַמאַטישן קרייז. מען האָט באַשלאָסן אויפצופירן די דעמאָלט אין רוסלאַנד באַרימטע פּיעסע פון אָסיפּ דימאָוו „שמע ישראל".

אַלע פאָרבאַרייטונגען זענען געמאַכט געוואָרן און עס איז באַשטימט געוואָרן דער טאָג פון דער פאָרשטעלונג. די שטימונג ביים ריפּינער עולם איז געווען אַ באַגייסטערטע און יום־טובדיקע. דער יום־טוב איז אָבער צעשטערט געוואָרן. צווישן די אָנטייל־נעמער פון „שמע ישראל" האָט זיך געפונען די שיינע חסידישע טאָכטער פון ריפּין, מרים פייגע בוכמאַן, וואָס האָט געשפּילט איינע פון די הויפּטראָלן.

ווען איר פאָטער, איטשע נחמיה בוכמאַן, האָט זיך דערפון דערוווּסט, האָט ער איינגעלייגט וועלטן נישט צו דערלאָזן, אַז זיין טאָכטער זאָל זיך געפינען צווישן די „פּורים־שפּילער". היות זיינע רייד און בקשות האָבן נישט געהאָלפן און ער האָט נישט געקאָנט משפּיע זיין, אַז זיין טאָכטער זאָל נישט שפּילן, האָט ער אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן ווי אַזוי דערצו נישט צו דער־לאָזן. פאַרן אָנהייב פון דער פאָרשטעלונג האָט זיך בוכמאַן אַריינגעריסן אין טעאַטער און געשריגן אויף אַלע קולות, אַז ער וועט צו אַזאַ חילול השם באַין אופן נישט דערלאָזן. עס איז אויסגעבראָכן אַ גרויסער סקאַנדאַל און עס האָט זיך געמוזט אַריינמישן די פּאָליציי, כדי די פאָרשטעלונג זאָל זיך קאָנען אָנ־הייבן...

„שמע ישראל" איז געווען דער ערשטער און לעצטער פּרווו פונעם דראַמקרייז. איבער רוסלאַנד האָבן זיך ווידער באַוויזן שוואַרצע כמאַרעס פון דער רעאַקציע. עס איז געקומען צו דער מאַכט סטאָליפּין און אַלע פרייהייט־פּריווילעגיעס זענען אָפּגעשאַפט גע־וואָרן. דער ליבעראַלער קורס איז פאַרשוווּנדן אין רוסלאַנד, און ממילא האָבן זיך אַלע פּראָגרעסיוו־גע־שטימטע אינסטיטוציעס געמוזט פאַרמאַכן; צווישן זיי איז אויך געווען די יידישע ביבליאָטעק אין ריפּין און דער דראַמקרייז.

גלייך ביים אָנהייב פון דער ערשטער וועלט־מלחמה אין יאָר 1914, האָבן די דייטשן פאַרנומען ריפּין. זייער באַציאונג צו דער יידישער באַפעלקערונג איז נישט געווען אַזאַ רוצחישע ווי אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. זיי האָבן אַפילו באַשטימט אין ריפּין אַ יידישן בירגערמייסטער — שלמה בלאָס. אין ריפּינער יידישן לעבן האָט זיך דעמאָלט אָנגעהויבן אַ גרויסער אויפשוואונג אויף אַלע געביטן, ווי אויך אויפן געביט פון יידישער קולטור.

אין יאָר 1915 איז ווידער אָרגאַניזירט געוואָרן אַ יידישע ביבליאָטעק, ביי וועלכער עס איז געשאַפן געוואָרן אַן אַמאַטאָרן־גרופּע און אַ כאָר. די אויפ־טריטן פון דער אַמאַטאָרן־גרופּע זענען פאָרגעקומען אין זאַל פון די פייערלעשער. די ערשטע פּראָגראַמען זענען באַשטאַנען פון איינאַקטערס און קאָנצערט־אָפּ־טיילן. עס האָבן זיך אין זיי באַטייליקט פייגעלע לאַקס־פּאַזנער, רוזשע פּאַזנער, פייגע מיניעווסקאַ, יחיאל קאַהן, יצחק זאַקס און חיים לייב פּוקאַטש. עס זענען אויפגעפירט געוואָרן: אַ. טשעכאָווס „דער פאָרשלאַג", שלום אַשס „מיטן שטראָם", מאַרק אַרנשטיינס „דאָס אייביקע ליד" און פּרץ הירשביינס איינאַקטערס.

בעת דער דייטשישער אָקופּאַציע איז קיין ריפּין געקומען יעקב ווייסליץ און ער האָט אויפגעפירט מיטן דראַמקרייז אַ ריי איינאַקטערס, צווישן זיי ראַבערטאַ בראַקאָס „פּעטראַ קאַרוזאַ".

דאָס לעבעצן נאָך אַ יידיש וואָרט

נאָך ווייסליצן איז אַראָפּגעקומען קיין ריפּין חיים ניסנצוויג, וועלכער האָט אויפגעפירט מיטן דראַמ־

קרייז אַ ריי פּיעסן, צווישן אַנדערע, ל. קאָברינס „דער דאָרפסיונג“, פּרץ הירשביינס „די נבלה“, „גרינע פעלדער“ א. אַנד. אין די פאָרשטעלונגען האָבן זיך דעמאָלט באַטייליקט: חיים ניסענצוויג, יצחק זאַקס, פייגעלע לאַקס־פּאָזנער, יחיאל קאָהן, רוזשע פּאָזנער — די שפּעטערדיקע פרוי פון חיים ניסענצוויג, פייגע פעלדהיים, רויזע מילקע וואַרשאַווסקי א. אַנד.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, נאָך דער אַנטשטייאונג פונעם זעלבסטשטענדיקן פּוילן, איז די קולטור־אַרבעט נאָך מער פאַרשטאַרקט געוואָרן. אין ריפּין, ווי אין אַלע איבעריקע שטעט און שטעטלעך פון פּוילן, האָבן אַ סך מיטגעהאָלפן צו דער גייסטיקער אַנטוויקלונג די אויפגעעפנטע יידישע שולן, די יידישע פּרעסע, ביבליאָטעקן, די פאַרשידענע פּאַרטייען און די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, וועלכע האָבן אָנגעהויבן צו שפּילן אַ גרעסערע ראָל און אויך באַאיינפלוסן דאָס קולטור־געזעלשאַפטלעכע לעבן.

די יידישע שול, וואָס האָט געצויגן איר קייט איבער דער גאַנצער פּוילישער פּראָווינץ, האָט צוגעגרייט אַ ניים דור יידישע טעאַטער־באַזוכער. די יידישע פּרעסע, ביבליאָטעקן, פאַריינען, דראַמאַטישע קרייזן, כאָרן האָבן געפירט אַ פאַרצווייגטע קולטור־אַרבעט און ממילא אַנטוויקלט דעם אינטערעס צו יידיש און יידישער שאַפונג.

אין יאָר 1919 האָט אין ריפּין עקזיסטירט אַ פּראָפעסיאָנעלער פאַריין פון לערער פון יידישע שולן. דער לאָקאַלער דראַמקרייז פלעגט אָפט אַראַנזשירן טעאַטער־פאָרשטעלונגען און קאָנצערט־פאַראַנשטאַלטונגען. קיין ריפּין פלעגן אָפט אַראָפּקומען די אָנגעזעענסטע פּאַרטיי־און געזעלשאַפטלעכע טוערס.

איך האָב פאַר זיך ליגן אַ פּראָגראַם פון אַ מוזיקאַליש־וואָקאַלישן אָוונט, וואָס איז פאָרגעקומען אין ריפּין דעם 17־טן יוני 1922. עס זענען אין אים אויסגערעכנט פאָלגנדיקע אָנטיילנעמער: פייגעלע פּאָזנער — געזאַנג; ה׳ קאַמינסקי — סאָלאָ אויפן וויאָלאָנטשעל; ה׳ זאַקס און האָפמאַן — געזאַנג: די פרוי גאָטליבאָווסקאַ — פּיאַנאָ. אויפן דאָזיקן אָוונט האָט מען געזונגען ערנסטע אָפּערע־אַריעס און פאָלקסלידער. לויט די אין פּראָגראַם אָנגעגעבענע נומערן פון קלאַסישן רעפּערטואַר (געזונגען פון פייגעלע פּאָזנער) און פאָלקסלידער, זעט מען אויף וואָס פאַראַ הויכן ניוואָ דער קאָנצערט איז געשטאַנען.

אין שייכות מיט די פאַראַנשטאַלטונגען, איז כדאי איבערצוגעבן אַ כאַראַקטעריסטישן עפּיזאָד, וואָס באַווייזט ווי שטאַרק אַלע שיכטן פון דער ריפּינער באַפעלקערונג האָבן געלעכצט נאָך אַ יידיש וואָרט און ליד.

אין זאַל פון די פייערלעשער, ווו די פאַראַנשטאַלטונגען זענען פאָרגעקומען, איז צו יענער צייט נישט געווען קיין פּיאַנאָ. האָט מען דעם אינסטרומענט געדאַרפט ברענגען פון אַ פּריוואַטער היים. די ריפּינער טרעגערס האָבן זיך געמאָלדן, אַז זיי ווילן די שווערע פּיאַנאָ איבערטראָגן אין זאַל פון די פייערלעשער און צוריק, אָן אַ גראָשן געלט. זייער איינציקער פאַרלאַנג איז געווען מען זאָל זיי אַריינלאָזן, אָן בילעטן, הערן אַ יידיש וואָרט און אַ ליד.

מיין ערשטע באַגעגעניש מיט ריפּין איז געווען אין יאָר 1921. דעמאָלט האָב איך דאָרט שוין געטראָפן אַ גוט־אַנטוויקלטן טעאַטער־באַזוכער. נאָך פריער האָב איך וועגן דעם געהערט פון מיין ברודער זיגמונט טורקאָוו. ער איז אויפגעטראָטן אין ריפּין בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען ער איז אַרומגעפאָרן מיט אַ טרופּע פון דער אומפאַרגעסלעכער גרויסער קינסטלערין אסתר רחל קאַמינסקאַ און איר טאָכטער אידאַ קאַמינסקאַ. זיי, פּונקט ווי אַלע אַנדערע, זענען נאָך דעמאָלט געפאָרן מיט אַקס (קאָטשן, געשפּאַנט אין פערד) אויפן וועג וולאָצלאַוועק־ליפּנאָ־ריפּין־שערפּץ.

מיין אָנפירונג מיטן ריפּינער דראַמקרייז

מיין ערשטער פּנים אל פּנים־צוזאַמענטרעף מיטן ריפּינער עולם איז געווען — ווי שוין געזאָגט — אין יאָר 1921. איך בין אַרומגעפאָרן מיטן באַוועגלעכן יידישן דראַמאַטישן טעאַטער און כ׳בין געווען אויפן וועג דאַנציג־וואַרשע. פון דעמאָלט אָן בין איך געוואָרן

אַן אָפּטער גאַסט אין ריפּין, ווי איך האָב זיך דער־וואָרבן אַ סך פריינט. אַ לענגערע צייט האָב איך אפילו אָנגעפירט מיטן דאָרטיקן דראַמקרייז ביי דער ביבליאָ־טעק. דער ריפּינער יידישער טעאַטער־עולם איז גע־ווען אַ באַוווסטזיניקער, אַ וואַרעמער און אַן עמכ׳די־קער. טעאַטער האָט דאָרט געהערט צו איינעם פון די ערשטע געברויך־אַרטיקלען. איז דאָך נישט קיין וווּנ־דער, וואָס יידישע טעאַטער־טרופּעס, וועלכע פלעגן זיך אַרויסלאָזן אויף גאַסטשפּילן איבער דער פּוילישער פּראָווינץ, האָבן נישט דורכגעלאָזט ריפּין.

מיטן ריפּינער דראַמאַטישן קרייז האָב איך אויפ־געפירט די פּיעסע „אומשולדיק — שולדיקע" פון ריי־כאַרד פאָס. די פאָרשטעלונג, ווי דאָס שפּילן פון די מיטגלידער פונעם דראַמקרייז, האָט שטאַרק אויס־גענומען ביים עולם. מיר זענען מיט דער פּיעסע אַריינ־געפאָרן אויך אין דעם שכנותדיקן שטעטל דאָבזשין. אויך דאָרט איז די פאָרשטעלונג פונעם ריפּינער דראַמקרייז אויפגענומען געוואָרן מיט באַגייסטערונג. צורקקומענדיק פון דאָבזשין קיין ריפּין צוויי אַזייגער ביינאַכט — דאָס איז געווען אַ פּראַסטיקע ווינטער־נאַכט — איז אונזער גאַנצע חברה אַרויף אין דער פּרץ־ביבליאָטעק, איינגעהייצט דאָס אייזערנע אויוועלע, דערוואַרעמט זיך ביי אַ גלעזל טיי און אָנגעזעצט זיך דיסקוטירן און פאַרבעסערן די פאָרשטעלונג. מיר זענען דעמאָלט אַלע געווען יונג, ענטוזיאַסטיש און פול מיט אידעאַלן.

מיט אַ זעלטענער איבערגעגעבנקייט האָבן זיך אַלע מיטגלידער פונעם דראַמקרייז באַצויגן צו זייערע אויפגאַבעס, און נישט נאָר אַרויסגעוויזן התלהבות צו דער טעאַטער־אַרבעט, נייערט אויך — אַ גרויסע אַח־ריות פאַר דער קולטור־שליחות, וואָס דער ריפּינער דראַמקרייז האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל דורכצופירן.

דער דראַמאַטישער קרייז אין ריפּין איז באַ־שטאַנען פון פאָלגנדיקע מיטגלידער: חיים ניסענ־צווייג, — געוואָרן אַ פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר, רוזשע פּאַזנער — זיין פרוי, חוה פעלדהיים, חייקע גוטמאַן, יחיאל גוטמאַן, שמעון פּיוואָניע, יצחק בלאַס, שלום בלאַס, ראובן ברייטשטיין, סאַלקע שטאַנקע, ח. לייב פּו־קאַטש, לאה פּוקאַטש, משה פּוקאַטש, מיעדזינסקי, וועל־וול געסטערמאַן, וואָלף קאַרנישין און נאָך אַנדערע.

בעת מיינע פּערזענלעכע, פּראָפעסיאָנעלע אויפ־טריטן אין ריפּין האָב איך דאָרט פריער געשפּילט מיט זשאַק לעווי און מוסיא קורץ (סמאַרגאָנסקאַ) „טייוולס־ווייב" פון קאַרל שענהאר און, שפּעטער, צוזאַמען מיט דיאַנא בלומענפעלד — „מאָרפיום" פון לודוויג הער־צער, „די רומענערין" פון לודוויג ווערנעי א. אַ.נד.

ריפּינער אַמאַטאָרן פאַרוואַנדלט אין כינעזער פון שאַנכאַי

אויף איין פאָרשטעלונג, וואָס איך האָב געשפּילט אין ריפּין, איז כדאַי זיך אָפּצושטעלן. דאָס איז געווען אין אָנהייב פון די דרייסיקער יאָרן. די פּיעסע, מיט וועלכער איך בין דעמאָלט אַרומגעפאָרן, האָט גע־הייסן „די פּערל פון שאַנכיי", יעקב וואַקסמאַנס אַ באַאַרבעטונג פון אַ באַקאַנטער פּיעסע „מאַנדאַרין ווו".

כדי צו קאָנען שפּילן טעאַטער אינעם פאַרמל־חמהדיקן פּוילן האָט מען געמוזט האָבן אַ טעאַטער־קאָנצעסיע פונעם אינערן־מיניסטעריום. פאַרן יידישן טעאַטער, מיט זיינע 370 פּראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרן, זענען צוגעטיילט געוואָרן סך הכל 9 קאָנצעסיעס. אין די דאָזיקע קאָנצעסיעס זענען אויסגערעכנט גע־וואָרן אַלע ראַיאָנען (וואָיעוואָדסטוועס), ווו יידישע טרו־פּעס האָבן געהאַט אַ רעכט צו שפּילן. אין קיין איינער פון די קאָנצעסיעס זענען אָבער נישט אָנגעגעבן גע־וואָרן די וואָיעוואָדסטוועס: פּויזן, פּאָמערן און שלעזיע.

היות צו יענער צייט זענען אין פּוילן געענדערט געוואָרן די אַדמיניסטראַטיווע גרענעצן פון 4 וואָיע־וואָדזטוועס, זענען אויך אַ סך געגנטן, געדיכט באַוווינט דורך יידן, אַריבער צו די פריער דערמאָנטע 3 וואָ־יעוואָדזטוועס. דער דאָזיקער גזר האָט, קודם כל, גע־טראָפן די יידישע פּראָפעסיאָנעלע טעאַטער־טרופּעס. עס איז פאַר זיי פאַרמאַכט געוואָרן דער צוטריט צו די דאָזיקע געביטן. וואָס די דאָזיקע באַגרענעצונג האָט באַדייט פאַרן יידישן אַקטיאָר, פאַרן יידישן טעאַטער און פאַר דער יידישער קולטור בכלל, איז דאָך איבע־ריק צו רעדן.

נישט געקוקט אָבער אויף די אַלע מניעות האָבן
יידישע אַקטיאָרן געקאָנט זיך, פּיל וויניק, אַן עצה
געבן. נישט אומזיסט איז אין דער טעאַטער־וועלט
אַרומגעגאַנגען אַ ווערטל: „פּוילישע אַקטיאָרן האָבן
דריי־בינעס און יידישע אַקטיאָרן — דריי־קעפּ״...
הגם די טעאַטער־קאָנצעסיעס זענען געווען מיניסטער־
יאַלע און אין זיי זיינען געווען אָנגעוויזן נאָר די גע־
ביטן, וו עס איז דערלויבט צו שפּילן יידיש טעאַטער,
האָט אָבער יעדער וואָיעוואָדע אָדער סטאַראָסטע גע־
האַט דאָס רעכט, אויף אייגענער אַחריות, אַרויס־
צוגעבן אַ דערלויבעניש אויף איינציקע פאָרשטעלונ־
גען. דאָס דאָזיקע רעכט האָבן זיי אויסגענוצט לרוב
לטובת די אָרטיקע דראַמקרייזן, כדי אַזוי אַרום צו
שטאַרקן די הכנסות פון די פאַרשידענע לאָקאַלע אינ־
סטיטוציעס.

אַ יידישע פּראָפעסיאָנעלע טעאַטער־טרופּע, וועלכ־
דיק שפּילן אין די דאָזיקע פאַרבאַטענע פּאַר זיי גע־
ביטן, האָט דעריבער געמוזט אָנקומען צו פאַרשידענע
געזעלשאַפטלעכע אָדער פילאַנטראָפּישע אינסטיטוצ־
יעס, וועלכע האָבן אויפן נאָמען פון זייערע אָרגאַני־
זאַציעס, אַרויסגענומען פאַר זיי די דערלויבענישן
פאַר די פאָרשטעלונגען. עס האָט געהייסן, אַז די אינ־
סטיטוציע, נישט די פּראָפעסיאָנעלע טעאַטער־טרופּע,
אַראַנזשירט די פאָרשטעלונג. די אינסטיטוציע האָט
זיך מתחייב געווען צוצושטעלן די געהעריקע מלוכה־
אינסטאַנצן אַ גענויעם באַריכט פון דער הכנסה און
הוצאות פון דער געגעבענער פאָרשטעלונג.

היות פון דער וואַרשעווער וואָיעוואָדסטווע זענען
אַריבער צו דער פּאָמערנער אַ גאַנצע ריי שטעט,
צווישן וועלכע עס האָט זיך געפונען אויך ריפּין, —
און אַזוי ווי די פּאָמערנער וואָיעוואָדזטווע איז נישט
געווען אויסגערעכנט אין מיין קאָנצעסיע, האָב איך
נישט געהאַט קיין רעכט אויפצוטרעטן אין ריפּין. דער
ריפּינער דראַמקרייז ביי דער ביבליאָטעק האָט פאַר

מיר אויסגעאַרבעט אַזאַ דערלויבעניש. אָבער פּונקט
ווי אין די צאַרישע צייטן, האָט מען אויך איצט געמוזט
אָנווענדן אַ טריק, אַז די „פּערל פון שאַנכײַ״, וואָס
איך האָב דעמאָלט געדאַרפט שפּילן מיט מיין אַנסאַמבל
פּראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרן, ווערט אויפגעפירט פונעם
דאָרטיקן דראַמקרייז. אויף די טעאַטער־אַפישן, וואָס
מען האָט אויסגעקלעבט אין שטאָט איז אָבער געווען
אָנגעגעבן, אַז איך, מיט מיין טרופּע שפּילן „די פּערל
פון שאַנכײַ״. האָט דער ריפּינער סטאַראָסטע צוריק־
געצויגן די דערלויבעניש. דאָס איז געשען אינעם טאָג
פון דער פאָרשטעלונג...

צוזאַמען מיטן פאַרטרעטער פונעם דראַמקרייז,
שמעון פּיוואָניע, בין איך אַוועק צום סטאַראָסטע און
אים אויפגעקלערט, אַז אין דער פּיעסע „די פּערל פון
שאַנכײַ״ שפּילט דער ריפּינער דראַמקרייז, און איך,
ווי דער רעזשיסער, באַטייליק זיך אין דער פאָר־
שטעלונג נאָר ווי אַ גאַסט. נאָך לאַנגער און שווערער
מי איז אונז געלונגען צו באַוועגן דעם סטאַראָסטע
מסכים צו זיין צו באַנייען די דערלויבעניש. ער האָט
אונז אָבער געוואָרנט, אַז אויב עס וועט זיך אַרויס־
ווייזן, אַז דער ריפּינער דראַמאַטישער קרייז שפּילט
נישט, וועט ער, אין מיטן שפּילן, אַראָפּרייסן די פאָר־
שטעלונג און פאַנאַנדערטרייבן דעם עולם פון זאַל.

איך האָב נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה ווי
צוצוגעבן צו דער דרייאַקטיקער פּיעסע „די פּערל פון
שאַנכײַ״ אַ פּראָלאָג מיט אַן עפּילאָג, אין וועלכע די
מיטגלידער פונעם דראַמקרייז זאָלן זיך קאָנען באַ־
טייליקן. איך בין אַוועק אין דער ביבליאָטעק, פאַר־
קאָטשעט די אַרבל און צוגעשריבן נייע פּראָזע פאַר די
ריפּינער אַמאַטאָרן. מיט דער דאָזיקער אַרבעט בין איך
פאַרטיק געוואָרן קוים אַ שעה פאַרן אָנהייב פון דער
פאָרשטעלונג...

למען האמת מוז איך זאָגן, אַז די ריפּינער אַמאַטאָרן
האָבן זיך בליץ־שנעל פאַרוואַנדלט אין כינעזער פון

שאַנכיי און מיך, דעם מאַנדאַרין נישט פאַרשעמט...
אַזוי אַרום האָבן זיי געראַטעוועט די שווערע לאַגע.

איך בין נישט געווען קיין יוצא מן הכלל. אויך אנדערע יידישע טרופּעס האָבן געהאַט אויסצושטיין גענוג צרות, איידער זיי האָבן געקאָנט שפּילן יידיש טעאַטער. ווען מען וויל ציען אַ פּאַראַלעל צווישן די צייטן פון דער צאַרישער הערשאַפט, ווען פּוילן איז געווען פאַרשקלאַפט, מיט דער צייט פון דער ווידער־געבוירענער פרייער פּוילישער מלוכה, קאָן מען זען, אַז אין איין פּרט האָט זיך די לאַגע ווייניק וואָס געענ־דערט. יידן זענען פונקט וויפריער געווען אויסגע־שטעלט אויף פאַרשידענע גזרות. יידיש טעאַטער האָט מען אין אַ סך געגנטן ווייטער געמוזט שפּילן אונטער פאַרשידענע מאַסקעס.

לײדער איז די מערהייט פון מיינע מיטשפּילער פונעם דראַמקרייז, ווי אויך כמעט דער גאַנצער רי־פּינער יידישער עולם, פאַרשניטן געוואָרן פאַר דער צייט.

היטלער־דייטשלאַנד האָט אַ סוף געמאַכט צום שיינעם, בליענדיקן יידישן ישוב, אַ סוף געמאַכט צו דעם יידישן לעבן אין ריפּין.

ריפּינער אין וואַרשעווער געטאָ

זייענדיק אין וואַרשעווער געטאָ האָב איך נאָך געטראָפן אייניקע באַקאַנטע יידן־פּליטים פון ריפּין, מיטן לעצטן ריפּינער רב ר׳ נתן נאָטע נוטקעוויטש בראַש. אויף דער אַרישער זייט פון וואַרשע האָבן זיך אויך געפינען ריפּינער פּליטים — פּאָליאַקן פון ריפּין. זייער פאַרשטייער איז געווען דער ריפּינער קאָמיסאַר פון דער דאָרטיקער פּאָליציי — פּשימושינסקי. ער איז דורך די דייטשן באַשטימט געוואָרן פאַרן הויפּט־קאָמענדאַנט פון דער פּוילישער פּאָליציי, וואָס איז געשטאַנען אין דינסט פון די דייטשן. ער האָט, הייסט עס, פאַראַטן זיין פאָטערלאַנד פּוילן.

דער פאַרשטייער פון די ריפּינער יידן, הרב נתן נוטקיעוויטש, האָט זיך נישט געוואָלט בייגן פאַרן דייטשישן שטיוול און איז אומגעקומען מיט אַ העל־דישן מאַרטירער־טויט.

די דאָזיקע צוויי עפּיזאָדן האָבן נישט קיין די־רעקטן שייכות מיטן טעאַטער אין ריפּין, זיי קאָנען אָבער דינען פאַר אַ מאָס פון דער מאָראַלישער הויך און יידיש־מענטשלעכער ווירדע פון די צוויי גרופּעס פון דער באַפעלקערונג, וואָס האָבן באַוווינט איין־און־די זעלביקע שטאָט — ריפּין.

יעקב ווייסליץ

מיינע אויפטריטן אין ריפין

חשובער פריינד, שמואל כהן

באַקומען אייער בריוו, צו מיין גרויסן צער איז מיר עפּעס אַלץ פאַרפלויגן פון זכרון און — שוין אַ מעת־לעת ווי איך האַלט אין איין זוכן אין זכרון, מחמת אין יענע יאָרן האָב איך קיין אַרכיוו נישט געפירט.

זאָל עס האַבן געווען 1916, אַדער 1917 בין איך אין ריפּין־דאַבזשין געווען. אויפגעטראָטן מיט אַ ריי „וואַרט־קאַנצערטן" און פאָרטראָגן.

געשטעלט, אויב נאַר דער זכרון דינט מיר, שלום אַשס „מיטן שטראָם", י. ל. פּרצס, „ס׳ברענט", „זשאַן מאַנדלענאַ" פון אַקטאַוו מירבאָ און פאַרברענגט גאַר גוט מיט דער ריפּינער יוגנט פון אַלע שאַטירונגען.

עס האָבן זיך באַטייליקט : די פאַזנערס און איינע, אַ שיינע פריילין, וואָס האָט דערנאַך חתונה געהאַט מיט איינעם אַ קאַמינסקי. געווען דאָרט אַ גוטער ברודער גאָדל, באַקענט דאָרט דעם שפּעטערדיקן אַקטיאָר ניסנצוויג און אַ מאַנדלבוים און איינעם גאָר אַ גוטן פריינד, פוקאַטש, אַ שניידער דאַכט זיך, גאָר אַ ווויִלער און האַרציקער ידיד.

דערנאָך ווידער געקומען און געשפּילט, דאַכט מיר פּשיבישעווסקיס „צוליב גליק", האָט קיין פאַראיבל נישט, ליבע ריפּינער, וואָס כ׳געדענק אַזוי ווייניק, עס איז דאָך פאָרט איבער 40 יאָר און פאַר דער צייט געווען אין אַזוי פיל לענדער און אין אַזוי פיל שטעט.

און גלייבט מיר, אַזוי ווי איך האָב ליב געהאַט די שטעט און שטעטלעך פון פּוילן איז דאָך אין לשער ואין לספר און כ׳טראָג אַזוי פיל צער אין האַרצן, ממש, אַז כ׳קאָן שוין נישט אַזוי לאַכן, ווי ס׳האָט זיך געלאַכט אַמאָל טאַקע אין די שטעטלעך, סיי אין ערנסט, סיי אין פריידיקייט, אין קיין לאַנד האָב איך עס נישט געהאַט. איך האָב נאָך געהאַט רעמינעסענצן פונעם אַמאָליקן, ליכטיקן און פריידיקן, ווען איך בין 1951 געווען אין ישראל, אַ שאָד, אַ גרויסע, וואָס כ׳האָב אייך, ריפּינער, נישט באַגעגנט.

מיין ברכה אייך אין דער אונטערנעמונג אַרויסצוגעבן דעם יזכור־בוך, זייט מצליח, וועט ווידער באַשערט זיין צו זיין אין ישראל, וועט מען זיך זען.

אייער

יעקב ווייסליץ

אויסטראַליע

טוביה כבירי / דער יידישער פּריץ

דאָס איז געווען מיט פופציק יאָר צוריק. איך בין דעמאָלט אַלט געווען קוים צען יאָר, אָבער פאַר מיינע אויגן שטייט נאָך ווי לעבעדיק די שטאָלצע געשטאַלט פון ר׳ אליעזר בלאָס, אַ גוטבאַזיצער. צו אים האָבן געהערט די גיטער פון קאטאוו, ראזוואזין און נאָך אַנדערע ערטער.

זיין מאַיעסטעטישע פיגור און זיין גאַנצע אויפפירונג האָבן פון אים געמאַכט אַ בולטן קעגנזאַץ צו דעם דעמאָלטדיקן יידישן טיפּ פונעם קליינעם שטעטל. שוין דעמאָלט האָט ער אויף מיר געמאַכט אַ געוואַלדיקן איינדרוק. איך פלעג אים זען בעת זיינע וויזיטן אין שטאָט. דאָס איז פאָרגעקומען גענוג זעלטן און זיין יעדעס דערשיינען איז געווען אַ געשעעניש צווישן דער שטאַטישער באַפעלקערונג. מערסטנס פלעגט עס זיין אין צוזאַמענהאַנג מיט אַ קאָנפערענץ, אויף וועלכער עס זענען זיך צונויפגעקומען די גוטבאַזיצער פון דער אַרומיקער געגנט.

ער פלעגט אַריינפאָרן אין שטאָט אין אַ האַלבאָפענער קאָטש, געשפּאַנט אין פיר פערד, וועלכע האָבן געמוזט זיין פון איין קאָליר. ער פלעגט זיין אָנגעטאָן אין די טראַדיציאָנעלע מלבושים, וואָס עס האָבן דעמאָלט געטראָגן די פּוילישע יידן, האַלבע שיך מיט לאַנגע ווייסע זאָקן און זיין לאַנגע ווייסע באָרד האָט געפלאַטערט אין ווינט. זיין קוטשער, וואָס האָט געטריבן די פערד, איז געזעסן אין דער הויך צוזאַמען מיט דעם לאָקאַי אוןביידע זענען געווען אָנגעטאָן אין ספּעציעלע מונדירן.

זיין אַריינקומען אויפן זאַל, וווּ עס איז פאָרגעקומען די קאָנפערענץ, האָט אַרויסגערופן גרויס אויפמערקזאַמקייט צווישן די פּריצים, וועלכע האָבן זיך דאָרט געפונען. די דאָזיקע פּריצים, וועלכע האָבן געשטאַמט פון גרויסן אַדל און זיך געיחוסט מיט דור־דורות שלאַכטע, פלעגן ביי זיין דערשיינען אין זאַל זיך אויפשטעלן און וואַרטן ביז ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף זיין פּלאַץ, וואָס ער האָט פאַרנומען אַלס ערן־פאָרזיצער

פון דער קאָנפערענץ. ווען ער האָט גענומען אַ וואָרט האָבן אַלע צוגעהערט זיך צו אים מיטן גרעסטן דרך ארץ.

אין שטעטל זענען וועגן אים אַרומגעגאַנגען פיל מעשיות און לעגענדעס. מען האָט זיך דערציילט וווּנדערלעכע מעשיות וועגן זיין אומגעהויערן רייכטום, אויפפירונג און איידעלע מידות.

עס וואָלט פאַרנומען צו פיל אָרט דאָס אַלץ איבערצודערציילן. איך וויל דאָ איבערגעבן נאָר איייניקע, וועלכע האָבן זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון און איך בין איבערצייגט אין זייער אַבסאָלוטער אויטענטישקייט.

נישט קוקנדיק אויף זיין גרויסן רייכטום און מאַכט, וועלכע ער האָט פאַרמאָגט, האָט ער זיך דאָך אויסגעצייכנט מיט זיין סאָלידער באַציאונג צו די פּויערים און געדונגענע אַרבעטער, וועלכע זענען ביי אים געווען באַשעפטיקט, באַאַרבעט די ריזיקע שטחים פון זיינע פעלדער, געהאַקט דיביימער פון זיינע וועלדער און זיך פאַרנומען מיט דעם פישפאַנג אין זיינע גרויסע אָזיערעס. ער האָט אין זיך גאָרנישט געהאַט פון דעם אַמאָליקן פּעאָדאַל, וואָס האָט געקוקט אויף זיינע פּויערים פון אויבן אַראָפּ און באַצויגן זיך צו זיי ווי צו אַן אייגנטום. ער האָט אַלע פּויערים און זייערע פאַמיליעס געקענט ביי די נעמען, אינטערעסירט זיך מיט די באַדינגונגען, אין וועלכע זיי האָבן געלעבט און אָפט זיי אַרויסגעהאָלפן אין זייער מאַטעריעלער לאַגע.

זיין באַליבטער „האָבי" זענען געווען פערד. עס פלעגט טרעפן, אַז ער איז געפאָרן אין וועג און מיטאַמאָל דערזען ביי אַ פּויער אַ שיין פערדל, וואָס איז געווען איינגעשפּאַנט אינעם דאָרפישן פורל. ער פלעגט הייסן אָפּשטעלן זיין קאָטש און זיך געוואָנדן צום פּויער, וויפל ער וויל פאַרן פערדל, ער זאָל עס פאַרקויפן. דער פּויער, וועלכער האָט שוין געוווסט פונעם פּריצס שוואַכקייט, האָט זיך געהייסן באַצאָלן גאָר אַ הויכן פּרייז. ר׳ אליעזר האָט זיך מיט אים נישט געהאַנדלט

און אים גלייך אויפן אָרט באַצאָלט וויפל ער האָט פאַרלאַנגט און גלייך עס איינגעשפּאַנט אין זיין קאַטש.

די דאָזיקע ליבע צו פערד איז איבערגעגאַנגען אויך צו זיינע קינדער און אייניקלעך. דורכפאָרנדיק פאַרביי זיינע גיטער האָט מען זיך אָפט געקענט אָנ־טרעפן אויף אַ מאָדנע בילד: אַ רייטער אין חסידישע קליידער האָט גאַלאָפּירט איבער די פעלדער און די פּאָלעס פון זיין שניטראָק זענען געווען צעשפּרייט אין ביידע זייטן און ווי פענער געפלאַטערט אין ווינט.

זיין ברייט פאַרצווייגטע פאַמיליע איז געזעסן אינעם „הויף” פון דעם גוט קאַטאַוו. אינעם דאָזיקן „הויף” פלעגט שטענדיק זיך רוישן און טומלען. עס פלעגן קומען אַהין נאָענטע און ווייטע קרובים מיט זייערע משפּחות. עס האָבן דאָרט אויך געוווינט די מלמדים און שוחטים. עס פלעגן קומען שליחים פון רביים, פאַרבעטענע געסט און סתם אורחים. צום עסן פלעגן אַלע זיצן ביים רייך־געדעקטן טיש און עסן צוזאַמען מיט די יידישע דינער און דינסטן, וועלכע האָבן זיך דאָרט געפילט אייגן און היימיש. אַ באַזונדערן טיש האָבן געפירט די קריסטלעכע דינער און דינסטן.

דער „הויף” אין קאַטאַוו איז געווען דער צענטער, פונוואַנען ר׳ אליעזר האָט אָנגעפירט מיט דער ווירט־שאַפט אין אַלע זיינע גיטער און אונטערנעמונגען. ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע אויסערגעוויינ־לעכע פעאיקייטן, וועלכע האָבן אים באַרימט געמאַכט אין דער גאַנצער געגנט.

מיר איז שווער צו זאָגן עפּעס וועגן זיינע קענ־טענישן אין תורה, וועגן זיין חכמה אין גייסטיקע ענינים. איך בין דעמאָלט געווען צו יונג, אַז איך זאָל היינט קענען אורטיילן וועגן דעם. דאַקעגן געדענק איך זיין האַלטונג און באַציאונג צו די תלמידי חכמים פון אונזער שטעטל, צו וועלכע ער האָט זיך באַצויגן מיט גרויס דרך ארץ און באַשיידנקייט. זיין הויז איז געווען אָפן פאַר די לערנער און תלמידי חכמים, וועלכע האָבן

געגעסן ביי זיין טיש און געצויגן פון אים זייער פּרנסה.

איין מאָל איז צו אונז אין געוועלב אַריינגעקומען ר׳ אליעזרס קוטשער און האָט אונז דערציילט די פאָל־גנדיקע פּאַסירונג, וועלכע איך ברענג דאָ מיט זיינע ווערטער:

„היינט אינדערפרי איז דער „פּאַן” געזעסן מיטן „רבין” (דאָס האָט ער געמיינט דעם מלמד, וואָס האָט געלערנט מיט זיין זון און איידעם) און זיי האָבן גע־טרונקען טיי. מיטאַמאָל האָט דער „פּאַן” באַמערקט, אַז דער „רבי” האָט נישט געענדיקט דאָס טרינקען די טיי. פרעגט אים דער „פּאַן”: מיין טיי שמעקט אייך נישט?” דער „רבי” האָט געענטפערט: „ווייזט אויס, אַז איך בין נישט צוגעוווינט צום היגן וואַסער”. דער „פּאַן” האָט אַ געשריי געטאָן צו מיר: „סטעפּאַן, שפּאַן גלייך די קאַשטאַנעס און פאָר גיך אין שטאָט און ברענג פון דאָרט דאָס בעסטע וואַסער”. ווייזט אויס, אַז דער „רבי” איז זייער אַ הייליקער, אַז דער „פּאַן” האָט ספּעציעל פאַר אים געהייסן ברענגען גוט וואַסער צום טרינקען”.

סטעפּאַן האָט זיך דערביי איבערגעצלמט אין גרויס ערפורכט.

ר׳ אליעזר בלאַס איז נפטר געוואָרן אין די יאָרן פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה.

נאָך זיין פּטירה האָבן זיינע קינדער זיך צעשפּרייט איבער דער גרויסער וועלט, האָבן אויפגעהערט צו פאַרנעמען זיך מיט די גיטער און אַוועק אין די גרויסע שטעט.

ר׳ אליעזר איז נישט געווען דער איינציקער גוט־באַזיצער אין אונזער שטעטל. פון די אַלטע לייט האָב איך געהערט דערציילן וועגן אַנדערע יידישע גוט־באַזיצער און יידישע ערד אַרבעטער, וועלכע זענען געגאַנגען נאָכן אַקער מיט אַ ספר אין דער האַנט. איך אַליין האָב אָבער נאָר געקענט בלויז ר׳ אליעזרן, וועמענס שיינע געשטאַלט איז אויף שטענדיק געבליבן איינגעקריצט אין מיין זכרון.

טוביה כבירי / שטעטלדיקע טיפּן און זייערע צונעמען

אַט שווימען אויף פאַר מיינע אויגן די פאַר־שידענע טיפּן פונעם שטעטל, די צו וועלכע מיר, יוגנטלעכע, האָבן זיך באַצויגן מיט גרינגשעצונג. אין שטעטל האָט כמעט יעדער איינער געהאַט אויסער זיין אָפיציעלן פאַמיליען־נאָמען אין פּאַספּאָרט אויך אַ צונאָמען, וועלכער פלעגט אים מער־ווייניקער כאַראַקטעריזירן, ווי צום ביישפּיל: דער רויטער יצחק, דער גרינער אברהם, דער געלער יוקב, דער שוואַרצער קאָפּ, דער הויכער יחזקאל, די שוואַרצע אַלמנה, די הויכע רבקה, די קליינע רחלעיע, עקיבא שלופקאָפּף, יואל דער אייזנקנעטער, אברהם ראַצעס, די גערציאַקעס, דוד נאָעס א. אַ. וו. און האָט דאָס שטעטל איינעם אַ נאָמען געשענקט, איז עס געווען צוגעקלעפּט צו אים זיין גאַנצן לעבן. ווער עס איז געווען דער סנדק פונעם נאָמען האָט מען קיינמאָל נישט געוווסט.

נעמען מיר, למשל, דעם גרינעם אברהם, אַ ייד, אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט אַ שאַרף שפּיציק בערדל, שטענדיק אין באַוועגונג. קיינמאָל נישט געהאַט קיין צייט, די גאַנצע שטאָט אויף זיין קאָפּ. מאַכט זיך אַז אַ ייד איז חולה מסוכן, און מ׳דאַרף עפּעס טאָן — אַ דאָקטאָר, אַ מנין אויף תהילים. לויפט דער גרינער אברהם, האַקט אָפּ די טירן, ער שטעלט עס צונויף. דאַרף אַן אָרעמע אַלמנה חתונה מאַכן אַ טאָכטער אין די יאָרן... לויפט דער גרינער אברהם צו שדכנים און מחותנים. נישטאָ ביי אים קיין שום אָפּהאַלט פאַר העלפן צו הכנסת כלה פון אַן אָרעם יידישן מיידל. דאַרף אַ בן־טובים שטיין צום פּריזיוו, לויפט דער גרינער אברהם מיטן שטעקן אין האַנט — צי ער העלפט עפּעס, ווייס איך נישט, נאָר ער לויפט און רוט נישט. פרייטיק־צונאַכטס, ווען מיר, קליינע חברה קונדסים, זיצן אַרום דעם טיש בעת דער תפילה פון קבלת שבת, ריין אָפּגעצוואָגן, די פּאהלעך אויסגעקעמט און געקרייזלט דורך אונזערע ליבע מאַמעס, שטייט דער גרינער אברהם אויף דער וואַך נעבן טיש און היט, מ׳זאָל ווי געהעריק נאָכזאָגן „ברוך הוא וברוך שמו" און שיין מיטזינגען מיטן בעל־תפילה דעם לכה דודי. און אָך און ווי איז צו דעם, וואָס ער האָט אויף אים אַן אויג געוואָרפן, זיין לאַנגע האַנט דערגרייכט איבער דער גאַנצער לענג פונעם טיש און „ער" מעג — קיין שום פאָטער וועט זיך נישט אַריינמישן...

שמואל כהן / **ר' יחזקאל שוחט**

ווען איך בין נאָך געווען אַ ייִנגל, פלעג איך ליב האָבן צו הערן שבת זיין דאַוונען תפילת מוסף; היינט ווער שמועסט נאָך, אַז עס זענען געקומען ימים נוראים און ר' יחזקאל שוחט פלעגט זיך אַוועקשטעלן ביים עמוד, אונטערגעהאָלפן דורך זיינע צוויי זין — פון רעכטס איז געשטאַנען אליהו, דער עלטסטער זון און פון לינקס דער יונגערער מרדכי. ווער עס האָט נישט געהערט אים דאַוונען, ווייסט נישט וואָס עס הייסט אַ בעל־תפילה.

נעבן בית המדרש איז געשטאַנען די גרויסע שול, מיט איר ברייטן פאַרנעם. דער חזן, אַז ער פלעגט שטיין ביים עמוד פון דער גרויסער שול, פלעגט מען אים קוים אַרויסזען, ווייל ער איז געווען אַ קליינינקער, אַ נידעריקער, און זעלטן האָט ער זיך גענומען צו הילף משוררים.

דאַקעגן איז דער בית המדרש נישט געווען פון גרויסן פאַרנעם און דאָ איז געווען דער בעל תפילה ר' יחזקאל שוחט אַ ייִד פון אַ הויכן געוווקס און ברייטע אַקסלען. איך דערמאָן זיך, אַז ווען ער פלעגט שטיין ביים עמוד ימים נוראים אָנגעטאָן אין זיין ברייטן, ווייסן קיטל, מיטן טלית און עטרה הויך איבערן קאָפּ באַדעקט, פלעגט ער אויסזען נאָך גרעסער און העכער.

ווען ער פלעגט צוקומען צו דער תפילה „הנני העני ממעש” און זאָגן דאָס קאַפּיטל „שדי איום ונורא, היה נאָ מצליח דרכי”, האָט ער אויסגעזען אין מיינע אויגן גרויס און העלדיש, און מיר האָט זיך פאָרגעשטעלט דאָס בילד ווי עס ס'שטייט ר' לוי יצחק פון בערדיטשעוו, טענהט זיך אויס מיטן רבונו של עולם און בעט אַ הילף פאַר זיין פאָלק ישראל.

ביים ריפּינער עולם איז געבליבן באַליבט דער האַרציקער בעל־תפילה, ווי אַ שליח, וואָס האָט מיט ערלעכקייט געדינט דעם ציבור. און מיט גרויס כבוד וועט בלייבן פאַרצייכנט דער אָנדענק פון יחזקאל שוחט ז"ל.

אַ מעשה מיט אַ פאַלשן בעל תפילה

עס דערמאָנט זיך מיר די מעשה מיט אַ בעל־תפילה, וואָס האָט אויפגעקאָכט דעם גאַנצן עולם פון בית המדרש.

געווען איז דאָס אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, און איבער די שטעטלעך פלעגן אַרומפאָרן טרופּעס אַרטיסטן און שפּילן יידיש טעאַטער. מאַכט זיך אַ מעשה, אַז אין ריפּין באַווייזט זיך אַ טרופּע אונטער דער לייטונג פון אַ מאַן מיטן נאָמען דורין, אַ ייִד פון מיטעלן וווקס, מיט אַ גרויסן בויך, און אויסגעזען ווי אַ סוחר.

פרייטיק־צו־נאַכטס באַווייזט ער זיך אין בית המדרש, פאַרופט זיך אַלס בעל־תפילה און בעט זיך ביים גבאי, ער זאָל אים דערלויבן דאַווענען פאַרן עמוד.

געוויינלעך, אַלס אורח, האָט מען אים צוליב געטאָן און מכבד געווען מיט דער מצווה. היות ווי דער מאַן האָט פאַרמאָגט אַ שיינע שטימע, און ער האָט געדאַוונט מיט אַ האַלב־חזנישן ניגון,איז ער ביים עולם אָנגענומען געוואָרן, און ביידע צדדים האָבן זיך באַדאַנקט. אויף צו מאָרגנס, שבת צו שחרית, איז ער ווידער אַ מאָל געקומען מיט דער דעה צו שטעלן זיך פאַרן עמוד. און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן די טראַגעדיע... אַזוי ווי עס האָט זיך שוין אַנטפּלעקט דער גאַנצער סוד, אַז דער בעל־תפילה איז נישט מער ווי אַ טעאַטער־שפּילער; און מחמת אין יענער צייט איז געווען אָנגענומען אין פרומע קרייזן, אַז אַן אַקטיאָר איז גאָר אַ חרפּה, און טעאַטער איז בכלל נישט קיין יידישער מנהג, האָט מען אים גאַנץ שיין איבערגעבעטן און פאַרטריבן פון בית המדרש. טאָמער מיינט איר, אַז דערמיט האָט עס זיך געענדיקט, האָט איר אַ גרויסן טעות, ווייל טאַקע דעם זעלבן טאָג, מוצאי שבת, איז אין ריפּינער טעאַטער־זאַל אויפגעפירט געוואָרן די באַוווסטע פאָרשטעלונג „בר כוכבא”

די זעלבע טרופע פון דעם בעל תפילה וועגן וועלכן עס רעדט זיך דאָ, און ער אַליין האָט אָנטייל גענומען אין דער ראָל פון „בר־כוכבא".

פאַרשטענדלעך, אַז דער טעאַטער־זאַל איז געווען פאַרפולט מיט אַ גרויסן פובליקום, ווייל ריפינער עולם האָט תמיד ליב געהאַט טעאַטער און נישט אַדורכגעלאָזט קיין שום געלעגנהייט. די פאַרשטעלונג האָט זיך אָנגעהויבן פינקטלעך לויטן פראָגראַם. אויבן־אָן, אויף די ערשטע פלעצער, איז געזעסן חיים לייב פוקאַטש, און אין המשך פון שפילן איז געווען קענטיק אויף זיין פנים אַן אומצופרידנקייט (ווי עס איז באַוווסט, האָט חיים לייב פוקאַטש אַליין אָנגעפירט מיט אַ טעאַטער־קרייז און טאַקע אַליין אויסגעפירט אויך די ראָל פון „בר־כוכבא").

ווי עס האָט זיך שפעטער אַרויסגעוויזן איז אים נישט געווען צום האַרצן זייער שפילן. איז ער געזעסן מלא חימה און דאָך אויסגעוואַרט ביזן סוף; און גאָר צום סוף, ווען די אַרטיסטן האָבן זיך באַוויזן און באַגריסט דאָס פובליקום, איז שוין פוקאַטש געשטאַנען אויף דער סצענע, געטאָן אַ מאַך מיט דער האַנט און אויסגעשריגן:

„גענוג שוין! גענוג חוזק געמאַכט! וואָס דענקט איר, אַז איר וועט מאַכן פון יידישן טעאַטער אַ פורים שפיל? ריפינער עולם איז נישט קיין גולם. איר קענט אַפילו נישט שפילן די ראָל אַלס בעל־תפילה אין בית המדרש".

דער שומר שבת

געווען איז ער אַ מאַן אין די מיטעלע יאָרן, העכער פון מיטעלן וווקס, אַ בעל גוף, ברייטביייניק, אַ ברייט פנים באַדעקט מיט אַ ברייטער גאָלדענער באָרד.

ער איז געווען אַ לערנער, אַ חסידישער ייד פון גערער שטיבל, און פלעגט זיצן יומם ולילה און לערנען. נישט געפירט קיין מסחר אָדער מלאכה. זיין באַשעפטיקונג איז געווען עבודת הבורא, אַלץ האָט ער געטאָן לשם שמים, און אַזוי האָט ער גענומען אויף זיך אָפצוהיטן דעם שבת אין שטאָט.

נחום לייביש האָט ער געהייסן, און גערופן האָט מען אים: „ר' נחום לייביש, דער שומר שבת". ער האָט אויף זיך אַרויפגעלייגט אַ שווערן עול: יעדן פרייטיק, ערב שבת, פלעגט ער אַדורכגיין איבער דער שטאָט און דערמאָנען אַלע, אַז זיי זאָלן שליסן צו דער צייט זייערע קלייטן; און אַז ער פלעגט שוין טאַקע קומען צו אַ פלאַץ און עס איז שוין געווען קרוב צו ליכט־צינדן, פלעגט ער שוין גאָר נישט זאָגן און גלייך פאַרקלאַפן די לאָדנס פון קלייט.

אַ זעלטענער טיפ ייד איז דאָס געווען דער ר' נחום לייביש, און נישט יעדער האָט זוכה געווען צו קויפן זיין עולם הבא מיט די מצוות און מעשים טובים ווי ער האָט זיך געקויפט. דערביי דאַרף מען נישט פאַרגעסן די פאַרדינסטן פון זיין פרוי רוטשע, וואָס איז געווען די ריכטיקע אשת חיל, אים באַפרייט פון דאגת פרנסה און דערמיט אים געגעבן די מעגלעכקייט צו זיצן און לערנען. אַליין געזאָרגט פאַר דער שטוב און עס איז אויך אַ חוב צו דערמאָנען זייערע צוויי טעכטער, חברות און מיטאַרבעטערינס פון דער נאַציאָנאַלער יוגנט־אָרגאַניזאַציע. דאָס איז רבקה יהודית גאָלדבראַך און איר חנוודיקע שוועסטער, שרה.

דער בעל חלומות

געווען איז ער אַ יונגערמאַן פון הויכן וווקס, מיט אַ קאָפ העכער פון יעדן, אַ שלאַנקער, אַ לאַנג פנים באַדעקט מיט אַ גאַנץ קליין בערדעלע און דורך זיינע ברילן האָבן זיך אַרויסגעזען פאַרחלומטע אויגן. ער איז געווען אַ קורצזיכטיקער, אָבער דערפאַר מיט אַ גאַנץ ווייטן קוק. באַלאַנגט האָט ער צו דער פאַרטיי „המזרחי" — אַזעלכער איז געווען ר' יעקב וואַרשאַוויאַק ז"ל.

אַז ער פלעגט פירן וויכוחים און רעדן וועגן ציוניזם, איז ס'געווען פול מיט פאַנטאַזיעס און חלומות, ווי אַזוי עס וועט אַ מאָל אויסזען אין ארץ־ישראל. מיט עקשנות האָט ער פאַרטיידיקט זיין מיינונג, וואָס האָט אין יענער צייט אויסגעקוקט ווי אַ חלום און פאַנטאַזיע.

געווען אין ריפין אַ צווייטער מין בעל־חלומות, אַ ייד אַן עקשן, און גערופן האָט מען אים ר' איטשע־נחמיה. ער איז געווען אַ ייד אַ למדן, תמיד פאַרטיפט אין רעיונות, עפעס אַ מין קבלה־מענטש. איך געדענק

אים פון אַמאָל, ווען ער פלעגט אַריינקומען אין בית המדרש און אויפווייזן מיט אותות און מופתים על פי גימטריא פון דעם און דעם פסוק, אַז אין דעם און דעם באַשטימטן יאָר וועט קומען משיח. און אַז ר׳ איטשע נחמיה האָט געלייגט דערויף דעם סטעמפּל, איז במילא שוין געווען איבעריק צו פירן וויכוחים. אָבער גאַנץ אַנדערע רעיונות, פאַנטאַזיעס און חלומות האָט פאַרמאָגט וואַרשאַוויאַק. אַט דערמאָנט זיך זיין רעדע וואָס ער האָט געהאַלטן, אין וועלכער ער האָט אויסגעמאָלן ווי אַזוי עס וועט אויסזען ארץ־ישראל:

„...איך קום קיין תל־אביב און וויל באַזוכן מיין פריינד, וואָס הייסט מאָרגענשטערן, גיב איך אַ קוק און זע, אַז מיט גרויסע אותיות איז אָנגעשריבן אויף זיין שילד גאָר „שחר“. איך גיי מיר ווייטער ווייטער און באַגעגן אַ מאַן אַ בעל־עגלה, וואָס פירט לייט, פון פּלאַץ צו פּלאַץ. איך רעד צו אים אין מיין שפּראַך, און ער ענטפערט מיר אין לשון־קודש. און אַזוי פירט זיך פון פיש־מאַרק ביזן שוסטער און שניידער, אַלע ענטפערן מיר אין לשון קודש“. און אַז ער רעדט וועגן חזון ישעיהו, וואָס ס׳וועט זיין באחרית הימים, ווען כלי־זין וועלן פאַרוואַנדלט ווערן אין אַגראַר־כלים, זאָגט וואַרשאַוויאַק אַזוי:

„איך קום קיין ארץ־ישראל און איך קוק זיך אַרום איבערן לאַנד, איבער זיינע ישובים און גרענעצן. איך פרעג זיך, ווו זיינען אייערע סאָלדאַטן, אַרמייען און גרענעץ־היטער. ווייזט מען מיר אויף מחנות חלוצים, חברים פון קיבוצים און קבוצות, וועלכע אַרבעטן אויף די פעלדער — און דאָס איז אונזער אַרמיי, זאָגט מען מיר...“

ר׳ יעקב וואַרשאַוויאַק איז געווען אַ בעל־חלומות אַ פאַנטאַזיאָר, אָבער זיינע פאַנטאַזיעס זענען טיילווייז פאַרווירקלעכט געוואָרן, העברעאיש איז געוואָרן אַ פאָלקס־שפּראַך, גענוי אַזוי ווי ער האָט געטרוימט אין ריפּין מיט העכער 40 יאָר צוריק. און אויך דער נח״ל די פאַרמאַציעס פון אונזער אַרמיי, וואָס פאַראייניקט זעלבסט־שוץ מיט לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעט — אויך דאָס איז אַ קערנדל פון וואַרשאַוויאַקס טרוים מיט העכער 40 יאָר צוריק אין ריפּין.

גרשון סקורקא / אמאל איז געווען...

איך דערמאָן זיך די ווינטער־נעכט אין גערער שטיבל, דאָרט האָבן מיר געלערנט סיי ביי טאָג און סיי ביי נאַכט, נאָר צווישן מנחה און מעריב איז געווען נאָר אַ האַלבע שעה הפסקה און עס האָט זיך נישט געלוינט צו פאַרטיפן אין אַ סוגיא, זענען מיר געזעסן און זיך צוגעהערט ווי די דערוואַקסענע שמועסן צווישן זיך. דאָרטן איז געווען אַ ייד וואָס זיין מיליטער־דינסט האָט ער דורכגעמאַכט אויפן ווייטן מזרח. ער האָט געהייסן לעוויטאַן. טיילמאָל פלעגט ער צונויפנעמען אַלע קינדער און דערציילן פאַרשידענע גוזמאות, צומיינסטן פון כאַרבין.

אויפן אַלטן יידישן בית־עלמין, ביי דער עלעקטראָווניע, איז געלעגן אַ ריפּינער רב, וואָס האָט געלעבט מיט הונדערט יאָר צוריק. מען האָט אים גערופן דאָס צדיקל. נאָך אים איז געקומען הרב לוריא. דער הרב לוריא איז געווען פריער רב אין נאָוואָגרודעק ביי גראָדנע. זיין פרוי האָט געשטאַמט פון סטאָלפּצי, אַ שטעטל, ביי דער רוסישער גרענעץ. עס איז אויך געווען אַ מורה־הוראה, ר׳ פישל דן זאַנאַבענד. ער האָט געשטאַמט פון טשעכאַנאָווער רבין און פלעגט זיך אונטערשרייבן אפרים דן אבן שבת.

איך מיט ירוחם בינענפעלד פלעגן זיצן ביי טאָג און לערנען טיילמאָל ביי אים און טיילמאָל ביים רב. מיר זענען אויך געווען פאַראינטערעסירט צו זען ווי אַזוי ער פסקנט שאלות. עס דערמאָנט זיך מיר ווי איין מאָל איז געקומען פרוי ראַטמאַן מיט אַ שטיקל געבראָטענער לעבער, אין וועלכער עס איז געווען אַ טשוואָק. ר׳ פישל דן האָט געהייסן דער פרוי קומען אין אַ

שעה אַרום. דורך דער צייט האָט ער מיט אונז אַדורכגעשמועסט דאָס גאַנצע פּראָבלעם; אויב ער וועט טריפה מאַכן און פיל יידישע פאַמיליעס האָבן דאָך געקויפט פלייש פון דערזעלבער קו. וועט דאָך דער שאָדן זיין אַ גרויסער. פלוצים פרעגט ער אונז. מיט וואָס עס פאַרנעמט זיך דער ראטמאַן. האָבן מיר געענטפערט, אַז ער האָט אַ קאָלאָניאַלקראָם. הערנדיק דאָס איז ער געוואָרן מלא שמחה, און מיד גלייך געהייסן גיין און רופן די פרוי ראטמאַן. ווען די פרוי איז געקומען, האָט ער איר געפרעגט, צו זי הייצט די קיך מיט ברעטלעך פון קעסטלעך. די פרוי האָט געענטפערט יאָ. אויב אַזוי איז אַלץ כשר — זאָגט ער — ווייל מסתמא איז דער טשוואָק פון אַ קעסטל... נאָרמאַל קען נישט זיין אַ טשוואָק אין דער לעבער.

נאָך אַן עפּיזאָד: לעצטנס איז אין ריפּין געווען אַ חברה ביקור חולים. מיין שטיף־טאַטע יעקב פיינמעהל איז געווען קאַסירער און סעקרעטאַר. די ריפּינער דאָקטוירים פלעגן באַקומען אַ נאָרמאַלן פּרייז פון 10 זלאָטעס ווען זיי פלעגן גיין אויף אַ באַזוך צום חולה און 5 זלאָטעס ווען דער חולה פלעגט קומען צו זיי, אָבער ביים ביקור חולים פלעגן זיי נעמען נאָר 3 זלאָטעס אָדער 1.50. דער סדר איז געווען אַזוי: די יידן פלעגן קומען צו אונז באַצאָלן 1.50זל. אָדער 0.75 און באַקומען אַ צעטל צום דאָקטאָר. דער דאָקטאָר האָט שוין דאַן פון זיי גאָרנישט גענומען. טייל יידן פלעגן באַקומען פון אונז דאָס צעטל בחינם. געווען אויך יידן, וואָס האָבן נישט געוואָלט נהנה זיין פון ביקור חולים, און אויך נישט געהאַט צו באַצאָלן דעם פולן פּרייז צום דאָקטאָר, און זיי האָבן אונז געצאָלט 3 זלאָטעס און 1.50 פאַרן צעטל, ד. ה. דער ביקור חולים האָט ביי זיי גענומען אַזוי פיל וויפל דער דאָקטאָר קאָסט. פאַרשטייט זיך, אַז ווען זיי גייען צום דאָקטאָר אָן דעם צעטל מוזן זיי באַצאָלן דעם נאָרמאַלן פּרייז. אַלע ביקור חולים געשעפטן האָט מיין שטיף־טאַטע איבערגעגעבן מיר צו פירן.

אין אַפּריל 1939, נאָכדעם ווי היטלער ימח שמו האָט געקינדיקט דעם נישט־אַגרעסיע־פּאַקט מיט פּוילן, און מען האָט שוין געפילט די אומרואיקייט אויף די גרענעצן, דעמאָלט האָבן זיך די ריפּינער שקצים

דערמאָנט, אַז זיי האָבן נאָך נישט באַיקאָטירט די יידישע קראָמען און האָבן זיך גענומען שטעלן פּיקעטן ביי די יידישע קראָמען. איין מאָל איז מיר אויסגעקומען צו דיסקוטירן מיט אַזאַ פּיקעטניק, וועלכער איז געגאַנגען מיט מיר אינאיינעם אין דער שול. איך האָב אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז עס וואָלט געווען פיל בעסער פאַר פּוילן ווען מען גיט אַכטונג אויף די גרענעצן איידער אויף די יידישע קראָמען... באַזונדערס, האָב איך מוסיף געווען, אַז כל זמן פּוילן איז נאָך זעלבשטענדיק, וועט נישט זיין די אָרדענונג וואָס זיי ווילן איינפירן.

אין צוויי חדשים אַרום קומט אַריין צו אונז אַ פּאָליציאַנט און פרעגט זיך וואָס איך האָב געזאָגט דעמאַלט, דעם 2־טן אַפּריל. איך האָב אים דערציילט, און ער האָט אַלץ פאַרשריבן. דערנאָך האָב איך זיך דערמאָנט, אַז דער צווייטער אַפּריל איז אויסגעפאַלן דעם ערשטן טאָג פסח און איך האָב דאָך נישט געהאַנדלט אום יום טוב. זיי האָבן פּשוט אויפגעגעבן אַן אַנדערע דאַטע. און דעריבער האָב איך גערעכנט, אַז איך וועל האָבן אַן אַליבי.

אין עטלעכע וואָכן אַרום האָט מען מיך גערופן צום אַדמיניסטראַטיוון געריכט. איך האָב מיך פאַרטיידיקט, אַז דעם צווייטן אַפּריל איז דאָך געווען יום טוב. זאָגט דער באַאַמטער, אַז אים איז קיין אונטערשיד נישט וועלכן טאָג דאָס איז געשען, און אַז איך האָב עס געזאָגט — דאָס גלייבט ער, און ער האָט מיך פאַרמשפּט פאַר באַליידיקן די פּוילישע אָרדענונג.

שפּעטער, איין מאָנאַט פאַר דעם מלחמה־אויסברוך, בין איך געגאַנגען צום סטאַראָסטווע וועגן באַקומען אַ פּאַספּאָרט און איך האָב געטראָפן דעם זעלבן באַאַמטן. פרעגט ער מיך, מיט וואָס איך קען באַווייזן, אַז איך בין אַ פּוילישער בירגער? ווייז איך אים מיין מאַמעס פּאַספּאָרט. דאָס איז אים נישט געפעלן געוואָרן, און ער האָט פאַרלאַנגט, איך זאָל אים ווייזן מיין טאַטנס פּאַס. זאָג איך אים, אַז מיין טאַטע איז געשטאָרבן נאָך איידער פּוילן איז געווען אַ מלוכה. ענטפערט ער, אַז אויב אַזוי איז דאָך דער טאַטע געווען אַ רוסישער בירגער, און דעריבער בין איך אויך אַ רוסישער בירגער. טראַכטנדיק, אַז איך וועל שוין

ב ע ר ד ר אַ ט ו ו א /

רואיקע גאסן, רואיקע יידן

דער אַריינפאָר קיין ריפּין איז געווען באַרג אַראָפּ און עס זענען געווען פיר וועגן — פון שערפּץ, מלאַווע, בראָדניץ און דאָבזשין. דאַקעגן איז דער מאַרק, וואָס האָט זיך געפונען אין מיטן שטאָט, געלעגן באַרג־אַרויף — אַ גרויסער פּלאַץ, וואָס אַרום זענען געווען בלויז יידישע געשעפטן פון אַלע מינים סחורות. אין מיטן פון מאַרק איז געווען אַ גאָרטן, אַרומגעצוימט מיט אַ הילצערנעם פּלויט, און אין מיטן פון גאָרטן איז געשטאַנען אַ הויכער אייזערנער שטאָלב, וואָס דער לאָמפּ אין זיין שפּיץ האָט באַלויכטן מיט עלעקטריש ליכט דעם מאַרק אין די נעכט. צוויי מאָל אין וואָך זענען אויף דעם פּלאַץ פאָרגעקומען מאַרק־טעג — דינסטיק און פרייטיק; די יידישע קליינהענדלער פלעגן אַרויסשטעלן זייערע סטראַגאַנעס מיט סחורות, און פון די אַרומיקע דערפער זענען אָנגעפאָרן פויערים מיט זייערע תבואות, עופות, אייער, פּוטער און אַנדערע פּראָדוקטן, וואָס זיי האָבן פאַרקויפט און פאַרן געלט איינגעהאַנדלט פאַרשידענע סחורות פאַר זייערע פאַמיליעס.

צו די געשעפטן און הענדלער פלעגן די יידישע שפּיליטערן צושטעלן מיט זייערע לאַסט־מאַשינעס סחורות פון וואַרשע, לאָדזש, אָזערקאָוו און אומגעגנט.

(סוף פון ז. 728)

קיין פּאַס נישט באַקומען, האָב איך אים געזאָגט, אַז מיין טאַטע און זיידע זענען אַלע געבוירן אין ריפּין, און אויב זיי זענען רוסישע בירגער איז דאָך מסתמא ריפּין אויך אַ רוסישע שטאָט...

נאָך דער מלחמה בין איך געווען אין ריפּין עטלעכע מאָל. אינטערעסאַנט, אויף גרשון בירמאַנס הויף איז געווען אַ ביוראָ פאַר צוריקגעקומענע, דאָרט איז אויך געווען אַ קיך פאַר פרעמדע בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה. איך בין געשלאָפן ביי אליעזר גאַלדרייך. ער איז דעמאָלט געווען אַן אויספאָרשער פון קריגס־פאַרברעכער.

אָשר, שמחה קאָרענשטיין און מיכאל ביעזינסקי. זיי זענען געווען די ריפּינער שפּיליטערן.

ווען עס האָט זיך צעבושעוועט דער אַנטיסעמיטיזם אין פּוילן און זיין פאַרמעסט אַרויסצורייסן דעם האַנדל פון די יידישע הענט, האָט די קרייז־מאַכט געפּסלט צוויי פון די יידישע שפּיליטערן — דער דריטער דאַקעגן האָט פאָרגעזעצט זיין באַשעפטיקונג און מצליח געווען. גאַנץ ריפּין האָט געקאָכט מיט דעם פאַל. אָבער אויך די געפּסלטע צוויי האָבן זיך פאַרשטענדיקט, געמאַכט אַ יד אחת און ווייטער געפירט די סחורות...

די יידישע טרעגער אין ריפּין, וואָס האָבן פאַרנומען זייער פּלאַץ ביים טויער, זענען געווען יעדן באַקאַנט: מאיר לייב קליין, זיינוול קליין, לייב קאָלטאָן, אהרן קאָלטאָן, הערש קאָלטאָן, מאיר דראַטווא, שעיה קזשיוואַל, יעקב גאַלאַנט. זיי האָבן פאַרנומען גליקיעס טרעפּ און עס פאַרוואַנדלט אין זייער זיצפּלאַץ. זייערע מכשירים זענען געווען אויף זיי אַרומגעוויקלט: די שטריק. ווען עס האָט געדאַרפט אָנקומען אַ מאַשין מיט סחורה האָבן זיי שוין אַרויסגעשיקט אַן אויסשפּירער און ביינאַכט איז געשטאַנען אויף דער וואַך אַ שומר וואָס פלעגט זיי אויפוועקן מיטן אָנקום פון אַ מאַשין.

די צווישן־שטעטישע קאָמוניקאַציע איז געווען אַ קאָנצעסיע פון אַ ייד, שפּעטער אָבער האַט מען זי אים צוגענומען און מ׳האָט עס איבערגעגעבן אין קריסטלעכע הענט.

חיים־הערש בלאכאזש

מען פלעגט זאָגן, אַז יעדע שטאָט און שטעטל האָט געהאַט זיינע טיפּן, חכמים און וויצלער, און ריפּין קען זיך אויך נישט פאַרשעמען מיט אירע געשטאַלטן: אין טשאַרקעס הויז האָט דעם אונטערטייל פאַרנומען חיים הערש בלאַכאַרזש, וואָס האָט דאָרט געהאַט אַ וואַרשטאַט פון בלעכעריי און פלעגט פאַריכטן

פאַרשידענע כלים. זיין ווייבל דאָקעגן איז געווען אַ קליינינקע — ער איז געווען ביי אַ צוויי מיט אַ האַלבן מעטער די הויך, דער העכסטער מענטש פון שטאָט. פלעגט ער זיצן פאַר זיין וואַרשטאַט מיט אַ שטעקן אין האַנט, און ס׳פלעגן זיך פון אים שיטן וויצן. ער פלעגט יעדן מענטש פאַרהאַלטן און אים „פאַרקויפן״ אַ ביסל וויצן.

ווען ער פלעגט נישט צאָלן די שטייערן, האָט דער שטאָט־פּרעזידענט געשיקט אַ שליח מיט אַ צעטל צו חיים הערשן, און אַזוי ווי דער שליח האָט נאָר אים איבערגעגעבן דאָס צעטל — האָט עס חיים הערש גלייך אין זיינע אויגן צעריסן און געזאָגט, אַז אויב דער פּרעזידענט דאַרף אים, זאָל ער קומען צו אים, איך בין גרעסער פון אים. אַזוי האָט דער שטאָט־פּרעזידענט דאָס איבערגעגעבן אין געריכט, און חיים הערשן האָט מען צוגעפּסקנט צוויי וואָכן אַרעסט און מ׳האָט אים איינגעזעצט אין קאָזע. חיים הערש איז אויך אין אַרעסט נישט אָפּגעשטאַנען פון זיינע וויצן, און אויך דאָרט האָט ער אָנגעצונדן אויפן גאַנצן פענצטער חנוכה־ליכטלעך.

נחום־לייביש

נחום לייביש איז געווען אַ ייד מיט אַ סך תורה און חכמה אַ סך צייט געווידמעט דעם לערנען. ער איז געווען דער שבת־גענעראַל אין שטאָט, און גלייכצייטיק געווען באַקאַנט אין ריפּין פאַר אַ פיינעם אָרענטלעכן מענטש, און די באַפעלקערונג האָט אים געשעצט פאַר זיין חכמה.

הערש־נטע דער גבאי

אַ שכן פון נחום לייבישן איז געווען הערש נטע, דער גבאי פון בית־המדרש. אויך ער איז געווען דער גבאי פון חברה קדישא. אַ זייער פיינער מענטש, אַן אָנגעזעענער אין ריפּין. ער איז דאָך נישט געווען שולדיק אַז עס איז ווער געשטאָרבן אין שטאָט, און פונדעסטוועגן אַז מען פלעגט הערן זיין נאָמען האָט מען זיך ווי אָפּגעשאָקלט... ווען אַ מענטש האָט געהאַלטן זייער שלעכט און קיין דאָקטאָר האָט שוין נישט

געקאָנט העלפן, האָט מען געשיקט נאָך אים. און ווען ער איז נאָך געקומען אין דער צייט, האָט ער געזאָגט וידוי מיטן גוסס. ער פלעגט קומען מיט אַ פעדער אין האַנט און פּרווון דעם גוסס ביי דער נאָז, צי ער ציט נאָך דעם אָטעם. זיין געהילף, יואל גלאָווקע, וואָס איז אויך גלייך געקומען, האָט מיטגעבראַכט די שוואַרצע דעק, מיט וועלכער מען האָט צוגעדעקט דעם מת. יואל גלאָווקע — אַ קליין אויסגעדאַרט יידל מיט אַ שוואַרץ קאָזע־בערדל, יידיש געקליידעט, איז געווען אַ שוסטער, וואָס האָט פאַרריכט אַלטע שיך, אָבער צו זיין אויסקומעניש האָט אים שטענדיק צוגעפעלט. די אַרבעט אין דער חברה קדישא האָט אַ ביסל געהאָלפן.ווען עס איז באַשטעטיקט געוואָרן די לוויה, האָט שוין יואל באַזאָרגט זיך אַ פערדל וואָס ער האָט עס איינגעשפּאַנט אין דער שוואַרצער עגלה, און ער איז פאַרפאָרן פאַרן הויז פון נפטר. ווען דער נפטר האָט זיך שוין געפונען אויף דער עגלה האָט יואל באַקומען אַ באַפעל פון הערש נטען צו פאָרן. אָבער יואל האָט געהאַט אַ ביסל אַ שווער לשון און עס האָט געדויערט אַ ווײַלע ביז ער האָט געגעבן אַ געשריי צום פערדל : ניאָ... נ... און געפירט דעם מת צו זיין אייביקער רו.

אַ שפּאַציר איבערן שטעטל


פאַר מיינע אויגן שווימט אויף אַ בילד פון אונזער אַמאָליקן לעבן אין ריפּין. אָט שפּאַציר איך אין ריפּין איך געפין זיך ביי דער וואַסערלייטונג („וואָדאָטשאָנג״) וואָס די מערהייט איינוווינער פון ריפּין האָט געטרונקען און באַנוצט איר וואַסער. אַנטקעגן שטייט די רוסישע צערקווע, וואָס אויף דעם טראָטואַר נעבן איר איז געווען די גרעסטע שפּאַציר־אַלעע פון אונזער ריפּינער יוגנט. איך גיי העכער — און אָט דער נייער קינאָ „קאָלאָסעאום״. העכער, פון דער לינקער זייט, קוקט אַרויס פון אַ שפּייז קראָם דער רויטער יצחק ; פון דער רעכטער זייט — די פּאָליציי , רויטקאָפּס הויז קעגנאיבער — דאָס גרויסע שפּייז־געשעפט נדרה. דער וועג פירט ביי די סטאַראָסטע סקאַרב. גיי איך אויפן נייעם מאַרק הערט מען די שווערע קלעפּ פון אייזן־שמיד, דעם יידישן קאָוואַל מיטן נאָמען קאַכאַן, פון דער צווייטער זייט — זעט מען דעם יידישן סטעלמאַך,

וואָס אַרבעט אויס רעדער פון האָלץ פאַר די וועגענער. ווייטער קום איך צו צו דער (באַרבאַראַ) מלאָווסקאַ־גאַס — און אָט איז דאָס שפּייז־געשעפט פון קריסטאַל, דערנעבן סטענקעט אַ מיל, וואָס מאָלט טאָג און נאַכט דאָס מעל. עטלעכע שריט ווייטער שטייט דאָס שטאָטישע שפּיטאָל, קעגנאיבער די גרויסע נייע שטאָטישע שול. מיר גייען אַראָפּ מיט דער גאַס און מיר קומען צו צו די יאַטקעס אין דער פאָרם פון אַ האַלבן קרייז. די יאַטקעס זענען באַהאָנגען מיט פיל פלייש. אויף דעם פּלאַץ שטייען יידישע פישערס, וואָס פאַרקויפן אַלע מינים פיש. אַרום שטייען קריסטלעכע פויערטעס מיט עופות, פּוטער, אייער.

מיר גייען אַרויס פון דעם פּלאַץ און קעגנאיבער שטייט די גרודנעס הויז, פון אונטן איז געווען אַ מאַנגל און אויבן, אין די לאָקאַלן, האָט זיך געפונען דער קלוב פון די לינקע פּועלי־ציון. ווייטער, די גאַנצע לענג פון דער גאַס, איז געווען באַשטעלט מיט אויבסט און גרינצייג, וואָס די יידישע סעדערס פלעגן ברענגען אַהין. דאָ האָט זיך געפונען די יידישע סאָדע־פאַבריק אייבעשיץ, וואָס האָט פאַרשפּרייט זיין אַרטיקל אין דער גאַנצער שטאָט, שאלדערס סקלאַדעס פון אייער, וואָס זיי פלעגן פּאַקן און אָפּשיקן איבער גאַנץ פּוילן און קיין אויסלאַנד; אין דעם זעלבן הויז איז געווען קאָרנעשינס בעקעריי. מיר קומען צו צו ליכטערס קינאָ, ווו דאָס יידישע ריפּין האָט פיל גענאָסן פון יידישע פאָרשטעלונגען, פאַרווייליונגען, רעפעראַטן א. אַ. וו. ביי ליכטערן אין הויז האָט זיך געפונען די העברעאישע שול.

געשטאַלטן פון בונד

מנשה וויינגראַס, אַ קעמפער פון דער רעוואָלוציע פון 1905, איז געשטאַנען אין די ערשטע רייען פון „בונד" ביי אונז אין ריפּין. ער איז געווען אָרגאַניזאַטאָר און קעמפער פאַר די אינטערעסן פון יידישן אַרבעטער אין ריפּין. כאָטש ער האָט געהאַט אַ גרעסערע פאַמיליע, וועלכע ער האָט געשפּייזט מיט זיין אַרבעט אַלס בלעכער, און ער פלעגט אָפּט אַוועקפאָרן אויף גאַנצע וואָכן אין די דערפער דעקן דעכער ביי די פויערים — האָט ער געווידמעט פיל צייט פאַר זיין



די יאַטקעס — אַ בילד פון יאָר 1926
צווישן די פרויען ביים איינקויפן שטיין (פון רעכטס:
נחמה רוינע, צערל בלאַסס אוןביילע צירעל

פּאַרטיי. אויך פלעגט ער העלפן די סאַמע אָרעמסטע פאַמיליעס מיט זיינע אייגענע מיטלען.

בעת דער נאַצישער הערשאַפט האָט ער פאַרבלאָנקעט אין אַ דאָרף, נישט ווייט פון ריפּין, עס איז אים געווען אַ גרויסער ווייטיק צו פאַרלאָזן דעם אָרט ווו ער האָט געאַרבעט און געקעמפט, ווו יעדעס הויז איז אים געווען אַזוי נאָענט און טייער. די ברוינע מערדער האָבן אים אָבער אַנטדעקט, און אים דערמאָרדעט.

ד"ר אַלעקסאַנדער בראַנז איז נישט געווען קיין געבוירענער אין ריפּין געענדיקט דעם אוניווערזיטעט אין מאָסקווע, אָבער עטלעכע צענדליק יאָר האָט ער געלעבט ביי אונז אין שטאָט. געווען זייער באַליבט ביי די אַרבעטער אין ריפּין. ער איז אויסגעוויילט געוואָרן דורכן „בונד" אין ריפּינער שטאָט־ראַט, ווו ער

האָט געפירט אַ פאַרביסענעם קאַמף קעגן דער סאַנאַציע פאַר יידישע רעכט. אויך פלעגט ער האַלטן לעקציעס אויף פּאָליטישע טעמעס, און האָט פאָראויסגעזאָגט אַז היטלערס מלחמה־מאַרש וועט זיין אַ טראַגישער. אַ שטאַרקן האַס האָט ער אויך געהאַט צו דער סאַנאַציע, וואָס ער איז געווען ביי זיי אַזוי ווי אַ ביין אין האַלדז. ד״ר בראַנז האָט זיי אין גאָרנישט געלאָזט באַקומען, ער האָט פאַראייניקט אַרבעטער־דעמאָנסטראַציעס צום 1־טן מאַי און אַנדערע. ער האָט אַלע אַרבעטער פּאַר־טייען אין ריפּין פאַראייניקט צו די וואַלן, אַפילו אַריינגענומען אַ פּאַשיסטישע גרופּע, כדי צוצוקלאַפּן די סאַנאַציע, אָבער זיי האָבן אין עטלעכע ראַיאָנען געפּסלט די ליסטע, עס וואָלט זיכער געווען אַ זיג. דאָס לעצטע יאָר פאַרן קריג, ווען אין פּוילן האָט געהערשט דער גרויסער אַנטיסעמיטיזם, איז ד״ר אַלעקסאַנדער בראַנז, געווען געצוווּנגען צו פאַרלאָזן ריפּין. ווען די דייטשע האָרדעס האָבן פאַרנומען פּוילן, האָט זיך ד״ר בראַנז געפונען אין זעלווע נישט ווייט פון באַראַנאָוויטש, דאָרט האָט ער געאַרבעט אין אַ קליניק און שטענדיק האָט ער זיך געטראָפן מיט שעיה דוד דראַטווע, און זיי האָבן אַרומגערעדט די וועלט־לאַגע. ער איז אומגעקומען און מ׳ווייסט נישט ווי זיין געביין.

אין די לעצטע יאָרן זענען אין אַקטיוו פון „בונד״ אין ריפּין געווען: איטשע גאַלאַנט, זישע קאַלטון, יעקב דיאַמאַנט, ירחמיאל בלומשטיין, שרה קאַלטון, די אַלע אומגעקומענע — כבוד זייער אַנדענק.

מרדכי ריפּינסקי / פון ריפּין ביז צום אינדזל מאוריציוס

שוין מיין נאָמען באַווייזט ווי שטאַרק איך בין פאַרבונדן מיט דער שטאָט ריפּין, ווו איך בין געבוירן (אין יאָר 1893) און אויפגעוואַקסן. בין געווען אַקטיוו אויפן געזעלשאַפטלעכן געביט, אין דער קולטור־אויפקלערערישער אַרבעט, אין דער פייערלעשער אָפּטיילונג. איך בין געווען איינגעלעבט מיט אַלע איינוווינער, מיט די יידישע און קריסטלעכע, מיט אָרעמע און רייכע, מיט די פרומע יידן און מיט די חלוצים, אין וועלכע עס האָט געברענט דאָס פייער פון קאַמף פאַר גאולה.

אומעטום, ווו מיר איז אויסגעקומען צו וואַנדערן אין די שפּעטערדיקע יאָרן, האָב איך מיטגעטראָגן אין זיך די וואַרעמקייט פון די ריפּינער יידן, די שיינע קולטור־אַרבעט צווישן פּאַרטייאישע און אומפּאַרטייאישע. איך געדענק נאָך ווי מען האָט אין יאָר 1912 געעפנט דעם קולטור־פאַריין, מיט אַ רייכער ביבליאָטעק און לייען־זאַל.

ווען מען האָט שפּעטער געשלאָסן דעם פאַריין, איז ווייטער אָנגעגאַנגען די קולטור־אויפקלערערישע טעטיקייט אין געהיים.

ריפּינער יידן זענען געווען אַן אָפּלייקענונג פון דעם בלבול וועגן יידישער פּחדנות. וועגן דער יידישער יוגנט אין ריפּין איז פאַראַן צו דערציילן אַ סך העלדישע געשיכטעס. ווען די רוסן האָבן נאָכן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה פאַרלאָזט די שטאָט, זענען די יידישע יוגנטלעכע גלייך אַריינגעטרעטן אין דער מיליץ, וואָס איז געוואָרן אָרגאַניזירט דורך די פייערלעשער. די גאַנצע יידישע יוגנט איז געווען אָרגאַניזירט אין אַ זעלבסט שוץ.

אין דער צייט פון דער מלחמה איז אין ריפּין געווען טעטיק אַ בונדישע גרופּע, וואָס האָט געפירט אַ געהיימע אונטערערדישע אַרבעט, פאַרשפּרייט פּראָקלאַמאַציעס קעגן מלחמה און אומזיסטער בלוט־פאַרגיסונג. שפּעטער, ווען עס זענען געשאַפן געוואָרן, נאָך דער מלחמה, באַדינגונגען פאַר לעגאַלער אַרבעט, האָבן די זעלבע בונדיסטן געעפנט אַ יידישע פאָלקס־שול, ווו מען האָט אומזיסט געלערנט לייענען און שרייבן. דער „בונד״ אין ריפּין האָט דורכגעפירט שטרייקן אין פאַרשידענע אַרבעטס־אונטערנעמונגען און געקעמפט פאַר אַן אַכט־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג.

אין יאָר 1928 האָט מען אויך אין ריפּין שטאַרק אָפּגעפילט דעם שווערן עקאָנאָמישן קריזיס און איך

האָב געמוזט אויסוואַנדערן קיין דאַנציג. דאָרט האָט מיך געטראָפן די מלחמה און איך מיט מיין פאַמיליע האָבן געהאַט אויסצושטיין פון די היטלעריסטן געברענטע צרות, רדיפות און קלעפּ, ביז מיר זענען דעם 26־טן אויגוסט 1940 אַוועק מיט דעם טראַנספּאָרט פון דריי און אַ האַלבן טויזנט יידן קיין רומעניע, ווו מען האָט אונדז אויפגעלאָדן אויף דער שיף „אַטלאַנטיק״.

דער ציל פון דער דאָזיקער רייזע איז געווען ארץ־ישראל. וואָכנלאַנג זענען מיר געפאָרן אויפן ים. אויף דער שיף האָבן געהערשט אומדערטרעגלעכע היגיענישע באַדינגונגען.. דערצו איז נאָך צוגעקומען די שלעכטע דערנערונג און עס האָבן זיך גענומען פאַרשפּרייטן עפּידעמיעס. פיל זענען דעמאָלט אויסגעשטאָרבן און זייערע טויטע קערפּערס האָט מען געוואָרפן אין ים אַריין.

נאָך דריי חדשים שלעפּן זיך פון איין פּאָרט צום אַנדערן זענען מיר ענדלעך אָנגעקומען קיין ציפּערן, ווו די ענגלענדער האָבן אונדז פאַרהאַלטן און אונטער אַ שטאַרקער וואַך געבראַכט אין חיפהער פּאָרט..

מיט בענקשאַפט האָבן מיר געקוקט צום ברעג, צו די כרמל־בערג, אָבער מען האָט קיינעם נישט אַראָפּגעלאָזט אויפן ברעג, נאָר גלייך אַרויפגעלאָדן אויף אַ צווייטער שיף, „פּאַטריאַ״, וועלכע האָט אונדז געדאַרפט אַוועקפירן קיין אַפריקע, אויפן אינדזל מאַוריציוס.

פלוצלונג איז אויף דער שיף געשען אַן אויפרייס און זי האָט אָנגעהויבן זינקען.. דריי הונדערט מענטשן זענען דעמאָלט דערטרינקען געוואָרן אין ים. די איבעריקע האָט מען אָפּגעפירט אין מיליטערישן לאַגער אין עתלית, ווו מיר זענען אַרומגערינגלט געוואָרן דורך אַ שטאַרקער מיליטערישער וואַך.

נאָך עטלעכע טעג איז געקומען אַ פאַראָרדנונג צוצוגרייטן זיך צום אָפּפאָרן.. אָבער מיר האָבן באַשלאָסן צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד און בלייבן ליגן נאַקעטע אין די בעטן. אָבער די ענגלענדער האָבן זיך אויף אונדז געוואָרפן מיט ווילדער צעיושעטקייט, געשלאָגן מיט גומענע שטעקנס און נאַקעטערהייט געשלעפּט די מענטשן צו די אויטאָס, וועלכע האָבן אונדז



די ערשטע יידישע פיירלעשער אין ריפין
עס זיצן פון רעכטס : מרדכי ריפינסקי, ריזש
עס שטייען פון רעכטס : משה מונטער, שמואל גאָלדרייך

אָפּגעפירט צום פּאָרט און אַרויפגעלאָדן אויף אַ שיף, וואָס האָט אונדז געפירט קיין מאַוריציוס.

דאָרט האָט מען געהאַלטן באַזונדער די מענער און באַזונדער די פרויען און קינדער, געהיטן דורך שוואַרצע פּאָליציאַנטן און ענגלישע אָפיצירן.

מיר זענען אָנגעקומען אַהין אין יאַנואַר און געטראָפן דאָרט היצן מיט אַ טעמפּעראַטור פון 40 גראַד. עס האָבן זיך אָנגעהויבן עפּידעמיעס פון טיפוס און מאַלאַריע. מענטשן זענען געפאַלן, ווי די פליגן. מיין זון, אַ יינגעלע פון ניין יאָר, איז קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן. באַלד דערנאָך איז געשטאָרבן מיין פרוי.

איך און מיין טאָכטער האָבן דורכגעמאַכט אַ שווערע מאַלאַריע און אויסגעהאַלטן.. פאַרצווייפלטע, צעבראָכענע האָבן מיר זיך אָנגעהויבן צופּאַסן צו די

נייע באַדינגונגען.. מען האָט געעפנט וואַרשטאַטן און איך האָב אָנגעהויבן אַרבעטן ביים שניידער־פאַך.

נאָך צוויי יאָר זיין אין מאַוריציוס האָב איך אָנגעהויבן צו ליידן אויף די אויגן, ביז איך בין געוואָרן פולשטענדיק בלינד.

מיין פאַרצווייפלונג איז דערגאַנגען ביז די שאַרפסטע פאָרמען. טאָג און נאַכט האָט מיך געפּייניקט דער געדאַנק: וואָס וועט זיין מיט מיין טאָכטער, מיין איינציק איבערגעבליבן קינד?

די הילף איז געקומען פון מיין שוואָגער אין זיד־אַפריקע, וועלכער האָט אַראָפּגענומען צו זיך מיין קינד, און איך בין נאָכן סוף פון דער מלחמה אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל און אַריין אין אַ היים פאַר בלינדע, וווּ איך געפין זיך ביזן היינטיקן טאָג.

ביזן היינטיקן טאָג איז אין מיר פאַרבליבן אַ בענקשאַפט נאָך מיין היים־שטאָט ריפּין, נאָך די יוגנט־פריינט און יוגנט־איבערלעבענישן. מיט פאַרלאָשענע אויגן זע איך שטענדיק אין מיין דמיון די באַליבטע פּנימער פון די ריפּינער יידן און טובל זיך אין אַ ים פון קינדערשע און יוגנט־זכרונות.

יוסף מילנער / דאקטאר און שרייבער

ד"ר ישראל פרענקל איז געבוירן אין שטעטעלע ריפּין, פּלאָצקער גובערניע, אין יאָר 1857 און געשטאָרבן אין וואַרשע אין יאָר 1910. בסך־הכל 53 יאָר, אין בליענדיקן עלטער. ער האָט געלערנט יידן ווי אַזוי היגיעניש דורכצולעבן, ווי זיך נוהג זיין, כדי צו פאַרלענגערן דאָס לעבן; און יידן סקעפּטיקער פון יענע צייטן, וועלכע האָבן געגלויבט, אַז דאָס אַלץ איז אַ „גאָט־זאַך" און קיינער איז נישט אימשטאַנד מאריך ימים צו זיין — האָבן אין זיין פּריצייטיקן טויט געזען כמעט אַן „אצבע־אלוהים"...

ווען מען וואָלט געקענט פּאָלעמיזירן מיט יענע יידן, וועלכע זענען נישטאָ מער אויף דער וועלט, וואָלט מען זיי געקענט באַוויזן, אַז טאַקע אַ דאַנק יענע טעאָריעס פון אַלערליי פרענקלס, האָט די מעדיצין געבראַכט דערצו, אַז פאַר די לעצטע פופציק יאָר האָט זיך דאָס מענטשלעכע לעבן פאַרלענגערט.

ד"ר ישראל פרענקל האָט אין יאָר 1885 פאַרענדיקט דעם וואַרשעווער מעדיצינישן פאַקולטעט, באַזעצט זיך אין דער פּוילישער הויפּט־שטאָט, און גלייך פאַרנומען אין דעם יידישן ישוב אַ וויכטיקן פּלאַץ, ווייל אַלע יידן האָבן אים שוין געקענט. דען זייענדיק נאָך אַ סטודענט, האָט ער שוין אָנגעהויבן וועכנטלעך, אין יעדן ערב־שבת־נומער פון סלאָנימסקי־סאָקאָלאָווס „הצפירה", צו שרייבן „מעדיצינישע שמועסן". קענענדיק אויסגעצייכנט אונזערע יידישע גאַסן און געסלעך, האָט ד"ר ישראל פרענקל פאַרשטאַנען, אַז מען דאַרף יידן לערנען כאָטש די עלעמענטאַרסטע באַגריפן פון היגיענע און עס שאַדט נישט, זיי אויך צוגעבן מעדיצינישע עצות, כדי זיי זאָלן זיך אָריענטירן אין זייער פיזישן צושטאַנד, איידער זיי גייען צום פּראַקטישן אַרצט. דאָס האָט נאָר געקענט פאַרלייכטערן ביידע צדדים. גאַנצע צוואַנציק יאָר האָט ער געשריבן זיינע פּאָפּולערע אַרטיקלען און געשטאַנען אויף דער וואַך. יידן האָבן אים פּשוט געבענטשט.

און ווען די אַלע אַרטיקלען זענען אַרויס אין אַ באַזונדערן בוך: „שומר הבריאות", געווידמעט פּראָבלעמען פון היגיענע און פון אָנשטעקנדיקע קראַנקייטן, האָט עס געמאַכט אַ גרויסן רושם. ס'איז זעלטן ווען אַ העברעאיש בוך האָט געהאַט אַזאַ דערפאָלג. מען האָט אים געדאַרפט איבערדרוקן אין אַ צווייטער אויפלאַגע און מענער פלעגן איבערזעצן דעם העברעאישן טעקסט זייערע פרויען, מאַמעס — זייערע קינדער. מען פלעגט אַרויסנעמען דעם „שומר־הבריאות" פון שראַנק מיט אַ יראת־הכבוד, און באַנוצן זיך מיט אים אַזוי ווי היינט, מיט אַ מעדיצינישער ענציקלאָפּעדיע. דאַרף איך צוגעבן, אַז דאָס איז פאָרגעקומען מיט העכער 60 יאָר צוריק.

אליעזר דאָמבראָווזנער, פּאַריז / דער לעצטער שבת־חנוכה

אַזוי ווי ס׳איז אַ הייליקער חוב פֿון אונדז על פּי נס לעבן געבליבענע רעשטן פֿון די פֿאַרגאַזטע און פֿאַרברענטע זעקס מיליאָן קינדער פֿון אונדזער פֿאָלק, פֿון די פֿאַרטיליקטע דורות אַלטע קהילות קדושות, צו דערמאָנען און אויפֿצולעבן זיי, וועל איך פּרוּוון גיין צוריק אַ ביסל מיט מיין זכרון און דערמאָנען כאָטש איין טאָג לעבן, איין טאָג פֿון אַ סך טעג אין אונדזער היימשטאָט ריפּין, וואָס מיר האָבן אָפּגעלעבט צוזאַמען מיט די אַלע, וועלכע זענען אַזוי ברוטאַל דורך רוצחישע הענט אַוועקגעריסן געוואָרן פֿון אונדז, אַוועקגעריסן פֿון זייער יונג־צוזאָגנדיק לעבן. איין טאָג פֿון די אַלע טעג פֿון אונדזער לעבן, וואָס האָט אויסגעפֿורעמט און אויסגעשטאַלטיקט אויף תּמיד אונדזער כאַראַקטער, אונדזער באַוווסטזיין און אונדזערע התנהגות און דעם גאַנצן מענטשלעכן באַגאַזש, וואָס מיר האָבן מיטגענומען מיט זיך אין דער גרויסער וועלט אַריין. און ווו מיר זאָלן זיך נישט געפֿינען און אונטער וועלכע השפּעות, ליגט אַלץ אויף אונדז דער חותם פֿון יענע „ערשטע טעג”. וואָס מער מיר דערווייטערן זיך פֿון זיי, אַלץ אידילישער קומען זיי אונדז פֿאָר, אַלץ שענער און פּרעכטיקער די געשטאַלטן. ווען איך דערמאָן זיך, למשל, די בית־יעקב־שול, אָנגעפֿירט דורך דער פֿרוי דאַבינסקי, ווען זי האָט אין אַ שבת מבורכים — געפֿירט די מיידלעך פֿון בית יעקב אין שול אַריין צו ראש חודש בענטשן, די איידעלע, צניעותדיקע פּנימלעך זייערע, די אויגן מיטן דורותדיקן יידישן צער, עניוות און בטחון צוגלייך, הויכע נביאישע עטיק און מאָראַל, אויף וועלכע ס׳איז באַזירט דער חינוך און די אַטמאָספֿער, אין וועלכער זיי לעבן זיך אויס טאָג־טעגלעך, איז דאָ פֿון וואָס איך זאָל גערירט ווערן. אַן אָפּשפּיגלונג פֿון זיי געפֿין איך בלויז אין אַ געמיש פֿון דער „זשאַקאָנדע” פֿון גענויאַלן איטאַליענישן מייס־טער ליאָנאַרדאָ דא ווינטשי און שטיקער פֿון שיר השירים וועגן די בנות ירושלים.

ס׳איז נישט מעגלעך פֿאַר אַ פּשוטן מענטש צו געבן אַ פֿול בילד, פֿון יענעם פֿילפֿאַרביקן לעבן מיט אירע וואָכעדיקע דאגות און שבת־יומטובדיקע פֿריידן, פֿון שטעטלדיקע צרות און פֿון דערהויבענע מאָמענטן, פּונקט ווי מען איז נישט אימשטאַנד צו שילדערן דעם פֿאַרנעם פֿונעם אומגעהויערן חורבן. אָבער אַלץ, וואָס מיר שרייבן וועגן אונדזערע נאָענטע, אַלע שטומע ווערטער אויפֿן פּאַפּיר זענען הייליק, ווי דער אייביקער טרויער אין אונדזערע הערצער.



די „בית־יעקב״־שול אין ריפּין

ערשטע שורה (פון רעכטס אויף לינקס) שטייען: מיאַדאָוניק, כהן, ביעזינסקי, צייטאַג
צווייטע שורה: בראון, מיניעווסקי, בראון, ספּעקטאָר, ראַדזיק
דריטע שורה, זיצן: שרענסקי, כהן, נאַדעל שטעכער, זאנדער, כהן

ס'איז פרייטיק פאַר נאַכט. שוין באַלד ליכט־צינדן. ס'קומט אַ שבת נישט ווי אַלע שבתים, ס'קומט דער שבת־חנוכה. דער פרייטיקדיקער יריד ענדיקט זיך מיט אַ ברען, ווי אַן איבערקערעניש. ס'איז געווען היינט אַ גוטער יריד, ווארעם ס'איז אינגאַנצן צוויי וואָכן צו ניטל. אַלע האָבן היינט גוט געלייזט, די טאַנדייטערס ווי די שוסטערס, די היטלמאַכערס און די גאַלאַנטעריע־סוחרים. העניעך נאמן האָט שוין לאַנג צענומען זיין בויד פון שניט סחורה. אויך שלמה קאַצקערס זון, וואָס דער עלטערער האַנדלט מיט לעדער און דער יונגערער מיט גאַלאַנטעריע. שעיה בייזער, שוין שבתדיק איבערגעטוען, גרייט זיך שוין אין גערער שטיבל אריין. עס קומט נאָך אַריין סטודענט אַפּצאַלן פאַר דער סחורה. שעיה בייזער שרייט אויף סטודענטן, אַז ער האָט געמעגט קומען אַ ביסל פריער, ווייל ער וועט נאָך צוליב אים קומען חלילה, צו חילול השבת.

סטודענט פאַרענטפערט זיך, אַז ער האָט נישט מער געלייזט ווי אַכציק גילדן און אַז צו דעם הונדערטער, וואָס ער באַצאָלט אים, האָט ער געכאַפּט אַ גמילת חסד פון צוואַנציק גילדן ביי קאָנסקאָוואָלסקין.. די טאָכטער פון שעיה בייזער נעמט נאָך צו ביי אים דאָס געלט, ווארעם זי ווייסט, אַז עס איז אַ סכנה צו לאָזן ביי אים, סטודענטן, דאָס געלט איבער שבת.

ביי לוקסעמבורגן הערט זיך שוין דאָס פאַרוקן די זשאַלוזיעס. די טאַנדייטערס שלעפּן גאַנצע בערג סחורה. .אסתר טראָגט אַהיים די בויד. זישע פירט נאָך אַ פאַרשפעטיקטן קונה, וואָס האָט אַ גאַנצן טאָג נישט געקענט אַדורכקומען מיט אים. אַצינד, זעענדיק, אַז ס'איז שפעט און ס'ווערט שבת, פאַרזיכערט ער אים, אַז ער וועט שוין באַצאָלן דעם פּרייז, וויסנדיק, אַז שפּעטער וועט ער קענען רעדן צו דער וואַנט.

מיטן פאַרענדיקן דעם „טאַרג״ (יריד) איז היינט

מער אַ געאייל ווי תמיד, ווייל די פרויען קענען נישט אָנצינדן פריער די שבת־ליכט, ביז זייערע מענער צינדן נישט די חנוכה־ליכטלעך, אַזוי אַז ס׳איז נישט געבליבן היינט קיין סך צו טאָן פאַר ר׳ נחום לייבוש.

די פרויען יאָגן שוין היינט אַליין אונטער די מענער... אָבער ווי זיין מנהג, באַווייזט זיך פּרייטיק־פאַרנאַכט אין גאַס די פּאַטריאַרכאַלישע געשטאַלט פון ר׳ נחום לייבוש, וואָס האָט אַ חוץ תורה גאָרנישט געזען. ר׳ נחום לייבוש, צו וועלכן יעדער האָט זיך באַצויגן מיט דרך־ארץ און געהאַט צוגלייך מורא פאַר אים, גייט פון געוועלב צו געוועלב אָנזאָגן יידן, אַז ס׳איז דער זמן פון פאַרמאַכן. צוליב דעם דרך־ארץ און מורא פאַר אים, נעמען געשעפטן זיך שנעלער פאַרמאַכן. ער, ר׳ נחום לייבוש, ווייסט אָבער, אַז נישט געקוקט אויף דעם וואָס ביי מרדכי טשאַרנאָטשאַפּקען זענען די לאָדן פונדרויסן פאַרמאַכט, זענען אָבער אינעווייניק נאָך דאָ אַ היבש ביסל קונים.

— מרדכי, — בעט זיך ביי אים ר׳ נחום לייבוש — ס׳איז שפּעט, זיי נישט מחלל שבת.

מרדכי פאַרענטפערט זיך און פּאַקט איין נאָך עטלעכע פאַר וואָלגע שקאַרפּעטקעס אַ גויע.

די ערשטע מתפללים הויבן זיך שוין אָן צו באַווייזן אין גערער שטיבל. שמואל פישל, שלמה קאַצקער, און עס קומען אָן דוד שטאַנקע, אליעזר בלומענצוויג, לוקסענבורג, שעיה ראָזנשטיין, אַלטוניע מיטן איידעם און אייניקלעך.

די מתפללים זענען כמעט אַלע מענטשן פון די מיטעלע יאָרן ביז טיפע זקנים. מען זעט שוין גאָר ווייניק יונגעלייט, ווייניק בחורים. אַזוי ווי צו מנחה איז נאָך עטלעכע מינוט — לאָזט מען זיך אַריין דערווייל אין אַ שמועס מעניני דיומא, וועגן דער פּרנסה, וואָס ווערט כסדר שווערער, וועגן פּיקעטן ביי יידישע געשעפטן, וועגן גוישע סוחרים, וועלכע קומען צו אַלץ מער און מער אין אַלע בראַנזשעס, פונעם גרעסטן ביזן קלענסטן מסחר. אויך וועגן פּאָליטיק ווערט גערעדט צו ביסלעך. וועגן היטלערן ימ״ש און וועגן דער סכנה, וואָס רוקט זיך אַלץ מער און מער פון מערב. מען גייט אַריבער צו ביסלעך אויך צו היימישע ענינים, מכוח די קינדער, וואָס זענען אַוועק אויף שלעכטע דרכים ר״ל, געוואָרן ציוניסטן, חלוצים.

בחורים און מיידלעך, פאָרן צוזאַמען אויף הכשרה, אָן השגחה, איז דאָך ממילא נישט קיין וווּנדער וואָס עס רוקן זיך אָן כסדר גזירות אויף יידן. דער פּוסק אחרון איז שלמה קאַצקער. ער באַווייזט באותות ובמופתים, אַז באו מים עד נפש, אַז ווייטער אַזוי גיין קען עס נישט. די סיטרא אחרא האָט זיך ל״ע אַריינגעכאַפּט ווי אַ קליפּה און שלעפּט מיט מיט זיך די גאַנצע יוגנט און אַז ס׳איז זיכער, אַז משיח וועט קומען בקרוב און זיין וועט שבו בנים לגבולם. דער עולם וואַשט די הענט און מען הייבט אָן צו דאַווענען מנחה.

פון אַלע עקן שטאָט ציען יידן אין די בתי־מדרשים, ווער אין שול און ווער אין בית־המדרש און אין אַלעקסאַנדערער שטיבל און אויך אַפילו אין „מזרחי". אין דער חברה תהילים, ביי יצקיה אין דעם קליינעם הייזל, דאַווענען יידן בעלי־מלאכות. דער ראש פון דער חברה תהילים איז יידל קאַוואַל און דער סטעלמאַך. עס זיצן אויף די הילצערנע בענק ביי דער וואַנט שניידערס, שוסטערס, קצבים, טרעגערס און באַלעגאָלעס. נאָר אַ סך פון זיי זענען נצרכים, וואָס בונטעווען זיך קעגן דער הערשאַפט פון די רייכע דאָזאָרעס, וואָס האָבן זיך צוגעכאַפּט צו דער קהלישער שיסל און באַלעבאַטעווען אַזוי, אַז פאַר דעם, וואָס נייטיקט זיך צומיינסטן, קומט אָן צום ווינציקסטן. דעם שבת טאָקע וועט זיין דאָ זייער היציק, ווייל דער ראַדזשיקער פריץ מיטן זאַקראַטשער פריץ האָבן אַריינגעשיקט לכבוד חנוכה האָלץ, טאָרף און קאַרטאָפל, חנוכה־געלט פאַר די אָרעמע לייט. די אַנדערע יידישע פריצים האָבן אויך אַריינגעשיקט. אפילו מזומן געלט איז אַריינגעקומען.

פּרייטיק־פאַר־נאַכט באַקומט די שול־גאַס אַ נשמה יתירה. ווי נאָר ס׳פאָרן אַוועק די לעצטע פּויערים און יידן פון אַלע עקן שטאָט לאָזן זיך אין די בתי תפילות, וואָס געפינען זיך כמעט אַלע אין דער שול־גאַס, עס זעען זיך אַרויס פון די פענצטער די שבת־ליכט. אַלע יידן האָבן געטוישט זייערע מלבושים לכבוד דעם הייליקן שבת. פון דער ליכטיקייט, וואָס גייט אַרויס פון שול, פון בית המדרש, ווערט אויך די גאַס דערפון שענער און ריינער. פון דעם פאַמעלעכדיקן גאַנג צום דאַווענען, באַקומט אויך די גאַס די שבתדיקע רואיקייט, די גאַנצע שטאָט בכלל. מיטן

אַראָפּוואַרפן פון זיך די וואָכעדיקע מלבושים, וואַרפט אויך אַראָפּ יעדער פון זיך דעם עול פּרנסה און אַלץ, וואָס איז נאָר פאַרבונדן מיט וואָכעדיקייט. דער רב מיט זיין ציכטיק פאַרקעמטער באָרד, מיטן ווידרע פּור־טער און מיט דער גאַנצער ציכטיקער הלבשה זיינער און האַלטונג, רופט אַרויס מיט זיין אַדורכקרייזן דעם מאַרק ביז צום בית המדרש, ווו ער דאַוונט אַ גאַנצן ווינטער, דרך־ארץ. הינטער אים גייט אברהם שמש.

עס שפּרייזט אויפן וועג מיכאל אברהם, דאָס קליי־נע, דאַרע יידעלע, וועמען דער רב זאָגט אַ ברייטן גוט שבת, וואָרעם ווער אין שטאָט ווייסט דאָס נישט, אַז דער איינציקער זון פון מיכאל אברהם איז געפאַרן בימי ברענער אין צוואַנציקסטן יאָר, ווי איינער פון די ערשטע חלוצים, קיין ארץ־ישראל און איז דאָרט געפאַלן ? !

אין שול פירט שמואל שמש די מלוכה מיט גרויס פּקחות. ער ווייסט ווען איינצושטילן די יונגע חברה מיט גוטן און ווען מיט בייזן. און דערפאַר האָט מען פאַר אים שטאַרק דרך־ארץ און מען פאָלגט אים. יונגע חברה ציען צומיינסט צו דער שול. אין ווינקעלע האָט מען ליב צו הערן זינגען דעם חזן מיט זיין קינדער־כאָר, צו וועלכן עס געהערן כמעט בלויז קינדער פון דער תרבות שול. סאָלאָ זינגט מרדכי לעווקאָוויטשס צען יאָריק בחורל מיט זיין געבענטשט שטימעלע.

עס פעלט אין שול שמואל זיינוול פאָזנער. ער האָט טאַקע גלייך געטאָן וואָס ער האָט אַלץ איינגעפּאַקט און עולה געווען קיין ארץ־ישראל. אין שול אָבער פעלט ער מיט זיינע דרשות, מיט מאמרי חז״ל און מיט זיין „דער מדרש ברענגט״, און בכלל מיט זיין וועקן צו בנין הארץ און אונטערצושטעלן אַ פּלייצע.

ווינטער־צייט איז נישטאָ אין שול אַזוי פיל דאַוו־נערס ווי אין זומער. דערפאַר איז אָבער אין ווינטער איבערפולט מיט מענטשן דאָס בית המדרש, ווו פון דער צווייטער זייט באַלעמער הייצט זיך דער גרויסער קאַפּלע־אויוון. עס טומלט זיך דאָרטן און דער שמש איז נישט אימשטאַנד צו באַרואיקן דעם עולם. קלאַפּט ער טאַקע אָפּט אין באַלעמער און קיינער הערט אים נישט.

אין דער „מזרחי״ זענען ווינטער־צייט פאַראַן מער דאַווענערס. דאָרטן דאַווענען : צייטאַג, גאָטלי־באָווסקי, שוואַרץ, גאַלאַנט און בכלל די אַזויגערופענע פאַרגעשריטענע. זעלטן צו געפינען ביי זיי אַ באָרד. די „מזרחי״ געפינט זיך אויפן הויף פון דער שול. אין דער וואָכנס איז דאָרטן די קהילה.

זייער אַ סך פון די אַלע דאַווענערס, פון דער שול, און בית המדרש, צי פון דער „מזרחי״, האָבן פּרייטיק־צו־נאַכטס נאָך כלערליי זיצונגען און פאַרזאַמלונגען. די אַלגעמיינע ציוניסטן מאַכן די לעצטע צוגרייטונגען צום חנוכה־באַל, וואָס קומט פאַר שבת צו נאַכט אין בנין פון דער תרבות־שול. ס׳איז אַ סוד, און אַלע ווייסן דאָס, אַז ווען נישט בער קאַטשאַר, וואָס האָט געשריבן „טובה־וועקסעלעך״, וואָלט מען דעם דאָזיקן בנין אפשר קיין מאָל נישט געקענט ענדיקן, הגם וואָס כמעט אַלע סוחרים אין שטאָט האָבן געגעבן היבש געלט. שעפּט מען טאַקע אַציגד נחת ווען מען זעט ווי חברה קליינוואַרג לאָזט זיך נאָכן לערנען אַהיים פון שול מיטן קלינגענדיקן העברעאיש, אָנגעטאָן אין די ספּעציעלע תרבות־מונדירן.

אין די ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס פילט זיך לעצטנס אַ ביסל אַן אָפּגעשוואַכטע טעטיקייט. דאָס קומט פון דעם, וואָס אַ טייל פון די אונטערגע־וואַקסענע זענען אַוועק, אָדער אויף הכשרה, אָדער עולה געווען, אָדער גאָר אַוועק דינען אין מיליטער.. עס דינען אין מיליטער : מרדכי דובנאַ, יעקב קאָפּאַ, לייבוש ברוין, וואָס זענען אַלע פון „השומר הצעיר״. עס פעלן אָנפירערס, עס פעלט גאָר באַזונדער מרדכי דובנאַ, וואָס אויף אים לייגט מען גאָר גרויסע האָפע־נונגען. אַ בחור מיט אַ טיפער אינטעליגענץ, מיט אַ שאַרפן מוח און מיט אַ גוטער פעדער. אַלע, וואָס קענען אים נענטער, ווייסן אַז עס שיילט זיך אַרויס אַן „עמע־צער״ און מיר וועלן זיין פון אים שטאָלץ. מיר זעען עס שוין היינט, פון אים און פון זיינע ביז איצט פאַר־עפנטלעכטע אַרבעטן אין העברעאישע זשורנאַלן. עפּעס פילן מיר זיך ווי שותפים צו זיין גאונות.

ווי צו געבן אַ ספּעציעלע יום־טובדיקייט דעם שענסטן שבת פון אַלע שבתים, דעם שבת חנוכה, איז אַזוי ווי מ׳וואָלט געמאַכט יד אַחת מיטן הימל, אַראָפּ־געפאַלן אַ שניי, הגם ס׳איז נישט געווען דער ערשטער

שניי, האָט ער אָבער צוגעגעבן מיט זיין בלענדנדיקער ווייסקייט אַ ספּעציעלן רייץ און אַ סך גוטע צוזאָגענישן אַז מען וועט פאַרברענגען אַ פריילעכן שבת-חנוכה.

פאַר טאָג ווערט אויפגעוועקט דאָס שטעטל פונעם אָפּקראַצן די טראָטואַרן דורך די סטרוזשעס. אויך די זון רוקט זיך אַרויס פּאַמעלעך און צעשמעלצט צו ביסלעך דעם שניי, פון וואָס עס שאַפן זיך קאַלוזשעס. זיי גיסן זיך פון די רינעס. שטובן מיט אַן אויסקוק צו דער זון עפענען די פענצטער אַריינצוכאַפּן אַביסעל זון. אויף דער שענקיעוויטש גאַס, אַנטקעגנאיבער דער „זגאָדאַ", שאַפט זיך אַ רעדל שמועסערס. עס שמועסן אברהם קאָלמאַן, איטשע גאַלאַנט, דער בונדיסט, זלמן אַנשעלאָווסקי. ס'איז אַ פּאָליטישער שמועס. מען רעדט וועגן יידישן ווידערשטאַנד. זלמן אנשעלאווסקי, דער ציוני, רעדט מכוח דעם אונטערשיד ווי אַזוי און פאַרוואָס ס'איז געפאַלן מענדל ליכטנשטיין אין קאַמף מיט די אַראַבער און נאָטע פאנטפּיל, ווי אַ זעלנער פון דער באטווין-בריגאַדע אין שפּאַניע. ער, זלמן אנשעלאווסקי, דער זייער אינטעליגענטער אויטאָדידאַקט, רעדט נישט סתם, ער באַגרינדעט, וואַרפט אָן אַ שלל מיט היסטאָרישע ביישפּילן. אים צו הילף קומט אברהם קאלמאן, אַ ציוניסט-סאָציאַליסט, באַווייזט, אַז דער יידישער צושטייער צו דער גאַנצער וועלט-ציוויליזאַציע איז גאָרנישט קיין קלײנער. ווי גוט דער יידישער צושטייער איז געוואָרן אויפגענומען און ווי שלעכט באַלוינט. אינגאַנצן אַנדערש רעדט איטשע גאלאנט. ער באַווייזט, אַז ארץ-ישראל איז אַ לייזונג בלויז פאַר יחידים און אונדזער גורל, זאָגט ער, איז אַ גלותדיקער מיר מוזן זיך איינלעבן מיט די פעלקער, צווישן וועלכע מיר לעבן און זיך צופּאַסן צו זייערע מעלות און צו זייערע חסרונות.

ד"ר בראנז איז גאָר געקומען צו פאָרן אויף אַ פויערישער בריטשקע. דערזעענדיק שטיין אַ גרופּקעלע שמועסערס — הייסט ער דעם פויער פאָרן ווייטער, אַליין, צו אים אַהיים, וואָרעם ער פירט דאָרטן, אויף דער בריטשקע אַ גוט געַנדזל, אַ קאָשיקל אייער, אַ פּאָר שטיקלעך פּוטער. עס ווונדערט זיך דער פויער, וואָס דער דאָקטאָר לאָזט אים אַליין. ער איז אַ ביסעלע נישט צופרידן פון דעם. אַ גאַנצן וועג האָט ער זיך אַראָפּגערעדט ס'האַרץ פאַרן דאָקטאָר, דערציילט אים וועגן די גויישע דאָקטוירים, ווי מען זאָל נישט רעדן צו זיי, טויג נישט. זיי ווייסן נישט אַנדערש נאָר צו זאָגן צו דעם פויער „כאַם". דער פויער צלמט זיך איבער און שווערט ביי דער הייליקער מאַריע, אַז מעג דער גלח רעדן וועגן יידן, וואָס ער וויל, אָבער ער וועט נישט האָרכן קיין מאָל אים. אָט זעט דאָך דער פּאַן דאָקטאָר, אַז עס פעלן נישט קיין קריסטלעכע דאָקטוירים, אָבער ער, גייט צו אַ ייד, ווייל יידן זענען מער „זשעטעלנע". ד"ר בראנז ענטפערט נישט קיין סך. ער זאַמלט אין זיך זיינע פּסיכאָלאָגישע אָבסערוואַציעס וועגן מענטשן, יידן און גויים, כדי אין אַ מאָמענט, ווען די צייט וועט דערלויבן אים, זיי ווי געהעריק באַאַרבעטן, און אויב מעגלעך באַקענען דעם ברייטערן עולם מיט זיי אין דער פאָרעם פון אַ בוך.

ווי אַ דונער אין אַ שיינעם, העלן זומער-טאָג ווירקט אויף די מענטשן, וואָס הערן פון ד"ר בראנז זאָגן, אַז ער גרייט זיך צו פאַרלאָזן די שטאָט. עפּעס רייסט זיך אָפּ ביי יעדן אינעווייניק. מען ווייסט, אַז דער פּלאַץ זיינער וועט טאַקע נישט בלייבן ליידיק, נאָר דעם טיפּ דאָקטאָר, וואָס עס שטעלט פאָר מיט זיך ד"ר בראָנז, לאָזט זיך גאָרנישט פאַרטרעטן. דאָס איז דער טיפּ פאָלקס-דאָקטאָר, וואָס נעמט נאָר ביים גביר, בכדי ער זאָל קענען געבן דעם אָרעמאַן פאַר זיינע רפואות און איבערלאָזן אים נאָך עפּעס אויף אַביסל עסן.

פון דער שווערער שטימונג, וואָס האָט זיך געשאַפן פון ד"ר בראנזעס ידיעה, אַז ער קלייבט זיך צו פאַרלאָזן ריפּין, שלעפּט אַרויס אַלעמען דער קליינער גלאָבוס. דערזעענדיק אַ קרענצל מענטשן גיט ער זיך תיכף אַ שטעל אַריין אין מיטן מיט זיין שטענדיקן שמייכעלע, הייבט ער אָן אַרויסשלעפּן ביכעלעך פון דער רעכטער און לינקער קעשענע פון דער בוזים-קעשענע און פון דער טעקע. און אַז מען וויל גאָר — געדענקט ער אויסנווייניק ווער מיט וועמען ס'האָט בשותפות דעם „היינט", דעם „מאָמענט", די „פאָלקס צייטונג", די „יידישע בילדער", דעם „עקספּרעס"; די „וויאַדאָמאָשטשי ליטעראַצקיע" און די „פּיאָנטאַ ראַנאָ". לויט אים, גלאָבוסן, איז די גאַנצע שטאָט רק שותפים. און דאָס איז ווייט נישט קיין ליגן. און קומען

צוויי שותפים נישט אַדורך ווער פון זיי זאָל באַקומען די ציימונג אין דער פרי — איז אויך נישט קיין אומגליק. דער עיקר מען זאָל זיך נישט אַנזאַמלען קיין צו גרויסע חובות. ער, דער קליינער גלאָבוס, געפינט שוין פאַר יעדן די נייטיקע און פּאַסיקע שותפים.

גלאָבוס קומט אין אַלע יידישע שטובן. ער זעט און פאַרשטייט, אַז דווקא די, וואָס פאַרדינען צום ווינ־ציקסטן, ווילן דווקא לייענען צום מיינסטן. און ס׳פאַר־שטייט זיך ממילא אַז מען איז נישט ביכולת אויסצו־געבן אַזוי פיל געלט און מען מוז אַנקומען צו שותפים. פאַר גלאָבוסן עקזיסטירט קיינער נישט אָן אַ שותף, אָדער גאָר מערערע שותפים און לויט ווי ער וויצלט זיך איז ריפּין אַ שותפות־שטאָט און דער הויפּט־שותף איז ער, גלאָבוס אַליין.

אין אַלע בתי תפילות האָלט מען שוין ווייט מיטן דאַווענען. אין גערער און אינעם אַלעקסאַנדער שטיבל קומען זיך שוין צונויף די מתפללים צום צווייטן מנין. אין שול און אין בית המדרש קומען נאָך אָן די יונגערע באַלעבעסלעך און יונגוואַרג קומט נאָך שפּעטער. זיי קומען ערשט צום לייענען און בלייבן אין פּאָדערהויז בכדי צו כאַפּן אַ שמועס. היינט אָבער, שבת־חנוכה, שטעלט זיך צו דער עולם פריער בכדי נישט צו פאַרשפּעטיקן דעם חזנס ציקלען זיך צוזאַמען מיט די משוררים זיינע. דער חזן גייט זיך זיין אויס־געטראָטענעם וועג. די „קדושות״ זינגט ער נאָך פון קוסעוויצקין. הלל זינגט ער פון חזן לערמאַן און אַנדערע שטיקלעך פון יאָסעלע ראָזענבלאַט און סי־ראָטאַ, מאַכן מאַכט ער עס זייער מייסטערהאַפּט. ער ווייסט ווען צו נעמען דעם עולם אויף אַ טרער. און ווען ער קומט ביי הלל צום „לא אמות כי אחיה״, חזרט ער זיך איבער עטלעכע מאָל אין פאַרשידענע חזנישע וואַריאַציעס און עס הערן זיך פון דער ווייבער־שול שטילע שלוכצן פון מאַמעס מיט מער פילבאַרע הערצער ווי מענער. און ווען שמואל שמש קלאַפּט אין באַלעמער כדי איינצושטילן די פרויען, דריקן זיי צו די קרבן מנחה־סידורים זייערע צו די אויגן. און אַזוי בלייבן אויף אייביק אויף די בלעטלעך די סימנים פון מאַמע־טרערן, וואָס עסן זיך איין אַזוי ווי וויין־

פלעקן אויף דער הגדה און צייכנס פון ליכט־טריפּעכץ אויף דער תחינה פון ליכט־בענטשן.

אַ מאַמעס האַרץ לאָזט זיך נישט אָפּנאַרן.. און דערפאַר טאַקע ווען מען איז ביי די מענער אין שול פול מיט התפעלות פון די חזנישע שטיקלעך — איז אַ גאָר אַנדערע שטימונג ביי די ווייבער אין עזרת נשים, ווייל זיי, די פרויען, פאַרלאָזן זיך נישט אויף די לשון קודשדיקע תפילות, נאָר זיי ווענדן זיך מערער צום עברי טייטש, ווו אַלץ איז דאָ אַזוי פאַרשטענד־לעך און מען מוז זיך נישט פאַרלאָזן אויפן שליח ציבור, נאָר טאַקע אַליין זיך ווענדן דירעקט צום בורא עולם אין האַרציקן יידישן מאַמע־לשון.

אינעם מויל פון די פרויען, די מאַמעס, באַקומט דער „לא אמות כי אחיה״ טאַקע דעם ריכטיקן תיקון, איז ווי אַזוי נישט פאַרגיסן קיין טרערן, ווען די גויים זענען אַזוי צערייצט און אונטערגעהעצט ? און קינדער זענען דאָך קינדער. צי קען מען דען איינהאַלטן קינדער אין שטוב ? בלייבן נעבעך מאַמעס גאַנצע וואָכן ביי נאַכט אין שטוב, נישט צומאַכנדיק קיין אויג, ווייל די קינדער זענען אַרויס שפּאַצירן, אַוועק צו באַקאַנטע, אויף אַ פאַרזאַמלונג, צי אין קינאָ און וואַרטן ביז די קינדער וועלן קומען צוריק בשלום פון גאַס. נוצן זיי אויס טאַקע די געלעגנהייט וואָס מען איז פריי פון נאָכזאָגן דעם חזן און זיי ווענדן זיך גלייך צום רבונו של עולם מיט אַ תפילה אויף יידיש, און אַפילו מיט אַן אייגן פאַרפאַסט געבעט.

נאָכן לייענען האַלט דער רב זיין דרשה לכבוד חנוכה. מיט פיל פּקחות, לומדות און פּשטות רעדט ער וועגן נס חנוכה און קומט צום אויספיר, אַז ס׳וואָלט קיינמאָל נישט געקענט קומען צום גרויסן נס חנוכה, ווען מתתיהו מיט זיינע זין וואָלטן נישט געווען אייניק, סיי במחשבה און סיי במעשה. אַריבערגייענדיק צום פּראָבלעם פון אבות ובנים, ווענדט ער זיך, דער רב, מיט אַ רוף צו די עלטערן, אַז זיי זאָלן האָבן געניג גייסטיקע גבורה מדריך צו זיין די קינדער אין יידישן גייסט און האָבן צוגלייך פאַרשטענדעניש פאַר די פּראָבלעמען פון נאַציאָנאַלן קיום, אַזוי ווי ס׳האָט אים אַוועקגעשטעלט דער היינטיקער דור.

אויך צו דער יוגנט האָט זיך געווענדט דער רב :

„איר, — האָט ער געזאָגט צו זיי — האָט גענומען אויף זיך אַ הייליקן חוב, דעם חוב פון בנין הארץ. אָבער, שמע בני מוסר אביך, וואָרעם ישראל ואוריתא חד הוא. נאָר ווען ס'וועט זיין אַ האַרמאָניע צווישן פאָטער און זון, און תורה ועבודה וועלן גיין צוזאַמען, וועלן מיר זיכער זוכה זיין צו דער גאולה שלימה.

נאָך דעם רב'ס דרשה ליידיקט זיך די שול אויס פון יונגוואַרג און שמועסנדיק פאַר דער שול וואַרטן זיי צו ביז סוף דאַווענען, בכדי צוזאַמען אַהיימצוגיין מיט די עלטערן. דאָס גיין פון דער שול, ווי דאָס גיין אין דער שול, איז איינע פון די פיל חן'עך, מיט וועלכע עס איז באַשאָנקען דער שבת. מנוחה און זאָרגלאָזיקייט איז אויסגעגאָסן אויף יעדנס פנים און אויך די שטאָט רוט. אָט איז שוין נאָכן עסן, די גאַסן זענען פול מיט שפּאַצירער, אַזש העט ביז צו די לעוויטאַנס פעלדער, ווו עס איז דאָ אַ ספּעציעל אויסגעגאָסענער פּלאַץ אויף צו ליזשוועון זיך. און חברה פרוווט טאַקע דאָס פאָרן אויף ליזשוועס מיט התלהבות, און נאָך אַ גרעסערער עולם קוקט זיך צו און האָט פאַרגעניגן. אין קינאָ־זאַל ביי ליכטערן קומט פאַר אַ רעפּעראַט און דער זאַל איז איבערפולט ביז איבער די ברעגעס. שבת ביינאַכט פאַרט דער עולם אויף שליטנס, ווער מיט פערד און ווער אָן פערד. פון דער סטאַראָסטע־געביידע, אויף דער ווידמאַכאָווע, ביז אַראָפּ צו פּלאַטעס הויז. אויך אין דער גרעסטער טייל שטובן איז פריילעך מוצ"ש חנוכה, ווו עס ווערט צוגעגרייט פּסחדיק שמאַלץ און דער ריח פון פריש געפּרעגלטע גריוון פילט זיך אין יעדן הויז און מען פאַרברענגט ביי דעם טראַדיציאָנעלן חנוכה־אָקעלע און לאַטקעס מיט טיי. אָבער דער בלוי־ווייסער באַל פון קרן קימת פאַר־ציט זיך ביז אויף צומאָרגנס פאַרטאָג. ווייל עס איז אָנגענעם צו פאַרברענגען אין דעם גרויסן זאַל פון תרבות, ווו פון אַלע ווענט רעדט אַראָפּ דער חלום פון דער צוקונפטיקער יידישער מדינה.

קיין צווייטן חנוכה האָבן מיר יידן אין ריפּין נישט געפייערט. עס האָט זיך אַראָפּגעלאָזן די האַק פון היטלערן ימ"ש, וואָס האָט אָפּגעשאָפט יעדן שפור פון יידיש לעבן אין ריפּין.

ט ו ב י ה כ ב י ר י / אונזערע מלמדים

הערשל מלמד

(ר' הערשל סטאַשעווסקי)

דאָס איז געווען אַ ווינטערדיקער טבת־טאָג. אָנגעטאָן אין אַ וואַרעם פּעלטנדל מיט אַ קאַפּטער אויפן קאָפּ, די הענט פאַרשטעקט אין איינפינגערדיקע געשטריקטע הענטשקעס; וועלכע זענען געווען צוגעבונדן מיט אַ בענדל, פאַרוואָרפן אויפן אַקסל — בין איך, אָנהאַלטנדיק זיך אין מיין מוטערס האַנט, אָפּגעפירט געוואָרן אין חדר צו הערשל מלמד.

דאָס איז געווען אינעם טאָג, ווען איך בין אַלט געוואָרן דריי יאָר. אַזוי איז געווען דער מנהג אין אונזער משפחה.

אין אַ נידעריק האַלצערן הייזל, אין דער שול־גאַס, האָט מיר מיין מוטער געעפנט די טיר און איך האָב דערזען פאַר זיך אַ גרויסע שטוב פול מיט קינדער פון פאַרשידענעם עלטער. באַלד האָבן מיך די קינדער אַרומגעשטעלט אין אַ קרייז און אָפּגעמאָסטן מיך ווי אַ הון, וואָס איז פּלוצים אַריינגעפאַלן אין אַ פרעמדער שטייג.

דער רבי האָט איבערגעריסן זיין לערנען, צו־געגרופן די רביצין און ביידע האָבן מיך אַוועקגעזעצט אויף אַ בענקל ביים טיש, אַרויפגעלייגט אַ סידור און טייטלענדיק אויף די גרויסע אותיות פון אַלף־בית געזאָגט:

„יינגעלע, אַז דו וועסט גוט לערנען, וועלן אַלע גוטע מלכים צו דיר קומען און וועלן זיך שטענדיק פאַר דיר באַמיען. איצט זאָג נאָך, יינגעלע, אַלף, בית, גימל".

איך האָב אים געהאָרכזאַם נאָכגעזאָגט און פון אויבן, איבערן קאָפּ, האָבן זיך אַ שאָט־געטאָן ציקערלעך און מאַנדלען. די קינדערלעך אַרום מיר האָבן זיך אַ לאָז־געטאָן כאַפּן די אַלע גוטע זאַכן. פאַר מיר, ספּעציעל, האָט זיך פון אויבן אַראָפּגעלאָזט אַזאַ מין פּושקעלע, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ זייגערל און עס איז געווען פול מיט קאָלירטע צוקערלעך.

„דאָס האָט דער מלאך — אַזוי האָט געזאָגט דער רבי — דיר געשיקט אַ באַזונדערע מתנה״.

מיין מוטער האָט מיך אַרומגענומען, מיך אויסגעקושט און זיך דערביי צעוויינט.

אין חדר איז געשטאַנען אַ לאַנגער טיש און פון ביידע זייטן לאַנגע בענק, אויף וועלכע עס זענען געזעסן די גרעסערע חומש־און גמרא־תלמידים. אויבנאָן, אויף אַ שטול, איז געזעסן דער רבי מיטן קאַנטשיק און מיט אַ ניגון געחזרט די פּרשה.

אין איבעריקן טייל צימער האָבן מיר, קליינוואַרג, פאַרברענגט אין פאַרשידענע שפּילן. נעבן דער וואַנט איז געזעסן די רביצין און זיך פאַרנומען מיט שיילן קאַרטאָפל, מייערן, מיט רייניקן פיש. דערביי פלעגט זי אויף אונז האַלטן אַן אויג, אַז מיר זאָלן זיך נישט צעשלאָגן, נישט צעדראַפּען איינער דעם צווייטן.

די רביצין איז געווען געבענטשט מיט אַ באַזונדערן כוח פון רעדן און שטענדיק געהאַט טענות צום מאַן, וועלכער איז געווען אַ גוטהאַרציקער מענטש. נאָר ווען דער רבי איז אַריין אין כעס און זיך צופיל „צעלאָזט״ איבער אַ תלמיד, האָט זי זיך אַריינגעמישט און דאָס יינגל אַרויסגעריסן פון זיינע הענט.

דער רבי ר׳ הערשל, אַ הויכער ייד, מיט אַ לאַנגער באָרד, פלעגט פון צייט צו צייט איבעררייסן דאָס לערנען מיט די „גרויסע״ און צורופן איינעם פונעם קליינוואַרג צו אַ באַזונדערן טיש, וועלכער איז באַשטאַנען ביים פענצטער, אויפמישן אַ סידור און טייטלענדיק מיטן טייטלהאָלץ הייסן איבערחזרן קמץ אַלף אָ. אָ. אַ. וו.

געענדיקט מיטן אַלף־בית זענען מיר צוריק צום שפּיל. ווער עס האָט נושא־חן געווען ביי דער רביצין האָט זי אים צוגעוואָרפן אַ בלאָז פון אַ פּישל, אָדער ווי מיר האָבן עס גערופן אַ „גזלן״, אַ טרעט

געטאָן מיטן פיסל, אַז ס׳האָט זיך געהערט אַ קנאַל, וואָס האָט איבערגעשראָקן דעם רבין.

אין זעלביקן צימער נעבן איינגאַנג איז געווען די קיך. דערנעבן איז געווען די טיר פון דער וווינונג, וואָס איז באַשטאַנען פון איין צימער. די טיר האָט זיך פאַרוקט און בעתן וויזיט פון רעגירונגס־אינספּעקטאָר האָט מען דאָרט באַהאַלטן די איבעריקע קינדער, וואָס זענען געווען איבער דער געזעצלעכער צאָל.

אונזער אויפגאַבע איז אויך געווען צו גיין קריאת־שמע־לייענען ביי די קימפּעטאָרינס, אַוועקשטעלן זיך נעבן בעט, וואָס איז געווען פאַרהאַנגען מיט אַ פאָרהאַנג און זאָגן שיר־המעלותן מיט אַ ניגון „אל מלך נאמן, שמע ישראל״ און אַנדערע ספּעציעלע שפּרוכן צום פאַרטרייבן אַלע בייזע רוחות.

שוין בין איך פינף יאָר אַלט, לערן שוין „שנים אוחזין בטלית״. עס איז דורך נאָך אַ יאָר און די עלטערן האָבן באַשלאָסן, אַז הערשעל׳ס חדר איז שוין נישט פאַר מיר.

ר׳ אברהם־אהרן

(אברהם אהרן בענזול ז״ל)

אַריבער דער יום־טוב סוכות מיט זיין באַזונדערן חן און גאַנצע ניין טעג פרייהייט, זאָגט די מאַמע: „גענוג זיך געשפּילט און אַרומגעשטיפט. איצט ביסטו שוין אַ גמרא־בחור״. דערביי האָט זי מיר אָנגעשטאָפּט פולע קעשענעס מיט גוטע זאַכן און מיך געשיקט אין נייעם חדר.

דאָ האָט שוין געהערשט אַן אַנדערע אַטמאָספער. אַלע תלמידים זענען געזעסן אויף בענק אַרום טיש און דער רבי איז געשטאַנען מיט איין פוס אויף אַ שטול און מיט דער לינקער האַנט געהאַלטן אַ לאַנגע לולקע, פון וועלכער ער האָט כסדר געפּיפּקעט.

איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אויף מיין פּלאַץ, דערווייל אַלס פרייער צוהערער. זיי האָבן דעמאָלט געלערנט די פּרשה פון בריאת־העולם. איך בין געזעסן מיט אַן אָפן מויל, באַצויבערט פון די בילדער, וועלכע דער רבי האָט געשילדערט, ווי די ערד, הימלען, וואָלקנס און ימען האָבן געקאָכט און געזידט

און דער כוח אלוהים האָט געשוועבט איבער דעם גאַנצן תוהו ובוהו.

כאָטש דער גורל פון אַלע תלמידים האָט מיך אויך נישט געמיטן, און דער קאַנטשיק מיט זיינע לאַקשן איז אויף מיינע פּלייצעס געווען אַן אָפּטער באַזוכער, האָבן מיר, יונגערע און עלטערע, אונזער רבין אויף אַ באַזונדערן אופן ליב געהאַט און רעספּעקטירט. צוליב זיינע מעשיות, וועלכע ער פלעגט דערציילן מיט אַ באַזונדערן טאַלאַנט.

ר׳ אברהם־אהרן האָט אויך נישט אונטערשיידט צווישן רייכע און אָרעמע קינדער. די חסידישע קינדער האָט ער גערופן „כתר יינגלעך״, ווייל זיי זאָגן די קדושה „כתר יתנו לך״ אַנשטאָט „נעריצך״ ווי ביי די מתנגדים.

געלערנט האָבן מיר דאָרט גמרא מיט רש״י, חומש און נביאים. נאָר דאָס געשמאַקסטע לערנען איז ביי אים געווען דאָס טרעפן זיך פון די ברידער מיט יוספן אין מצרים, דאָס בענטשן פון יעקב אָבינו זיינע קינדער אויפן טויטן בעט, די פּטירה פון משה רבינו דאָ פלעגט ער צוהילף ברענגען די פאַרשידענע מדרשים און מיט זיין רייכער פאַנטאַזיע וואָרפן בילדער נאָך בילדער, וואָס האָבן פאַרכאַפּט דעם אָטעם.

ר׳ אברהם אהרן איז געווען באַליבט ביי די תלמידים, אפילו ווען זיי זענען שוין געווען דערוואַקסענע בחורים. ווען מען האָט אים באַגעגנט אין גאַס שוין אַלס „גרויסע״ פלעגט אים יעדער אָקעגנטראָגן זיין „גוטמאָרגן״ מיט אַ באַזונדערן שמייכל און אויפריכטיקער וואַרעמקייט.

ח ז ק ע ל ׳ ע

(ר׳ יחזקאל וואַרשאַווסקי)

אַ גאַנץ אַנדערן כאַראַקטער האָט געטראָגן דאָס נייע חדר. קודם כל האָט עס זיך געפונען אין אַ גאַנץ אַנדערער געגנט, נישט אין דער שול־גאַס, ווו עס האָבן זיך געפונען די איבעריקע חדרים, נאָר אין הויז פון סוחר כאַרונזיק. דאָס איז געווען אַ גרויס צימער, ווו די ווענט האָבן געטראָגן אויף זיך די העכערע שטאָקן און געווען זייער דיק, געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ פעסטונג. רעכטס פון איינגאַנג האָט געהאַנגען אויף דער וואַנט אַן אַלטמאָדישער זייגער מיט געוויכטער. קעגנאיבער איז געשטאַנען אַ לאַנגער טיש מיט בענק פון ביידע זייטן, און איבער אים זענען געהאַנגען די בילדער פון צאַר ניקאָלאַי מיט דער צאַרין.

דער רבי, פון נידעריקן וווקס, מיט אַ לאַנגער ווייַסער באָרד און געדיכטע ברעמען, פון אונטער וועלכע עס האָבן אַרויסגעקוקט אַ פּאָר לאַכנדיקע אויגן, איז געגאַנגען אַרויף און אַראָפּ לענגאויס ביידע זייטן טיש און געלערנט דעם שיעור. אַלע תלמידים האָבן זיך געשאָקלט און נאָכגעזאָגט מיט אַ הויכן ניגון.

נאָכן ענדיקן איינדערפרי דעם פּשוטן „שיעור״, ד. ה. גמרא מיט פירוש רש״י, איז מען אַוועק צען אַ זייגער אין אַ ספּעציעלער שול אונטער דער לייטונג פון לערער לעוו, עס זענען זיך צונויפגעקומען תלמידים אויך פון די איבעריקע חדרים. דאָרט האָט מען געלערנט אַלגעמיינע לימודים, ווי רוסיש, פּויליש, דייטש א. אַ. וו. אויב פאַר די עלטערן איז עס געווען אַ שווערע גזירה, ביטול תורה, איז עס פאַר אונז געווען אַן אָפּפרישונג און פאַרגעניגן. לערנען אין ביכער מיט בילדער, זינגען און דעקלאַמירן איז געווען לייכטער ווי איינבייסן די סוגיא פון אביי ורבא. היינט דאָס גיין אין שול אין מיטן טאָג. דאָס באַגעגענען זיך מיט אַנדערע יינגלעך. ווער שמועסט נאָך, אין אַ מאַרק־טאָג און מ׳קוקט זיך דערוויל צו צום האַנדל־וואַנדל צווישן די שטענדערס אין מאַרק. עס מאַכט זיך, אַז מ׳האָט מזל און מען טרעפט אָן אויף אַ מיליטערישן פּאַראַד מיט מוזיק.

דעם צווייטן האַלבן טאָג, ביז אַכט, האַלב ניין אין אָוונט, האָט מען געלערנט „שיעור״, דאָס הייסט גמרא מיט רש״י און תוספות.

ביי ר׳ יחזקעלען האָבן שוין געלערנט דורכגעזופטע תלמידים און פון פאַרשידענע שיכטן. איז איינער פון די תלמידים בר־מצוה געוואָרן, האָט ער אויסער די הפטורה געמוזט זאָגן אַ „פּשטל״, וואָס זאָל בליצן מיט חריפות. ר׳ יחזקאל האָט אויך געפירט אַ באַזונדערן „שיעור״ מיט עטלעכע תלמידים, וועלכע זענען געקומען אין חדר צוויי שעה פריער פון די איבעריקע תלמידים אויף אַ באַזונדערן שיעור מיט מער מפרשים.

דער גרעסטער טייל תלמידים האָט פאַרלאָזט ר׳

יחזקאל׳ס חדר שוין נאָך די בר־מצוה־יאָרן און זיי זענען אַרויס צו אַ ניי לעבן.. ווער צוהעלפן די עלטערן אין מסחר, ווער לערנען אַ פאַך. אַנדערע זענען אַוועק לערנען אין אַ ישיבה. קיין העכערער מלמד אָדער ישיבה איז אין שטעטל נישט געווען.

ר׳ מיכאל בענדקאַווסקי

אַ שאַרפער למדן מיט אַן אייגנאַרטיקער שיטה מפרש צו זיין די שווערסטע סוגיות אויף אַ לייכטן אופן. ביי ר׳ מיכאלן האָט מען שוין געלערנט דעם שיעור מיט מער מפרשים ווי: רש״י און תוספות. יעדע וואָך שבת צום „פאַרהערן" צוגעגרייט אַ „פשטל" מערסטנס געשטיצט אויפן „חדושי הרי״ם". אַ געלאַסענער און רואיקער מענטש, האָט ער אַרויסגערופן ביי זיינע תלמידים יראת הכבוד. ער איז אויך געווען אַ בעל־מוסר. אַז אַ תלמיד האָט אויפגעשטעלט די אויערן ווען דער וואַנט־זייגער האָט אין צווייטן צימער אויסגעקלונגען די שעה, פלעגט ער זאָגן:

„קינדערלעך, דער זייגער איז אַ מוסר־ספר. יעדער קלונג דערמאָנט אונז, אַז עס האָט זיך דערנענטערט נאָך אַ שעה צו שטעלן זיך צום בית־דין של מעלה".

זיין חדר איז נאָר געווען אַ צייטווייליקער און האָט נישט געהאַט דעם ערך פאַרן שטעטל ווי די אויבנדערמאָנטע חדרים, וואָס האָבן דערצויגן אייניקע דורות און געלאָזט אויף יעדן זיין באַזונדערן חותם.

חוץ די דערמאָנטע חדרים זענען אויך געווען אַנדערע וואָס האָבן געלערנט קינדער פון ביידע געשלעכטער, ווי אליעזר־יהודה און זיין פרוי, דער לאָמזשער מלמד מיט זיין פרוי, ר׳ שלמה מגיד דער „דאַבּרינער", וואָס האָט מער אַכט געלייגט אויפן תנ״ך. ר׳ יצחק משהס חדר, די תלמוד־תורה. עס איז כדאי צו דערמאָנען, אַז חוץ די אַלע רעליגיעזע חדרים זענען אויך געווען פריוואַטע מלמדים, געקומענע פון אַנדערע שטעט, וואָס האָבן געלערנט מיט קינדער, פאַר וועלכע ס׳איז שוין נישט געווען קיין אָרט אין חדר. איינער פון זיי איז מיר באַזונדערס איינגעקריצט אין זכרון, גערופן האָט מען אים ר׳ זאַנוול דער „פרוש", אין די ערשטע דרייסיקער יאָרן, געהאַט אַ ברוין בערדל, געגאַנגען אָנגעטאָן אין אַ לאַנגן שניטראָק און פון אויבן אַן אַלפּאַגענע קאַפּאָטע, וואָס האָט דערגרייכט כמעט ביז צו די זוילן. אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַזאַ מין גרויסן קאַשקעט, וואָס מיר האָבן גערופן „דענגע", איר אויבערשטער טייל איז געווען פיל ברייטער פונעם אונטערשטן. ער האָט זיך באַזונדערס אָפּגעגעבן מיט די יונגערע בחורים און געפּרעדיקט זיי מוסר..

„...ווען גייענדיק אין גאַס באַפאַלן דיך זינדיקע געדאַנקען, וואָס ווילן דיך נישט פאַרלאָזן, נעם דיר אין זין, אַז די שענסטע זאַך ווערט אויך שפּעטער פאַרוואַנדלט אין אַ טויט שטיק פלייש. ווייל די הויט און די פאַרב איז נאָר אַ פאַרבלענדעניש צו רייצן און ברענגען דעם מענטש צו הירהורי עבירה!".

מיט אַ פלאַטערנדיק האַרץ דערמאָן איך די דאָזיקע אַלע געשטאַלטן, וועלכע זענען פאַרשוואונדן צוזאַמען מיט די מיליאָנען קרבנות פון אַלע אַנדערע יידישע שטעטלעך אין פוילן, צוזאַמען מיט זייערע צענדליקער און הונדערטער תלמידים, וועלכע זיי האָבן דערצויגן און איינגעפלאַנצט אין זיי די ליבע צום פאָלק און אויך דעם גייסט פון גבורה און ווידערשטאַנדספעאיקייט, וואָס האָט זיי באַגלייט אויף די וועגן פון יסורים און ליידן. בלויז אַ קליינעם טייל איז געלונגען זיך אָפּצוראַטעווען פון דעם אשמדאיס נעגל. אַלע אַנדערע זענען אויף אַן אַכזריותדיקן אופן אומגעקומען אין זייער שיין געבורטס־שטעטל, אין די געטאָס און לאַגערן, און ס׳רוב נישט איבערגעלאָזט נאָך זיך קיין צייכן, קיין שפור. אָבער אין אונדזער זכרון וועלן זיי אויף אייביק בלייבן ווי ניצוצות פון קדושה, וואָס וועלן קיינמאָל נישט פאַרלאָשן ווערן, די פונקען, וועלכע מיר האָבן אַרויסגעטראָגן פון יענע חדרים און מלמדים, וועמענס אָנדענק וועט אויף אייביק בלייבן הייליק און טייער..

שמואל כהן /

דער „מזיק“

נישט געקוקט דערויף, וואָס מען האָט אים גערופן דער מזיק, איז קיינעם נישט איינגעפאַלן צו קוקן אויף אים ווי אויף עפּעס אַ שעדיקער. ער איז געווען אַ מענטש מיט גוטע מידות און אַלץ, וואָס מען האָט וועגן אים צו דערציילן, באַשטייט בלויז פון שבחים. ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין מסירות נפש, אַקעגנצושטעלן זיך די שונאי ישראל, וואָס האָבן געפּרווט אָנפאַלן אויף אַ ייד; איז שטענדיק גרייט געווען ריקזיכטסלאָז צו פאַרטיידיקן יידישן כבוד, ווען ער איז געווען אין געפאַר.

דערמאָנענדיק זיין געשטאַלט קומען אויף זכרונות פון די קינדער־יאָרן און יוגנט־יאָרן, וואָס זענען נאָך פון חדר אָנגעזאַפּט געוואָרן מיט אידעאַלן פון גבורה און העלדישקייט, מיטן שטאָלץ פון אונדזערע גרויסע און העלדישע אָבות.

די יידישע יוגנט אין ריפּין האָט זיך פון שטענדיק אָן אויסגעצייכנט מיט איר ווירדיקער האַלטונג, שטענדיק ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַן אַנטיסעמיטישער אַרויסטרעטונג. אין יענער צייט, פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען ריפּין האָט זיך געפונען אונטער דער צאַרישער הערשאַפט, איז דער אַנטיסעמיטישער איינפלוס צווישן דער פּוילישער באַפעלקערונג געווען אַ שטאַרקער, באַזונדערס אין דער תקופה פון בייליס־פּראָצעס. אַ שוידערלעכער בלוט־בלבול, וואָס איז אויסגענוצט געוואָרן דורך די שוואַרצמאהדיקע כוחות אין צאַרישן רוסלאַנד און האָט זיך געלאָזט פילן אויך אין ריפּין.

מיר, קינדער, האָבן עס באַזונדערס אָפּגעפילט אין די שבתים, ווען מיר פלעגן שפּאַצירן הינטער דער שטאָט, ס׳רוב אין דער ריכטונג פונעם שפּיטאָלגאָרטן, ווו דער וועג איז געווען פול מיט געפאַרן. די שקצים פון דער געגנט פלעגן אונדז אָפּוואַרטן און באַוואַרפן מיט שטיינער, גאָר אָפט איז געקומען צו געשלעגן פּנים־אל־פּנים. דעמאָלט איז פּלוצום אויסגעוואַקסן דער מזיק און די שקצים האָבן גלייך דערפילט זיין שטאַרקע האַנט, וואָס האָט אויף זיי אָנגעוואָרפן אַ שרעק.

ווען די לאַגע איז געוואָרן גאָר ערנסט האָט דעמאָלט דער מזיק אָרגאַניזירט אַ גרופּע אנשי־חיל, זיי באַוואָפנט מיט פייפלעך און צעשטעלט אויף באַזונדערע סטראַטעגישע פונקטן. ווען עס האָט זיך דערנענטערט די געפאַר, האָט איינער דעם צווייטן, דורך אַ פייף, איבערגעגעבן די באַוועגונגען פונעם שונא און אָרגאַניזירטערהייט, אונטער דער אָנפירונג פונעם „מזיק“ איז אָפּגעשטויסן געוואָרן דער אָנגריף.

ווידער געדענקט זיך, שוין אין די שפּעטערדיקע יאָרן, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען פּוילן האָט באַקומען מלוכהשע זעלבשטענדיקייט און צו די ערשטע „שפּילן“ פונעם זעלבשטענדיקן פּוילישן מיליטער האָט געהערט דאָס שניידן יידישע בערד.

אין אַ זומערדיקן פרימאָרגן האָבן זיך אויפן מאַרק באַוויזן פּוילישע זעלנער און געוואָרפן זיך אויף די יידן, געשלאָגן, געראַבעוועט.

אין שטאָט איז געוואָרן אַ פּאַניק. אָבער מיט אַ מאָל האָט מען דערזען ווי אַ הויכער פעסטער סאָלדאַט שטעלט זיך אַוועק ווי אַ מויער און לאָזט נישט צו אַנדערע פּוילישע סאָלדאַטן וואַרפן זיך אויף די יידן.

די זעלנער זענען געווען צעיושעט און נישט געקענט פאַרשטיין וואָס פאַר אַ משוגעת איז עס אַריין אין א „זייעריקן“ צו פאַרטיידיקן די יידן. זיי האָבן געפּרווט אים איבערצייגן מיט גוטנס און מיט בייזנס, אָבער יענער האָט, פאָכנדיק מיט זיינע פויסטן, געדראָט מיט קלעפּ יעדן, וואָס וועט אָנרירן אַ ייד.

גיך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז אונזער מזיק, וואָס האָט אין דער לעצטער מינוט אָפּגעהאַלטן די סאָלדאַטן פון זייערע מעשים און אויסגעמיטן אַ פּאָגראָם.

הענא גוטענטאַג / **שבת און יום־טוב**

א גאַנצע וואָך איז יעדער איינער געווען פאַר־האָרעוועט, ווער מער, ווער ווייניקער, זאָרג האָט קיינעם נישט געפעלט, די גרויסע סוחרים ווי די קליינע, וועמען עס האָט געפעלט אויף אַ וועקסל צו צאָלן, און וועמען ס׳איז אַ קונה אַוועק צו זיין קאָנ־קורענט. נאָר דערפאַר פרייטיק־פאַרנאַכט, אַז ר׳ נחום לייביש איז אַרויס אין גאַס און איז געגאַנגען פון געשעפט צו געשעפט און דערמאָנט, אַז עס איז שוין צייט ליכט צו צינדן, האָט מען טאַקע גלייך פאַרהאַקט די געשעפטן, אַוועק אַ היים, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די וואָכעדיקע קליידער און אויס מיט אַלע זאָרגן. אויס מיט דער נידערגעשלאָגנקייט.

אַ ליכטיקע פרייד האָט יעדן באַהערשט, דער טיש מיט דעם ווייסן בלאַנקענדיקן טישטוך באַדעקט און מיט די גלאַנצענדיקע לייכטער צום ליכט־בענטשן, האָבן היימלעך אָקעגן געוווּנקען, און ווער האָט שוין דעמאָלט אין זינען געהאַט וועקסלען! עס איז שבת! נאַטירלעך, עס זענען שוין געווען צוגעגרייט אויך די בעסטע מאַכלים, אַפילו ביי אַן אָרעמאַן, ווייל אַ גאַנצע וואָך איז מען אָפּגעקומען מיט וואָס עס איז, נאָר אויף שבת האָט זיך יעדער באַמיט עס זאָל זיין וואָס בעסער. יעדער איינער האָט פאַרברענגט דעם שבת אויף זיין שטייגער, ווער עס איז געגאַנגען אין שול, ווער אין שטיבל. שבת־בייטאָג האָט אויך די ציוניסטישע אָר־גאַניזאַציע איינגעאָרדנט פאַרלעזונגען און עס זענען געקומען פיל צוהערער. אַנדערע ווידער זענען גע־גאַנגען אין בית־המדרש הערן אַ מגיד, אָדער סתם שפּאַצירן.

ביי די חסידים איז נאָך געווען איינגעפירט צו פּראַוון מלוה־מלכה, כדי אויפצוהאַלטן לענגער דעם שבת. ס׳איז מיר פאַרבליבן אין זכרון ווי־אַזוי די חסידים האָבן געפּראַוועט מלוה מלכה ביי אונז אין שטוב: נאָך הבדלה מאַכן, יעדער ביי זיך אין שטוב,

האָבן זיי זיך אָנגעהויבן צוזאַמענקומען, די באַלעבאַטע, וואָס ביי איר איז די מלוה־מלכה פאַרגעקומען, האָט צוגעגרייט אַ באָרשט מיט קאַרטאָפל און אַ פלוימען־צימעס. באַזונדער האָט זיך יעדער איינער מיטגע־בראַכט די מלוה מלכה פון זיין שטוב, וואָס איז באַ־שטאַנען אין אַ טעלערל מיט פיש, צוגעדעקט מיט אַ צווייטס, און אויף דעם אַ טעלערל מיט פלייש, אַלץ איינגעוויקלט אין אַ ספּעציעלער פאַטשיילע. אין קיך אויף דעם טיש זענען געווען אַוועקגעשטעלט צוויי שיסלען און יעדער האָט זיין פּאָרציע אַליין אַהין אַריינגעלייגט. אין איין שיסל די פיש און אין דער צווייטער — דאָס פלייש. און זיך צוגלייך איינגעבונדן זיינע טעלערלעך אויף צוריקצונעמען אַהיים.

ווען איך בין עלטער געוואָרן האָב איך ערשט אָנגעהויבן צו באַגרייפן, וואָס פאַר אַ גרויסקייט עס האָט געשטעקט אין דעם וואָס דאָס געבראַכטע איז צוזאַמענגעלייגט געוואָרן. דאָס איז געמאַכט געוואָרן ספּעציעל, כדי מען זאָל נישט וויסן ווער וואָס האָט געבראַכט, ווייל נאַטירלעך האָט דער גביר געבראַכט אַ גרויס שטיק פיש און אַ גרויס פערטל הין, צי גאָר אַ געבראָטענע קאַטשקע, און דער אָרעמאַן האָט גע־בראַכט אַ קליין פישעלע און אַ פיצעלע רינדערן פלייש.

נאָכן עסן האָבן אַלע, יונג און אַלט, זיך גענומען צו אַ ריקודל, האַנט אויף אַקסל, און געטאַנצט מיט עקסטאַז, מיט התלהבות, און צוגעזונגען מיט האַרץ און נשמה. אַזוי האָט מען געוואָלט וואָס לענגער אויפ־האַלטן דעם שבת קודש...

פריש אין זכרון זענען מיר פאַרבליבן די אַלע פייערונגען פון אונזערע שיינע שבתים און ימים טובים, און אויך די אַלע מענטשן, וואָס האָבן זיי געפייערט. פריש איז אויך די ווונד אין האַרץ, די ווונד, וואָס וועט שוין קיינמאָל נישט פאַרהיילט ווערן.

הענא גוטענטאַג / דער טראַגישער פרייטיק

גאָרנישט לייכט קומט אָן צו באַשרייבן אונזער טייער, אומפאַרגעסלעך געבורט־שטעטל ריפּין. שוין צענדליקער מאָל ווי איך הייב אָן צו שרייבן און די טרערן שטיקן, שטעכן. עס עקבערט דער געדאַנק, אַז ווען איך וואָלט געווען פון די געליטענע, פון די על פּי נס געראַטעוועטע, וואָלט מיר אפשר לייכטער אָנגעקומען דאָס שרייבן. ווער האָט זיך עס געקאָנט פאָרשטעלן, אַז דער ציוויליזירטער דייטש וועט זיין אַזוי שרעקלעך גרויזאַם — איבערהויפּט מיר, ריפּינער, וואָס מיר האָבן דאָך געקענט דעם דייטש, בעסער געזאָגט, מיר האָבן געמיינט אַז מיר קענען אים פון דער ערשטער וועלט־מלחמה אין 1914. דעמאָלט האָבן מיר דאָך גלייך דעם ערשטן טאָג פון דער מלחמה געהאַט דעם דייטש אין ריפּין, און אַז ער האָט געדאַרפט צוריקטרעטן האָבן יידן געציטערט, ווייל מיר האָבן געהערט פון אַנדערע שטעט, אַז די רוסן קומען אָן, נעמען זיי זיך גלייך צום ראַבירן און שלאָגן יידן; דאַקעגן האָבן פּאָליאַקן געציטערט פאַר דעם דייטש. עס געדענקט זיך אַן עפּיזאָד:

לאָנדענצקי, דער קיילער, איז אַ לענגערע צייט געלעגן באַהאַלטן מיט זיין פאַמיליע ביי זיין יידישן שכן צלאל קאהרע. די ערשטע וואָך פון דער מלחמה האָט דער דייטש געמוזט צוריקטרעטן, ווייל עס זענען צוריקגעקומען די רוסן, און אויף די פּיאַסקעס האָט אַ פּאָליאַק פון אַ פענצטער אויף זיי געשאָסן. אַכט טעג זענען דעמאָלט די רוסן געווען אין ריפּין, און האָבן געמוזט אָפּטרעטן. אין דאָבזשין איז דעמאָלט געווען אַ יידישער בירגערמייסטער, האָט ער צו וויסן געגעבן אין ריפּין, אַז דער דייטש קומט מאָרגן צוריק — און מען וועט באָמבאַרדירן ריפּין, ווייל די ציווילע באַפעלקערונג האָט אויף זיי געשאָסן, און מען וועט אויך דאַרפן צאָלן אַ גרויסע קאָנטריבוציע. דאָס איז געווען אַ פרייטיק, און דער טאָג איז דעמאָלט פאַרצייכנט געוואָרן אַלס דער טראַגישער פרייטיק.

די גאַנצע באַפעלקערונג האָט דאַן גענומען וואַנדערן אויף די פעלדער. אין שטאָט האָט מען מורא געהאַט צו פאַרבלייבן. צומאָרגנס, שבת פרי, איז טאַקע דער דייטש אָנגעקומען, מיט אויסגעשטרעקטע ביקסן, גלייך צו שיסן... האָבן זיך צוזאַמענגענומען עטלעכע ענערגישע און געוואַגטע יידן און זיך געמאָלדן צום קאָמענדאַנט, אונטערצוהאַנדלען מיט אים ווי גרויס די קאָנטריבוציע דאַרף זיין. און אַז זיי זענען פאַרטיק געוואָרן, האָבן זיי זיך גלייך געלאָזט אין גאַס אַריין און צונויפגעזאַמלט די סומע, אַ גענוג גרויסע, און דאַן האָט שוין יעדער געקענט צוריק קומען צו זיך אַהיים.

אַ צווייט מאָל, ווען די דייטשן האָבן ווידער געמוזט אָפּטרעטן, האָבן זיי אונטערגעצונדן די הייזער אין אַלע עקן שטאָט, און דאָס פייער האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט. עס איז געווען אַ שרעקלעכער ספּעקטאַקל, אָבער קיין יידן האָבן דעמאָלט נישט געליטן. דאָס איז פאָרגעקומען אָנהייב מלחמה, אָבער שפּעטער, ווען דער דייטש האָט זיך פאַרפעסטיקט, האָט זיך שוין געלעבט נאָרמאַל.

אין די אַרומיקע שטעט האָט מען געשמועסט, אַז ריפּין איז אַ מזלדיקע שטאָט, ווייל פאַרהעלטניסמעסיק האָט זי ווייניקער געליטן אין דער צייט פון מלחמה ווי אַנדערע שטעט. נאָר ליידער בעת דער לעצטער מלחמה, איז שוין ריפּין גאָרנישט געווען מער מזלדיק ווי אַנדערע שטעט, און האָט געטיילט דעם ביטערן גורל גלייך מיט אַלע.

הענא גוטענטאָג /

די באַגייסטערונג פון פשוטע ייִדן פאַר ארץ־ישראל

די ציוניסטישע באַוועגונג האָט זיך ביי אונז אָנגעהויבן גאָר פרי. איך וועל נישט אויסרעכענען ווער עס זענען געווען די ערשטע שוואַלבן, וואָס האָבן מיט זייער איניציאַטיוו פאַרפלאַנצט ביי אונז דעם ציוניסטישן געדאַנק. איך געדענק גוט, אַז אַלע האָבן געאַרבעט מיט איבערגעגעבנקייט. די מערהייט דורכגעדרונגען מיט די שענסטע ייִדישע און מענטשלעכע אידעאַלן, מיט באַגייסטערטע שטרעבונגען.

בעת עס איז געגעבן געוואָרן די באַלפור־דעקלאַראַציע, איז די פרייד אין ריפּין געווען אין לשער. מען האָט געפּראַוועט יום טוב, געטאַנצט און געפרייט זיך אויף וואָס די וועלט שטייט. עס איז געווען אַזוי פריילעך אויפן האַרצן, און עס איז גאָר קיינעם אויפן זינען נישט געקומען וואָס־פאַרא צרות עס שטייען אונז נאָך פאָר. אַז מיר האָבן זיך שוין געהאַט גענוג אָנגעפרייט, האָט מען זיך באַקלערט, אַז איצט דאַרף מען זיך נעמען צו פּראַקטישע זאַכן. ארץ־ישראל דאַרף געלט און נישט ווייניק — איז זיך צוזאַמענגעקומען די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע און עס איז באַשלאָסן געוואָרן אַז מען דאַרף מאַכן אַ זאַמלונג — נישט קיין געלט, נאָר גאָלד און זילבער.

צוועלף פּאָרלעך האָבן זיך געלאָזט איבער דער שטאָט, און מען האָט זיך אַליין גאָר נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז מיר וועלן אַזויפיל זאַמלען. גרויס איז געווען די האַרציקייט ביים געבן.



אַ קרן קיימת־טאָג מיט מרדכי טשאַרנאָטשאַפּקי

זיצן פון רעכטס: קראָטקע, ציפּע מונטער, מרדכי טשארנאָטשאַפּקי, זלמן פעלדהיים, סאַלע שטאנקע
שטעען פון רעכטס: נחמן לוי, קריסטאַל, ראזען, בצלאל קליינבערג, קלמן מונטער, חייצה קרזשעצענאָבסקאַ, אשר זעלענאָבסקי

עטלעכע „עפּיזאָדן" וואָס עס האָבן זיך מיר איינגעקריצט אין זכרון: אַט קומען מיר אַריין צו אַ ייִד, הגם מיר האָבן געוווּסט, אַז דער ייִד וועט אונדז גאָר נישט קענען געבן, נאָר כדי אים נישט צו פאַרשעמען, ווייל מעגלעך, אַז ער האָט געזען דורכן פענצטער, דער ייִד פאַרענטפערט זיך, אַז ער האָט ליידער גאָרנישט צו געבן. מיר טרייסטן אים און גייען אַוועק. אָפּגעגאַנגען אַשטיקל וועג, רופט מען אונדז צוריק. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט יאָ וואָס צו געבן. ער עפנט אַ שופלאָד פון אַ קאָמאָדע, און נעמט אַרויס אַ פּעקל איינגעוויקלט אין לייוונט, וויס ווי שניי, און מיט ציטערנדיקע הענט הייבט דער ייִד אָן אויפצוּוויקלען איין שמאַטקעלע נאָכן צווייטן און עס אַנטפּלעקט זיך אַ זילבערן טאַבאַק־פּושקעלע. ער גיט עס אונדז און זאָגט, אַז דאָס איז אַ פאַמיליע־אָנדענק. עס שטאַמט פון זיין עלטער־עלטער זיידן. ער האָלט עס אויסגעשטרעקט, און מיר וואַגן עס נישט צו נעמען. מיר זאָגן צו אים: „ר' ייִד, אפשר איז עס אַ שאָד אַוועקצוגעבן?" ער ענטפערט: „אַ שאָד? פאַר אונזער ארץ־ישראל איז פאַראַן אַ שאָד? עס איז דען פאַראַן אַ טייערערע זאַך פאַר אונדז ייִדן?" מיר זענען אַרויס פון דער שטוב געריירט ביז טרערן.

מיר קומען צו אַ צווייטער פאַמיליע, וואָס מיר האָבן געוווּסט, אַז אויך דאָרט קען מען גאָרנישט באַקומען, אָבער ווי דערשטוינט זענען מיר געווען, ווען די פרוי גיט אונדז אַ פּעקעלע. מיר וויקלען עס אויף און עס אַנטפּלעקט זיך אַ טוץ זילבערנע לעפעלעך, געוויס נאָך פון דרשה־געשאַנק צו זייער חתונה, זיכער די איינציקע ווערטזאַך אין שטוב. און ווידער דאָס זעלבע: מיר זאָגן צו דער פרוי: מעגלעך, דאַרפט איר עס אין אייער ווירטשאַפט? איר מוזט נישט געבן, און זי רופט זיך אָן: וואָס הייסט ניש געבן פאַר ארץ־ישראל, מיר קענען טרינקען מיט בלעכענע לעפעלאך".

פיל, פיל אַזעלכע עפּיזאָדן, וואָלט איך געקענט דערציילן וועגן די גוטע האַרציקע ייִדן, וואָס אונזער ריפּין האָט פאַרמאָגט, אָבער שווער ממשיך צו זיין, ווען דאָס האַרץ קרעמפּט אין יסורים.

לייב קולסקי / צייטן פון בענקשאַפט און גרויסע מעשים

די צייט, וואָס איך געדענק ריפּין 1905—1914, איז געווען אַן אינטערעסאַנטע צייט. דאָס ייִדיש געזעלשאַפטלעכע לעבן האָט זיך דעמאָלט אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען און אויסגעפינען, אַז עס איז אַ טייל פון עפּעס גרעסערעס און נישט אַן אָפּגעזונדערט קליין שטעטל.

די ענדערונג איז געשען אַ דאַנק דעם איינפלוס פון ר' שמואל זיינוול פּויזנער, יצחק זאַנאַבענד און דעם פלאַצקער ישעיה ריבאַק, און אויך עטלעכע לערערס, וואָס זענען געקומען קיין ריפּין.

ר' שמואל זיינוול פּויזנערס איינפלוס איז געווען פאַרבונדן מיט ציוניזם. איך געדענק, ווען איך בין אַ מאָל געקומען אין בית המדרש און געזען ווי ער האָט געלערנט ישעיהו מיט די ייִדן, מיט אַן ענטוזיאַזם, וואָס האָט אַלע באַגייסטערט און זיינע צוהערערס האָבן געשלונגען יעדעס וואָרט. עס האָט פאַרשטייט זיך געהאָלפן דער גייסטיקער אַנטוויקלונג פון די צוהערער.

ישעיה ריבאַק האָט געבראַכט קיין ריפּין קלאַסןבאַוווּסטזיין. ער איז געווען אַ מיטגליד פון „בונד", וואָס האָט דעמאָלט געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין לעבן פון דער ייִדישער אַרבעטערשאַפט. די אַרבעטער אין ריפּין האָבן טאַקע איינגעזאַפּט אַ ביסל קלאַסן־באַוווּסטזיין, אָבער נישט דעם „בונד".

יצחק זאַנאַבענד האָט זיך געווידמעט דער באַוועגונג מיט גרויס ענטוזיאַזם, הגם ער אַליין איז קיין מאָל נישט געווען קיין אַרבעטער. אונטער זיין אָנפירונג האָבן מיר אָנגעהויבן איינצושטעלן אַ פאַרבינדונג צווישן די אַרבעטער, און איינגעפלאַנצט אין זיי דאָס געפיל, אַז נאָר זיי אַליין קענען פאַרבעסערן זייער לאַגע.

דאָס וויכטיקסטע איז געווען, וואָס מיר האָבן געקעמפט פאַר אַ קירצערן אַרבעטס־טאָג, ווייל דער אַרבעטס־טאָג האָט דעמאָלט אויך איינגעשלאָסן אין זיך די נאַכט, ווען ס׳איז געווען אַרבעט. אויך האָבן מיר געזאָרגט דערפאַר, אַז די אַרבעטער זאָלן קריגן באַצאָלט וואָס די מייסטער האָבן צוגעזאָגט.

און געקעמפט דערפאַר מיט אַלע כוחות.

עס איז כדאי צו פאַרצייכענען דעם פאַקט, וואָס האָט פּאַסירט ביי סאַדאָווסקי דעם שניידער, ווען ער האָט זיך אָפּגעהאַלטן פון צאָלן דעם אַרבעטס־לוין וועלכער איז פריער באַשטימט געוואָרן. דאָס האָט גע־ברענגט דערצו אַז איך מיט יצחק זאנאַבענד האָבן אים געדראָט מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט, געשאָסן אין זיין שטוב, און אפילו נישט געלייגט קיין אַכט אויף דעם, וואָס סאַדאָווסקיס שכן אין דעם זעלבן הויז איז געווען דער נאַטשאַלניק פון דער פּאָליציי.

מיר האָבן אויך געהאַט אַ סך פאַרזאַמלונגען מיט די אַרבעטער און דאָס, נאַטירלעך, נישט לעגאַל. אַ סך פון די פאַרזאַמלונגען זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין מיין שטוב. מ׳האָט מיר געזאָגט, אַז די זשאַנדאַרמען האָבן מיך געהאַלטן פאַר אַ גרויסן רעוואָלוציאָנער. אָבער קיינער האָט אונז נישט געשטערט אין אונזער אַרבעט. עס האָט אויסגעזען, אַז דאָס גאַנצע שטעטל איז געוואָרן אַ ביסל אויפגעקלערט... איין מאָל בין איך געשיקט געוואָרן קיין פּלאָצק צו ברענגען רעוואָלוצ־יאָנערע ליטעראַטור פאַר די זעלנער, וואָס זענען דע־מאָלט געשטאַנען אין ריפּין. דורך דער צייט וואָס איך בין געווען אין פּלאָצק, איז פּראָקלאַמירט געוואָרן קריגסצושטאַנד. איך האָב אַפילו נישט געוווּסט ווי געפערלעך ס׳איז געווען פאַר מיין מיסיע, און איך בין אַרומגעגאַנגען אין פּלאָצק זאַמלען רעוואָלוציאָ־נערע ליטעראַטור. איין מאָל אין אָוונט בין איך געווען אין גאַס שפּעטער ווי מ׳האָט געמעגט זיין, און איך האָב באַמערקט ווי עטלעכע קאָזאַקן דערנענטערן זיך צו מיר. איך בין באַלד אַריין אין אַ הויז און זיך זיך באַהאַלטן. ווען זיי וואָלטן מיך דעמאָלט געכאַפּט, וואָלטן מיינע ביינער שוין לאַנג געוואָרן פאַרפוילט אין סיביר. איך האָב געהאַט ביי מיר „ליטעראַטור״, פאַר וועלכער איך וואָלט אַמווייניקסטן פאַרשיקט גע־וואָרן קיין סיביר אויפן גאַנצן לעבן.

אונטער דער אָנפירונג פון יצחק זאַנאַבענד זענען מיר געווען אין אַ געוויסער מאָס אַ מאַכט אין ריפּין, און מ׳האָט זיך מיט אונז גערעכנט. איך געדענק, אַז איין מאָל האָבן מיר פאַרלאַנגט, אַז די יידן זאָלן פאַרמאַכן די געוועלבער אַ געוויסע צייט — און אַלע האָבן געפאָלגט און פאַרמאַכט.

ווען ס׳זענען פאָרגעקומען די וואַלן פון אַ דע־פּוטאַט צום ערשטן רוסישן פּאַרלאַמענט („דומאַ״), האָבן מיר אויסגעוויילט דעם דעלעגאַט, וואָס מיר האָבן אַרויסגעשטעלט. מיר האָבן אַפילו די אַלטע און קראַנ־קע געבראַכט צום שטימען. מיר האָבן אויך געגרינדעט די ערשטע ביבליאָטעק, ווי מען האָט געקענט אַריינ־קומען און לייענען צייטונגען און ביכער, וואָס מיר האָבן געהאַלטן אין אַ שיינער שטוב מיט אַלע באַ־קוועמלעכקייטן.

פון צייט צו צייט האָבן מיר אויך איינגעלאַדן רעדנער פון אַנדערע שטעט. איינמאָל איז פון וואַרשע געקומען אַ וויכטיקער יידישער שרייבער, און דער טעאַטער איז געווען אינגאַנצן פאַרפולט. דאָס גאַנצע שטעטל איז געקומען אים הערן, הגם די פּאָליציי האָט אים נישט דערלויבט צו רעדן יידיש און ער האָט גע־מוזט רעדן דייטש...

בן־ציון באָרנשטיין /

דער ערשטער ריפּינער חלוץ פון בעלי־בתים

דב בעריש גאַלאַנט האָט זוכה געווען צו זיין דער ערשטער ריפּינער חלוץ פון האַנטווער־קער־קרייז, שוין אין אָנפאַנג פון דער דריטער עליה.

בשעת די ערשטע ריפּינער חלוצים, יונגעלייט, וועלכע האָבן פאַרלאָזט זייערע היימען און אַוועק אויף פאַרשידענע וועגן קיין ארץ־ישראל, איז שוין דאַן ר׳ בעריש גאַלאַנט געווען אַ מאַן אין די יאָרן, מיט אַ משפּחה פון אַ פרוי און 9 קינדערלעך..

אָנגעקומען קיין יפו אין היסטאָרישן פּאָגראָם־יאָר 1921, האַט ער געשטעלט זיך אַרבעטן אין דער קאָלאָ־ניע פּתח־תקוה און גלייך אַריין אין די רייען פון דער „הגנה״. ביזן היינטיקן טאָג איז ער פון די חשובע באַלעבאַטים אין פּתח־תקוה, ווו ער באַאַרבעט זיין פּרדס און טוט אַ סך מעשים טובים.

דאָס היינטיקע יאָר פייערט ער זיין 85־טן יובילײ און צוזאַמען מיט זיין גאַנצער רייך־פאַרצווייגטער משפּחה פרייען זיך אויך אַלע ריפּינער לאַנדסלייט, ווינטשן אים דערביי געזונט און אַריכת ימים, ער זאָל ווייטער ביז 120 יאָר מיט אַ סך פרייד ממשיך זיין זיינע מעשים טובים.



אַ ריפּינער משפּחה אין ישראל

ר׳ דב בעריש גאַלאַנט, זיינע קינדער, אייניקלעך און אור אייניקלעך, כן ירבו

זליג בראון / נחום ישראלווארשאווסקי

געבוירן אין ריפין, ביי פארמעגלעכע חסידישע עלטערן. דער פאטער זיינער, ר׳ איציק ווארשאווסקי, האט געהאפט, אז זיין זון, נחום ישראל, וועט זיין פון די גרעסטע רבנים אין פוילן, און ער האט געהאט אויף וואס זיך צו שטיצן, ווייל נחום ישראל, זייענדיק אן עילוי, האט געלערנט ביי באוווסטע רבנים, און בכלל האט ער געהאט אויסער־געוויינלעכע פעאיקייטן אויף אלע געביטן.

נישט האבנדיק קיין נייגונג צו רבנות, האט ער זיך אבער גענומען צו פאר־שידענע האנדלס־אונטערנעמונגען.

אין יאר 1910 האט נחום ישראל געגרינדעט אן אויטאבוסן־קאמוניקאציע צווישן ריפין און פלאצק, און לויט זיין פראיעקט באשטעלט אין דער פאבריק אן אויטאבוס מיט די מאדערנסטע איינריכטונגען, וועלכע מען זעט נישט היינט, מיט 50 יאר שפעטער; נאר אזוי ווי ביי דער רוסישער הערשאפט זענען די וועגן געווען זייער שלעכט, האט די אונטערנעמונג נישט געקענט עקזיסטירן. נישט האבנדיק קיין פלאץ פאר זיינע גאוניאלע פעאיקייטן אין פוילן, האט ער אין יאר 1913 עמיגרירט קיין אמעריקע, ווו ער האט ווירקלעך געפונען זיין פלאץ פאר זיינע אינדוסטריעלע דערפינדונגען..

נישט באזוכנדיק קיין אוניווערזיטעט, און נישט האבנדיק קיין אקאדעמישע ביל־דונג, האט נחום ישראל מיט זיינע גאוניאלע פעאיקייטן, דערפונדן וויכטיקע מאשינען און געגרינדעט א גרויסע אינדוסטריעלע אונטערנעמונג, ווו ער באשעפטיקט עטלעכע הונ־דערט ארבעטער און באאמטע. נאך איניקע יאר פון שווערער, אומדערמידלעכער ארבעט אויף זיין געביט, האט ער זיך דערווארבן א געהעריקע פאזיציע אין אמעריקאנער לעבן. אבער נישט קוקנדיק אויף זיין פארמעגן און גוט־סיטואירטער פאזיציע, איז ער געבליבן דער זעלבער נחום ישראל, מיט זיין ווארעם יידיש הארץ, אן אמתער „עמך״־מענטש, און זיין „גירסא דינקותא״ האט ער נישט פארגעסן — ער געדענקט נאך א סך גמרא מיט שארפע פלפולים.

נחום ישראל איז טעטיק אין פארשידענע נאציאנאלע אינסטיטוציעס, אבער בא־שיידן, שטיל, אן רעש, ער האלט פון „הצנע לכת עם ה׳״. שוין דריי מאל געווען אין ישראל, און דאס גרעסטע פארגעניגן זיינס איז צו טרעפן זיך מיט די ריפינער לאנדסלייט, צו רעדן און דערמאנען די אלטע צייטן — די יוגנט־יארן אין ריפין.

נישט ווייניק האט נחום ישראל צו פארדאנקען זיינע דערגרייכונגען זיין טיכטיקער פרוי צפורה, וועלכע איז אים ריכטיק אן עזר, אבער נישט כנגדו. צפורה איז אן איידעלע, קלוגע פרוי, וועלכע איז אים שטענדיק בייהילפיק מיט ראט און טאט, און עס הערשט צווישן זיי א הארמאניש צוזאמענלעבן.

כאטש נחום ישראל איז שוין בערך א 50 יאר אין אמעריקע האט ער נישט פאר־געסן זיינע ריפינער לאנדסלייט, און צו זיין 75־יעריקן געבורטסטאג, האט ער געגעבן זיין צושטייער פאר גרינדן א גמילות־חסדים קאסע פאר עולי ריפין אין ישראל.



אין שחיטה־שטאט

...פון שטאָל און אייזן, קאַלט און האַרט און שטום,
שמיד אויס אַ האַרץ פאַר זיך, דו מענטש — און קום!
קום, גיי אין שחיטה־שטאָט, זאָלסט זען מיט דיינע אויגן,
זאָלסט אָנטאַפּן מיט דיינע אייגענע הענט,
אויף צוימען, סלופּעס, טויערן און ווענט,
אויף שטיינער פון דער גאַס, אויף אַלע העלצער,
דאָס שוואַרץ־פאַרטרוקנט בלוט מיט די געהירן
פון דיינע ברידערס קעפּ און העלדזער.
און אומבלאָנדזשען זאָלסטו צווישן חורבות
דורך ווענט צעבראָכענע מיט אויסגעקרומטע טירן,
פאַרביי צעשטירצטע אויוונס, האַלבע קוימענס,
אַנטבלויזטע שוואַרצע שטיינער, האַלב־פאַרברענטע ציגל,
ווו פייער, האַק און אייזן האָבן נעכטן
אויף דער בלוט־חתונה אַ ווילדן טאַנץ געשפּילט;
און קריך דורך בוידעמער, דורך לעכערדיקע דעכער
און קוק זיך איין אין אַלע שוואַרצע לעכער —
דאָס זענען אָפ׳נע, שוואַרצע, שטומע ווונדן,
וואָס וואַרטן מער אויף קיין רפואה אין דער וועלט...

אין גאַסן וועסטו גיין, מיט פעדערן פאַרפלייצטע —
דו באָדסט זיך אין אַ טייך, אַ ווייסן טייך,
וואָס האָט זיך אויסגעלאָזט פון מענטשנס בלוטיק שווייס;
דו טרעטסט אויף גאַנצע בערג צעפּליקטע האָב־און־גוטס —
דאָס זענען גאַנצע לעבנס, גאַנצע לעבנס,
צעבראָכענע אויף אייביק ווי אַ שאַרבן!
דו גייסט, דו לויפסט, דו פּלאָנטערסט זיך אין חורבן,
מעש, זילבער, פּוטער, שמות, זייד און אַטלעס,
צעריסענע, צעפּליקטע אויף פּיק־פּיצלעך,
מיט פיס צעטראָטענע שבתים, ימים־טובים, נדנס,
טליתים, תפילין, פאַרמעט, שטיקער תורה,
יריעות הייליקע, קלאָר ווייסע וויקעלעך פון דיין נשמה,
זע, זע, זיי וויקלען זיך אַליין אַרום דיין פוס
און קושן דיר די טריט פון מיסט אַרויס
און ווישן אָפּ פון דיינע שיך דעם שטויב...
און ווילד, משוגע ווילד, פאַרקריכסטו אויף אַ בוידעם
און בלייבסט דאָרט שטיין אין פינצטערניש אַליין;
דו פילסט? דאָ שוועבט נאָך איצט אַרום די טויט־שרעק
און פאָכעט מיט אַ קאַלטן שוואַרצן פליגל
און פרירט די וואָרצלען פון די האָר אין קאָפּ;
און דאָ און דאָרט, פון אַלע שוואַרצע לעכער —
זע, אויגן, אויגן, שטומע אויגן קוקן...
דאָס קוקן די נשמות פון די קדושים,
פאַרוואָגלטע, פאַרשטויסענע נשמות,
וואָס האָבן זיך אינאיינעם דאָ אין ווינקל
צונויפגעפּרעסט צעשראָקענע — און שווייגן...
אָט דאָ האָט זיי די שאַרפע האַק געפונען
און אָט אַהערצו קומען זיי אַ קוק־טון,
צום לעצטן מאָל אין זייערע שוואַרץ־אַפּלען
פאַרחתמנען פון זייער סוף דעם אָפּשיין,
די גאַנצע שרעק פון זייער טויט דעם ווילדן,
די גאַנצע תוכחה פון זייער וויסטן לעבן...
און ציטערנדיק, ווי טויבן פאַר דער שחיטה,
דאָ טוליען זיי זיך צו דעם דאַך אינאיינעם.

און קוקן לאַנג אויף דיר מיט שטומע אויגן,
וואָס מאָנען נאָר און פרעגן דיך אָן לשון
און טענהן שטומערהייט אַלץ יענע אַלטע טענה:
„פאַרוואָס, פאַרוואָס? און נאָכאַמאָל פאַרוואָס?"...

ח. נ. ביאַליק

יהודה און שמואל לייטער /

אין די טעג פון חורבן

פרייטיק, דעם 1־טן סעפּטעמבער 1939. דער קריג ברעכט אויס. צענדליקער ריפּינער יידישע יוגנטלעכע דינען אין פּוילישן מיליטער, זיי ווערן געשיקט צוזאַמען מיט זייערע מיליטער־איינהייטן אויפֿן פראָנט, פיל פון זיי קומען נישט מער צוריק. די דייטשע אַעראָפּלאַנען באַהערשן די הימלען, זיי באָמבאַרדירן אָפענע שטעט און שטעטלעך, ציוויל־באַפעלקערונג, פרויען און קינדער קומען אום.

קיין ריפּין קומען אָן אַנטלויפנדיקע מענטשן פון דער שטאָט בראָדניץ און פון דער גאַנצער געגנט, וואָס איז נאָענט צו דער גרענעץ. עס דערנענטערן זיך אַלץ מער די אָפּקלאַנגען פון די האַרמאַטן־שאָסן.

שבת, דעם צווייטן סעפּטעמבער, איז דער גאַנצער טאָג אונטערן גרויל פונעם אָנקומענדיקן אומגליק, און שבת־צו־נאַכטס שאַפט זיך שוין אַ פּאַניק אין שטאָט. יידן און קריסטן עוואַקואירן זיך און פאָרן אַוועק פון שטאָט. די רעגירונגס־ביוראָען און די העכערע באַאַמטע פון סטאַראָסטאַ און מאַגיסטראַט אַנטלויפן.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט ווילן מיר דערציילן אַ פאַקט, איינער פון אַ סך אַנדערע פאַקטן: דער באַוווסטער ריפּינער זייגערמאַכער און יובילער, הער סמאָלינסקי, האָט געדונגען אַ פערד און וואָגן און צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע און זייער גאַנצן האָב־און־גוטס זענען זיי אַוועקגעפאָרן אין דער שטאָט גאָמבין. ווי עדי־ראיה האָבן דערנאָך דערציילט, איז אין דעם הויז, וווּ זיי האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין גאָמבין, אַריין אַ באָמבע, האָט אַלץ אָפּגעווישט, און ס׳איז גאָרנישט געבליבן.

די וואַנדערונג אַהין און צוריק

זונטיק, דעם דריטן סעפּטעמבער, באַלד אין דער פרי. דער בירגערמייסטער בודזאַנאָווסקי מיט זיינע וואַליזעס שטעלט זיך אַוועק אין מיטן מאַרק און מאַכט אָן אַ פּאַניק, אויסרופנדיק, אַז אַלע מענער פון שטאָט זאָלן אַנטלויפן אויף דער אַנדערער זייט ווייסל. עס האָט געהייסן, אַז דייטשן וועלן נישט קאָנען אַריבערגיין די ווייסל, ווייל די פּאָליאַקן וועלן אויפרייסן די בריקן...

די גרעסטע טייל יוגנטלעכע און מענער (ס׳פאַרשטייט זיך אַז נאָר די יידן, די פּאָליאַקן — זייער ווייניק), און אויך מיר בתוכם, זענען געלאָפן צו פוס אַ גאַנצן מעת לעת. עס זענען געלאָפן צענדליקער טויזנטער פון דער גאַנצער געגנט, ביז מיר זענען געקומען קיין וולאָצלאַוועק.

מיר באַווייזן קוים אַדורכצוגיין די בריק, און ס׳פאַנגט זיך אָן אַן אַלאַרם. די שטאָט ווערט באָמבאַרדירט. מיר באַמיען זיך אויסצובאַהאַלטן אין דערפער און אין קליינע שטעטלעך פון דער געגנט.

ביי נאַכט הערן מיר אַ געוואַלדיקן אויפרייס, און ווי מיר האָבן פאַרשטאַנען, האָבן די פּאָליאַקן דאַן אויפגעריסן די נייע גרויסע בריק פון וולאָצלאַוועק.

די דייטשן האָבן זייער שנעל פאַרנומען אויך די גאַנצע געגנט פון דער אַנדערער זייט ווייסל, און האָבן אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע אַנטלאָפענע מוזן תיכף צוריק אין זייערע היימען.

די וואַנדערונג אויף צוריק האָט געדויערט עטלעכע טעג. דער גאַנצער וועג איז געווען פול מיט דייטש מיליטער. זיי האָבן אונז אָפּט פאַרהאַלטן, רעווידירט, און געדראָט צו דערשיסן. אויף שריט און טריט האָט מען געזען די שפּורן פון די ערשט פאָרגעקומענע שלאַכטן.

מיט גרויס שרעק און האַרץ־קלאַפּונג זענען מיר ענדלעך צוריקגעקומען קיין ריפּין. די שטימונג אין שטאָט — אַ שרעקלעכע. די האַקנקרייצן הענגען אויף אַלע פּלעצער. עס הערשט אויסנאַם־צושטאַנד פון 6 אַזייגער פאַרנאַכט ביז 6 אינדערפרי. גרויסע רייען נאָך ברויט און אַנדערע לעבנס־מיטלען. יעדער טאָג

ברענגט נייע גזירות. די געסטאַפּאָ קומט אַראָפּ אין שטאָט, דאָס גהנום צעברענט זיך אַלץ שטאַרקער.

עס קומען אָן די ימים־נוראים, סוכות. עס איז נישט דערלויבט, אַז עטלעכע מענטשן זאָלן גיין צוזאַמען. פאַר עובר זיין אויף דעם פאַרבאָט ווערט מען דערשאָסן. די בתי־תפילה זענען געשלאָסן (להבדיל, אויך די קירכעס).

שמחת תורה ביי נאַכט, די דייטשן פירן אַריין אין דער שול פּעסער בענזין און סמאָלע און די שול מיטן בית־המדרש ווערן פאַרברענט.

אין דער זעלבער צייט גייט אַרויס אַ גזירה, אַז אַלע יידישע מענער פון 16 יאָר ביז 60, מוזן קומען יעדן טאָג 8 אינדערפרי אויף אַ ספּעציעלן זאַמל־פּונקט אין שפּיטאָל־גאָרטן, אויף אַרבעט. ווער ס'וועט נישט קומען, וועט ווערן דערשאָסן. יעדן פרימאָרגן זענען זיך צוזאַמענגעקומען הונדערטער מענער און זיך געמוזט אויסשטעלן אין רייען פאַר דעם הויז, ווו ס'איז איינגעשטאַנען די געסטאַפּאָ (ווו ס'איז פריער געווען די גימנאַזיע).

צוויי געסטאַפּאָ־באַנדיטן האָבן זיך אַרויסגעשטעלט אויפן באַלקאָן און איינער האָט געהאַלטן אַ גיפטיקע רעדע קעגן יידן, און צווישן אַנדערן אַזוי געזאָגט : „ס'פאַרשטייט זיך, אַז די יודען האָבן אַליין פאַרברענט די שול, און באַשולדיקן דערמיט דאָס דויטשע קולטור־פאָלק... דאָס וועלט־יודענטום פירט אַ גרויל־פּראָפּאַגאַנדע קעגן דויטשן פאָלק... די יידן האָבן דעם קריג געוואָלט, זיי זאָלן קענען רייך ווערן דערפון... דאָס אינטערנאַציאָנאַלע יודענטום האָט דערקלערט קריג דעם דייטשן פאָלק".

נאָך דער רעדע האָט ער אַרויסגעכאַפּט דעם רעוואָלווער און געוויזן ווי גוט ער קאָן שיסן. דאָס מאָל האָט ער בלויז אַריינגעצילעוועט אין אַ צווייג פון אַ בוים. נאָכדעם זענען זיי אַרויסגעקומען מיט גומענע רוזגעס, און גענומען „אויסגלייכן" די רייען.

איינער פון זיי, מיטן רעוואָלווער אין האַנט, האָט געגעבן אַ באַפעל : „לאַופען". אַלע הונדערטער מענער האָבן גענומען לויפן, איינער אויפן צווייטן אין אַ גרויסער סומאַטאָכע ביז צום צווייטן עק פון שפּיטאָל־גאָרטן. דערנאָך איז געקומען דער באַפעל „צוריק" אַלע זענען געלאָפן אויף צוריק און זיך ווידער געמוזט אויסשטעלן אין רייען און זיי האָבן ווידער מיט די רוזגעס, „אויסגעגלייכט". דאָס זעלבע האָט זיך איבערגעחזרט עטלעכע מאָל. יעדן טאָג די זעלבע זאַך.

יעדער טאָג ברענגט נייע אַכזריותן

עס זענען געקומען פיל יידן מיט בערד און שוואַרצע קאַפּאָטעס, אויף זיי איז אויסגעגאָסן געוואָרן דער גרעסטער צאָרן. מען האָט זיי גענומען באַזונדער, אויסגעריסן די בערד און אָנגעטאָן זיי די גרעסטע עינויים. עס איז פשוט אוממעגלעך דאָס אַלץ צו שילדערן. נאָכדעם זענען די מענטשן געוואָרן איינגעטיילט אויף „אַרבייטס־גרופּן". פאַרשידענע אַרבעטן, ווי : קערן די גאַסן, רייניקן די קלאָזעטן, רייניקן די פערד פון דייטשן מיליטער א. אַ. וו. (כאַפּן קלעפּ ביי די דאָזיקע אַרבעטן — איז געווען אַ געוויינלעכע דערשיינונג). די גרעסטע אַרבעטס־גרופּע איז געוואָרן געשיקט אויף צו צענעמען די שטיינגעבליבענע מויערן פון דער פאַרברענטער שול. דער גאַנצער פּלאַץ האָט געדאַרפט ווערן אָפּגערייניקט דורך אַ קורצער צייט.

יעדער טאָג האָט געברענגט מיט זיך נייע גרויזאַמקייטן, דער טייוול אַליין האָט נישט געקאָנט אויסטראַכטן עפּעס שווידערלעכערס.

יעדער ייד, פרויען און מענער, קליין און גרויס, האָבן געמוזט טראָגן פון פאָרנט און פון הינטן געלע לאַטעס. אויך האָט קיין ייד נישט געטאָרט גיין אויפן טראָטואַר, נאָר נעבן רינשטאָק. יעדן טאָג האָבן געבושעוועט איבער די גאַסן די געסטאַפּאָ־לייט צוזאַמען מיט די „פאָלקס־דויטשן" (דאָס זענען געווען די פריערדיקע דייטשע איינוווינער פון אונזער שטאָט און פון דער געגנט). זיי זענען אַריין אין די יידישע שטובן און צוגעראַבעוועט אַלץ, וואָס עס איז זיי געפעלן, ווי : מעבל, בעטגעוואַנט, אַנטועכץ א. אַ. וו., און פאַרשטייט זיך, אַז די יידן אַליין האָבן דאָס געמוזט זיי אָפּטראָגן אַהיים.

אַהיימקומענדיק פון דער אַרבעט איז מען מערסטנס ווידער געכאַפּט געוואָרן דורך די פאָלקס־דייטשן אויף פאַרשידענע אַרבעטן, ווי שלעפּן און טראָגן פאַרשידענע משאות. ווער עס האָט זיך געפּרוווט קעגנשטעלן, איז געוואָרן דערשאָסן אויפן אָרט.

ביינאַכט האָט געהערשט אויסנאַם־צושטאַנד און די געסטאַפּאָ איז געלאָפן פון איין שטוב אין דער צווייטער און אַרעסטירט מענטשן. די שרעק איז אוממעגלעך געווען צו דערטראָגן. יעדער שאָרך, יעדער טראָט און גערודער האָבן אַרויסגערופן פּחד. וועגן פאַרדינען אויף פּרנסה, אָדער האָבן צו קויפן די נויטווענדיקסטע לעבנס־מיטלען, איז שוין נישט געווען וואָס צו טראַכטן. יעדן פרימאָרגן האָט געוואַרט אויף אונדז דער שפּיטאָל־גאָרטן...

די טייוולאָנישע געסטאַפּאָ, האָט זיך אויך אַ געוויסן טאָג געמאַכט „גוט": זיי האָבן געמאָלדן, אַז די אַלע יידן, וועלכע פילן זיך נישט געזונט, קאָנען ברענגען באַשייניקונגען פון דאָקטוירים, וועלן זיי ווערן באַפרייט פון דער אַרבעט. יידן האָבן זיך געלאָזט קאָסטן אַ סך געלט און אָנגעוואָנדן פּראָטעקציעס ביי די דאָקטוירים אויף אַרויסצובאַקומען אַזעלכע באַשייניקונגען, וועלכע זיי האָבן דאָס בייגעלייגט אין דער געסטאַפּאָ, און מען האָט זיי געהייסן גיין אַהיים. די מענטשן האָבן זיך געפרייט. צום באַדויערן, האָט זייער „פרייד" נישט לאַנג אָנגעהאַלטן. צומאָרגנס ביינאַכט זענען די אַלע מענטשן, בערך אַ 50 יידישע מענער און יונגנטלעכע, געוואָרן אַרעסטירט. דערנאָך זענען אַרומגעגאַנגען פאַרשידענע קלאַנגען וועגן זייער גורל.

אין די זעלבע גיהנום־טעג, האָבן די דייטשן פּלוצלונג דערקלערט אויסנאַם־צושטאַנד אויך ביי־טאָג און ווער עס וועט אַרויס פון שטוב אָדער אַרויסקוקן דורך אַ פענצטער, וועט ווערן דערשאָסן. זיי האָבן טאַקע אַריינגעשאָסן אין פיל פענצטער.

זייער פיל מיליטער האָט אָקופּירט דעם מאַרק און אַלע גאַסן און אויפגעריסן אַלע יידישע געשעפטן און וואַרשטאַטן. ס'זענען פאַרפאָרן גרויסע לאַסט־אויטאָס און דאָס מיליטער האָט אויסגעליידיקט אַלע יידישע געשעפטן און וואַרשטאַטן פון אַלע סחורות, פּראָדוקטן, מאַשינען א. אַ. וו. און געלאַדעוועט אויף די אויטאָס.

די אַקציע האָט געדויערט עטלעכע טעג.

די יאַטקע

אין דער זעלבער צייט זענען אַרעסטירט געוואָרן די אָנגעזעענסטע באַלעבאַטים פון שטאָט, די דאָזאָרעס און כלל־טוער מיט שמעון כהן בראש. צווישן זיי זענען געווען: זרח אַניזש, יצחק בוכמאַן, אליהו גאָטליבאָווסקי, יעקב שטענצל, צייטאַג, לוקסענבורג, הערש איסר בראַון, ראזאנאוויץ, אַ סך אַנדערע, וועמענס נעמען מיר זענען נישט אימשטאַנד צו געדענקען. זיי זענען געוואָרן שרעקלעך צעשלאָגן און געפּייניקט און דערנאָך האָט מען זיי אַרויסגעלאָזט זאַמלען ביי דער יידישער באַפעלקערונג „קאָנטריבוציעס". דאָס הייסט: געלט, צירונג, גאָלד, זילבער, בריליאַנטן, זייגערלעך, פוטערס, שטיוול א. אַ. וו.

זיי האָבן דאָס אַלץ געזאַמלט און געברענגט אין דער געסטאַפּאָ, האָט מען זיי ווידער געהאַלטן אַ פּאָר טעג, געפּייניקט און ווידער אַרויסגעלאָזט פריש זאַמלען און אַזוי איז דאָס פאָרגעקומען אייניקע מאָל, ביז זיי האָבן שוין מער נישט געהאַט פונוואַנען צו נעמען. דעמאָלט האָט מען פיל פון זיי אויף אַ שוידערלעכן אופן דערמאָרדעט.

דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען אויף דער פּאָליציי־קאָמענדאַנטור, אין די קעלערן און אויף דעם הויף. דער גאַנצער הויף איז געווען פול מיט בלוט פון הונדערטער פאַרפּייניקטע צום טויט, אומשולדיקע מענטשן. מען האָט דאָס גערופן „די יאַטקע". די אומגעקומענע זענען מערסטנס געוואָרן באַגראָבן אין אָקאַלעוואַער וואַלד.

שמעון כהן, יצחק בוכמאַן און אליהו גאָטליבאָווסקי האָבן נאָך געפּרוּווט בעטן ביי דער געסטאַפּאָ (מיט דער כוונה צו אַנטלויפן), אַז מען זאָל זיי נאָך איין מאָל אַרויסלאָזן, און זיי וועלן ברענגען נאָך קאָנטריבוציע. מען האָט זיי אַרויסגעלאָזט. זיי האָבן ליידער געוווּסט, וואָס עס דערוואַרט זיי און זיי האָבן באַשלאָסן צו אַנטלויפן.

ווי מיר האָבן געהערט דערנאָך דערציילן, האָט די בעסטיאַלישע געסטאַפּאָ באַוויזן צו כאַפּן אליהו גאָטליבאָווסקי. שמעון כהן מיט יצחק בוכמאַן האָבן באַוויזן

צו אַנטלויפן בײנאַכט, און ס׳איז זיי געלונגען צוצוקומען צו דער רוסישער גרענעץ און זיי זענען אַריבער אויף דער רוסישער זייט. לײדער, זענען זיי אומגעקומען אין רוסלאַנד.

אין דער זעלבער צייט האָבן זיך אויך צענדליקער ריפּינער יידישע יוגנטלעכע, ווי אויך פאַמיליעס, געראַטעוועט די לעבנס, אַנטלויפנדיק פון ריפּין אייניקע הונדערט קילאָמעטער און דורכשמוגלענדיק זיך די גרענעץ קיין רוסלאַנד.

די דייטשן האָבן אויך נישט געשאַנעוועט די פּאָליאַקן. זיי האָבן אין דער זעלבער צייט אַרעסטירט און אויסגעמאָרדעט די גאַנצע פּוילישע אינטעליגענץ פון דער שטאָט: אַלע גלחים, לערערס, רעגירונגס־באַאַמטע, דאָקטוירים, די גוט־באַזיצער פון דער גאַנצער געגנט — אַלע זענען אויף אַ שווידערלעכן אופן דערמאָרדעט געוואָרן, און צענדליקער יידן זענען געכאַפּט געוואָרן „אויף אַרבעט״, צום באַגראָבן זיי אויסער דער שטאָט און זיי זענען דערנאָך געוואָרן בעסטיאַליש דערמאָרדעט. די אַלע פריי געוואָרענע פּלעצער זענען פאַרנומען געוואָרן געוואָרן דורך די פאָלקסדייטשן און ס׳זענען אויך געוואָרן אַראָפּגעבראַכט הונדערטער „אַרישע״ פאַמיליעס פון דייטשלאַנד גופא.

אין דער זעלבער צייט האָבן אויך נישט געפעלט קיין קלאַנגען פון טרייסט: מען האָט זיך דערציילט, אַז די דייטשן האַלטן שוין ביים פאַרשפּילן די מלחמה; אַז ענגלאַנד, פראַנקרייך און אַמעריקע וועלן באַלד אַ סוף מאַכן מיט היטלערן; אַז דער דייטש האָט שוין נישט מער קיין געווער און קיין עסן, והראיה, ער רויבט אַלץ צו ביי אונז...

דער רעזולטאַט פון די דאָזיקע „חלשות־טראָפּן״ איז פאַרשטייט זיך געווען, אַז דאָס האָט מאָמענטנוויַיז פאַרלייכטערט איבערצוטראָגן די גרויזאַמע לײדן, און גענומען האָט עס זיך דערפון, וואָס מען איז די גאַנצע צייט געווען אָפּגעשניטן פון דער אויסערלעכער וועלט. נישט געהאַט קיין ראַדיאָ און קיין צייטונגען, און דערנערט זיך בלויז מיט אַזעלכע שטייגער קלאַנגען. באַלד אין די ערשטע טעג פון דער אָקופּאַציע איז אַרויס דער באַפעל, אַז די אַלע, וואָס האָבן אין זייער באַזיץ אַ ראַדיאָ, אָדער געווער, מוזן עס תיכף

ברענגען אין מאַגיסטראַט. אַנדערש האָט געדראָט, אַז ער און זיין גאַנצע פאַמיליע וועלן ווערן דערשאָסן.

דער לעצטער גירוש

ענדע נאָוועמבער 1939. נאָך אַ שרעקלעכן קאָשמאַר פון 2 מיט אַ האַלבן חודש, איז געקומען דער סוף פונעם יידישן לעבן אין ריפּין.

אייניקע טעג פאַרן אַרויסטרייבן די לעבנגעבליבענע יידישע נפשות פון שטאָט זענען דורכגעגאַנגען אונזער שטאָט, מיט פּעקלעך אויף די פּלייצעס, די לעבנגעבליבענע יידן פון אונזער שכנותדיקן שטעטל דאָבזשין, דרעווענץ און פון דער גאַנצער געגנט. דאָן איז געקומען אויך אונזער ריי. שיינט אונז, דאָס איז געווען אַ דינסטיק־פרימאָרגן, די דייטשן זענען מיט געווער אין דער האַנט אַריין אין יעדער יידישער שטוב און אַרויסגעטריבן אַלע פון די וווינונגען. אַלע האָבן זיך געמוזט אויסשטעלן אין מיטן מאַרק, ווו עס איז געקומען דער באַפעל, אַז אין אייניקע שעה אַרום טאָרן מיר זיך נישט מער געפינען אין שטאָט, ווען נישט וועלן מיר ווערן דערשאָסן. זיי האָבן זיך בלויז איבערגעלאָזט אייניקע יידישע פאַכלייט, וועלכע זיי האָבן נאָך באַדאַרפט האָבן אויף אַ קורצע צייט, ווי: אַ שניידער, אַ שוסטער, אַ קאַמאַשן־שטעפּער, אַ זייגערמאַכער. שיינט מיר אַז דאָס האָט אָנגעהאַלטן ביז יאַנואַר 1940. שפּעטער זענען צו אונז דערגאַנגען פאַרשידענע קלאַנגען וועגן זייער שרעקלעכן גורל.

די וואַנדערונג האָט זיך אָנגעהויבן. ס׳רוב ריפּינער האָבן זיך געלאָזט אין דער ריכטונג פון מלאַוואַ, מאַקאָוו־מאַזאָוויעצק, און אויך אין דער ריכטונג פון וואַרשע און לאָדזש.

מיר וועלן נישט דערפילן פולשטענדיק אונזער פליכט, אויב מיר וועלן נישט געבן אַ טיילווייזן ענטפער אויף דער ווייטיקלעכער פראַגע: פאַרוואָס האָט מען אין ריפּין נישט געשטעלט קיין שום ווידערשטאַנד? — די הויפּט סיבה איז געווען אין דעם, וואָס דער טייוולאַנישער געסטאַפּאָ אַפּאַראַט, מיט זיין סיסטעמאַטישער יעקישער פּינקטלעכער אויסרעכענונג, און מיט די אַלע גרויל־טאַטן האָבן זיי באַוויזן פולשטענדיק צו צעברעכן דעם גייסט פון די מענטשן.

בער דראַטוויע / דער אנקום פון די נאציס

דעם 1־טן סעפּטעמבער 1939 האָב איך זיך געפונען אין דער הויפּט־שטאָט פון פוילן, ווו איך האָב דורכגעמאַכט קאַלטס און וואַרעמס. שווער צו באַשרייבן די טראַגעדיע וואָס איך האָב דאָרט צוגעזען, ווען די היטלער־באַנדעס האָבן פאַרנומען וואַרשע. אין דעם זעלבן טאָג האָב איך מיט מיין ייִנגע־רער שוועסטער איטע פאַרלאָזן וואַרשע, און מיר זענען אַוועק צופוס אַ מהלך פון 160 קילאָמעטער. דער וועג איז געווען זייער אַ שווערער. מיר זענען אויס־געשטאַנען פאַרשידענע צרות. די נאַציס האָבן אונז געשלעפּט אויף צוואַנגס־אַרבעט, אויסגעמאַטערטע פון הונגער און שטאַרק צעשלאָגן.

אין אַ פרייטיק פאַרנאַכט זענען מיר אָנגעקומען קיין פלאָנסק, ווו מיר האָבן געטראָפן אַלע געשעפטן אויך ייִדישע אָפן און מען האָט שוין דאָרט באַקומען פון אַלעם גוטן צו קויפן. אַן אַנדערע וועלט...

מיין ערשטער שריט איז געווען — אַריינגיין אין אַ געשעפט און קויפן אַ גרויס ברויט. אַרויסגייענדיק

גלייך פון די ערשטע טעג אָן, האָבן זיי געוואָרנט און געדראָט, אַז ביי יעדן נישט דערפילן די באַפעלן, און ביי יעדן ווידערשטאַנד, און אויב ס׳וועט נאָר איין דייטש ווערן געהרגעט, וועלן זיי אויסשיסן הונדער־טער ייִדן. אויב עס האָבן זיך געפונען יוגנטלעכע, וועל־זענען געווען גרייט מקריב צו זיין זייערע לעבנס מיט געווער אין האַנט, נקמה נעמען, אָדער שטעלן אַ וועלכן עס איז ווידערשטאַנד, האָבן זיי נישט געוואָלט נעמען אויף זייער געוויסן, אַז צוליב זיי וועלן די דייטשן אויסמאָרדן הונדערטער אומשולדיקע ייִדן. קיינער האָט אין יענער צייט נישט געקאָנט פאָראויסזען, אַז די דייטשע מערדער וועלן דאָס שפּעטער במילא טוען.

פון געשעפט זענען צו אונז צוגעקומען ייִדן און זיך אויסגעפרעגט וועגן אונזער לעבן אין וואַרשע. אויך האָבן זיי אונז פאַרבעטן צו דער פרייטיק צונאַכטיקער סעודה. מיר האָבן איבערגענעכטיקט און פאָרגעזעצט אונזער ווייטערדיקן וועג — ביי 80 קילאָמעטער — ביז ריפּין.

אָט אַזוי האָבן מיר געוואַנדערט פון פייער אַרויס און אין גיהנום אַריין, ביז מיר זענען אָנגעקומען קיין שערפּץ, ווו עס האָט געוווינט אַ גרויסע ייִדישע באַפעל־קערונג. דאָרט האָבן מיר באַקומען די טרויעריקע ידיעות, אַז די היטלער־באַנדיטן האָבן אַ נאַכט פריער גערויבט, געמאָרדעט ייִדישע איינוווינער, אונטער־געצונדן די שול, אַ ייִנגל, וואָס איז געלאָפן ראַטעווען מיט אַן עמער וואַסער אין האַנט, איז דערשאָסן געוואָרן א. אַ. וו. איך האָב זיך דאָרט פאַרהאַלטן עטלעכע שעה, און דאַן ווייטער פאָרגעזעצט דעם וועג — עס זענען אונז נאָך פאַרבליבן 30 קילאָמעטער ביז ריפּין.

ווען מיר זענען אָנגעקומען אין אונזער געבוירן־שטאָט ריפּין, איז זי געווען איינגעהילט אין אַ שוואַר־צער כמאַרע. איך בין געלאָפן זוכן מיין מוטער, ווייל אונזער שטוב איז פאַרברענט געוואָרן און איך האָב זי געטראָפן וווינען אין אַ צווייטער גאַס. טרערן האָבן זיך געגאָסן פון אונזערע אויגן. ביי אונז אין שטוב האָט נאָך געפעלט אונזער ברודער, וואָס די פּאָליאַקן האָבן אים געהאַט פאַרשיקט קיין בערעזע.

איך בין אַרויס אין גאַס זיך צו טרעפן מיט מיינע באַקאַנטע. געזען די טרויעריקע פאַראָרדענונגען, די שווערע לאַסט אויף די ריפּינער איינוווינער, דעם רויב פון ייִדישן האָב און גוטס, דאָס מאָרדן, דאָס אונטער־צינדן די שול מיטן בית־המדרש א. אַ. וו. אַלע מענער

האָבן זיך דאַן געמוזט צונויפֿקומען אין לוסט-גאַרטן, וווּ ס'איז געווען דער אַרבעטס-אַמט. פֿון די מענער האָט מען אויסגעקליבן 50 און זיי געשיקט צו צענע־מען די פֿיר ווענט פֿון דער שול. די אַלע ייִדישע מענער האָבן געמוזט יעדן טאָג זיך שטעלן צו פֿאַר־שידענע אַרבעטן. דערביי פֿלעגט מען זיי מערדערלעך שלאָגן. דאָרט האָט מען אויך די ייִדן סאָרטירט — די געזונטע האָט מען געשטעלט אין איין זייט און די קראַנקע אין אַ צווייטער זייט.

וואָס שייך די 50 ייִדישע אַרבעטער, וואָס האָבן פֿונאַנדערגענומען די שול, איז שפּעטער צוגעפֿאָרן אַהין אַ לאַסט-מאַשין מיט באַוואָפֿנטע עס-עס-לייט, אַוועקגענומען 18 ייִדישע יונגע מענטשן און זיי אַוועק־געפֿירט. צומאָרגנס האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז די 18 יונגעלייט פֿירט מען אין וואַלד אַריין און מען ברענגט זיי צוריק, אָבער מען האָט זיי פֿאַרשפּאַרט. די היטלער-באַנדיטן האָבן אין וואַלד געמאָרדעט פּוילישע גלחים, לערער, באַאַמטע פֿון דער רעגירונג א. אַנד. די 18 יונגעלייט האָבן יעדן טאָג באַגראָבן אַנדערע און דערנאָך זענען זיי אויך אומגעקומען.

אָפֿט זענען פֿאָרגעקומען אַרעסטן. פֿיל מאָל זענען אַרעסטירט געוואָרן פֿאַרשטייער פֿון אונדזער קהילה. מען האָט זיי געצוווּנגען ווי אַמשנעלסטן צושטעלן קאָנטריבוציעס. אָט אַזוי האָבן מיר געלעבט אין טויטשרעק.

אין איינעם אַ טאָג האָבן מיר דערזען די ייִדישע טראַגעדיע אין איר גאַנצן גרויל. דאָס בילד וועל איך קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן. אין דאָבזשין, אַ גרויסער ייִדי־שער ישוב, וואָס האָט געהערט צום ריפּינער קרייז, האָט מען צונויפֿגענומען אַלע ייִדישע פֿאַמיליעס אויפֿן מאַרק. אַלע זענען זיי אַרומגערינגלט געוואָרן דורך עס-עס-לייט, און מען האָט זיי גוט צעשלאָגן און פֿאַר־טריבן. די עס-עס-לייט האָבן זיי אַזוי געיאָגט ביז זיי זענען אָנגעקומען קיין ריפּין. פּיצלעך קינדער, אַלטע לייט, מוטערס האָבן געזוכט זייערע קינדער, קינדער זייערע עלטערן. מיט שווערער מי האָבן זיך די פֿאַמיליעס צוריק אָפּגעזוכט. אונדזער ייִדיש ריפּין האָבן אויסגעשטרעקט אַ ברודער-האַנט די אומגליק־לעכע ברידער, מיר האָבן זיי אַלע באַזאָרגט מיט מאַלצייט און נאַכטלעגער.

אין עטלעכע טעג אַרום איז אויך אין ריפּין פֿאָר־געקומען די זעלבע טראַגעדיע. מיר זענען צעשפּרייט געוואָרן איבער פּוילן, רוסלאַנד און פֿאַרשידענע לאַ־גערס, געטאָס און וועלדער. די ריפּינער ייִדן זענען אומ־געקומען אין די מאַסן-קבֿרים מיט אַלע זעקס מיליאָן ייִדן.

נאָך דער מלחמה איז געבליבן אַ קליינע צאָל ריפּינער ייִדן, ווער עס איז געקומען פֿון לאַגער, ווער פֿון וואַלד, ווער פֿון רוסלאַנד. איך האָב געוואָלט זען ריפּין. אָבער ווען איך בין אַהין געקומען, האָב איך ריפּין נישט דערקענט — צעבומענע הייזער, אַנדערע גאַסן, קיין ייִדישע געשעפֿטן מער, קיין ייִדישע שול, קיין ייִדישע בעלי-מלאָכות. ריפּין אָן ייִדן! אַפֿילו דאָס בית-עולם צעשטערט, די מצבֿות אַרויסגעריסן און דאָס פֿעלד פֿאַראַקערט. עס דאַכט זיך ווי ריפּין וואָלט געווען אַ חלום.

ראובן צבי ברייטשטיין / דער גירוש

אין אָנהייב איז געקומען די מעלדונג פון ריפּינער סטאַראָסטע צו די איינוואוינער: מענטשן יונגע, געזונטע, דאַרפן פאַרלאָזן די שטאָט. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ „סעמאַטאָכע" — פּאַקן, לויפן, זוכן, יעדער אויף זיין אייגענער ריזיקע... יעקב קאָנסקאָוואָלסקי, בענעק קלעניעץ און איך האָבן מיר זיך צונויפגערעדט, אַז מיר וועלן גיין אויף פּלאָצק, און דאָרט זיך דערשלאָגן אויפן אַנדערן ברעג ווייסל. פיל צייט צום קלערן איז דעמאָלט נישט געווען. מיר האָבן זיך געלאָזט אין וועג. ווי זאָל איך באַשרייבן די אַלגעמיינע עוואַקואַציע? די וועגן און שאָסייען זענען געווען געדיכט פון מענטשן, ווער אויף וועגעלעך און ווער צו פוס. מיר האָבן ערשט דערזען דאָס אומגליק, די געפאַר וואָס איז געווען זייער גרויס און די דייטשע אַעראָפּלאַנען האָבן באַשאָסן די וועגן און שאָסייען.

48 שעה האָט געדויערט דער קאַמף צווישן פּוילישן און דייטשן מיליטער. נאָך די קאַמפן זענען מיר אַריינגעפאַלן אין די הענט פון שונא. האָבן מיר זיך געזעגנט מיט די דאָרטיקע יידן, גענומען אַ בריטשקע וואָס מיר האָבן געפונען אַ פאַרלאָזענע אין דאָרף, צוויי פערד, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין דאַך איבערן קאָפּ, און זיך געלאָזט צוריק אין אונזער היים. אין עטלעכע טעג אַרום זענען מיר אָנגעקומען אין זאַקראָטש נעבן ריפּין, גענעכטיקט האָבן מיר ביי דער פאַמיליע לאַבענדזש, אַ באַקאַנטער גוטבאַזיצער, אַ ייד אַן אייגנטימער פון אַ פאָלוואַרק. די בריטשקע מיט די פערד האָבן מיר געלאָזן ביי אים, און מיר זענען צופוס אָנגעקומען קיין ריפּין. אַריינקומענדיק קיין ריפּין האָבן מיר באַגעגנט דייטשע סאָלדאַטן שפּאַצירנדיק אויף דער ווידמאַכאָווע.

וואָס וועט זיין ווייטער?

די דאָזיקע פראַגע האָט געעקבערט אין מוח פון יעדן ריפּינער ייד. אין אָנהויב האָבן מיר געטראַכט, אַז מ'לאָזט דערווייל אָפּ עטעמען, נאָכן ערשטן קלאַפּ, אָבער וואָס וועט זיין ווייטער?... איז עס אַ שטילקייט פאַר אַ גרויסן געוויטער? אונזערע הערצער האָבן געציטערט פאַרן מאָרגן. ס'האָבן אָנגעהויבן זיך באַוויזן כלערליי אַנטי־יידישע געזעצן. יאָ, ס'האָט זיך אָנגעהויבן! און אָט דער „יודען־צייכן": אַלע ריפּינער יידישע איינוואוינער מוזן טראָגן דעם צייכן, אַ ווייסן מגן־דוד. האָט זיך אָנגעהויבן אַ פאַבריקאַציע פון ווייס־בלויע לאַטעס. וואָס מען האָט געמוזט טראָגן אויף דער לינקער ברוסט. באַלד נאָך די לאַטעס האָט מען געמוזט איבערמאָלן אַלע שילדן פון די יידישע געשעפטן, און ווידער האָט זיך אָנגעהויבן אַ פרישע פאַבריקאַציע: „יידישע אונטערנעמונג" האָט געדאַרפט זיין אויפגעשריבן אויף יעדער שילד.

און אָט קאָנפיסקירט מען שוין יידישע וואַרשטאַטן, דערונטער דעם שוסטער־וואַרשטאַט פון יואל גלוווקע, וואָס איז געווען פאַרשריבן אַלס שוסטער אין מאַגיסטראַט. ביי אַלע צרות האָבן מיר געלאַכט פון דער דייטשער אידיאָטישער פּינקטלעכקייט... און אַזוי האָבן זיי סיסטעמאַטיש אויסגערויבט די יידישע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס אין שטאָט. די געשעפטן האָבן געמוזט זיין אָפן לויטן באַפעל פון דער דייטשישער שטאָטישער אַדמיניסטראַציע, פאַרשטייט זיך אַז די הויפּט „איינקויפער" זענען געווען די דייטשן. איך האָב בייגעוווינט אַזאַ מין איינקויף ביי קלעניעצן אין דראָגעריע: אַ קאַפּיטאַן האָט „איינגעקויפט" פאַר העכער 500 זלאָטעס זייפן, אָדעקאָלאָן, פּודער און געהייסן אויסשטעלן די רעכענונגען אויף דער 365־סטער קאָמפּאַני פון דער ארמיי, פאַרנייגט זיך העפלעך, און אַרויס מיט דער סחורה... ביז ס'האָבן אויסגעפעלט אַרטיקלען. האָט ער אָנגעהויבן זאָגן אַז ער האָט נישט מער. האָט מען אים אַרעסטירט. עטלעכע טעג האָט ער געאַרבעט אויף עפנטלעכע שטאָט־אַרבעטן, צוגלייך מיט פּאָליאַקן און יידן, וואָס זענען געווען ערובניקעס פון די דייטשן, און שפּעטער אינגאַנצן

פאַרשווונדן... און מיט אים חיים לעווקאָוויטש (דער אַלעווניק). דער לעצטער איז געווען אַרעסטירט דורך די פּאָליאַקן און איז אַריבערגעגאַנגען „אויטאָמאַטיש״ צו די דייטשן.

יידן ביי צוואַנגס־אַרבעט

אין איינעם אַ טאָג האָבן זיך אין ריפּין באַוויזן גרויסע פּלאַקאַטן אויסגעקלעפּט אין אַלע עקן אין שטאָט. אַלע יידן אין עלטער פון 16 ביז 65 דאַרפן זיך צושטעלן אויפן זאַמל־פּלאַץ, 8.30 פרי האָט זיך די גאַנצע שטאָט יידן דאָרט פאַרזאַמלט, אַלע מענער. די פרויען האָבן זיך באַמיט דערנענטערן צום פּאַרקאַן, זענען זיי פאַריאָגט געוואָרן דורך די דייטשע סאָלדאַטן, וואָס האָבן געהאַלטן אָרדנונג.

דעם טאָג וועל איך קיינמאָל נישט פאַרגעסן! די יידן זענען געווען דערשראָקענע, פאַרסאַפּעטע, פאַר־צווייפלטע, מאָמענטנווייז אויך גרייט אומצוקומען אויף קידוש השם. מיר אַלע האָבן נישט געגלויבט אַז מיר וועלן דעם טאָג איבערהאַלטן. אויסגעשטעלט האָט מען אונז צו פינף, איינעם הינטער דעם צווייטן. יעדער איינער וואָס האָט נישט שנעל באַהערשט דאָס איינ־מושטרירן האָט באַקומען קלעפּ. שפּעטער האָבן זיך אַ שאָט געטאָן שטראָפן, בליץ־שנעלע שטראָפן, אויפן־אָרט־אימפּראָוויזירטע, פאַר הויך אָטעמען, פאַר ציטערן מיט די הענט אָדער מיט די פיס, וואָס האָבן זיך ביי יעדן איינעם געוואָרפן ווי אין אַ הויכן פיבער. אָט הייסט מען לויפן — 100 אָדער 200 מעטער פאַר אַ פינטל טאָן מיטן אויג; פאַר אַ הוסט געבן — שנעל אַרומלויפן דעם גאַנצן גאָרטן. נאָך עטלעכע שעה מאַ־טערנישן האָט זיך אָנגעהויבן דאָס פאָטאָגראַפירן דורך די געסטאַפּאָ־לייט מיט די פאָטאָגראַפיר־אַפּאַ־ראַטן אין די הענט.

צום פינאַל — די „גרויסע״ רעדע פון העכסטן אָפיציר:

„מיר דייטשן האָבן אייך דאָ פאַרזאַמלט, אַלע יודן פון שטאָט, כדי אייך צו זאָגן, אַז איר זענט שולדיק אין דעם קריג! האָט איר פאַרשטאַנען וואָס איך זאָג?! — מיר האָבן נעבעך נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן, האָבן מיר געשוויגן. הויבט ער ווייטער אָן: — האַ! איר שוויגט? הייסט עס, איר זענט זיך מודה?! זייט וויסן, אַז פון איצט אָן דאַרף קיינער פון אייך נישט פעלן אויף יעדן אונזערן רוף! פאַרשטאַנען?! און יעצט וועט מען אייך צוטיילן צו אַרבעטן. אונזערע פונקציאָנערן וועלן אייך אָנווייזן די אַרבעט. עלטערע מענטשן, וואָס האָבן געשעפטן, וועלן אַהיימגיין, און די אַנדערע וועלן דאָ בלייבן, מיר וועלן אייך לערנען ווי אַזוי מען אַרבעט, פאַרשטאַנען?!״

באַלד האָבן זיך באַוויזן די פונקציאָנערן — דאָס זענען געווען ריפּינער דייטשן, וואָס האָבן געפירט די ריפּינער יידן אויף אַרבעט... מיר איז אויסגעקומען צו אַרבעטן אין שפּיטאָל־גאָרטן, ביים איבערלייגן ציגל פון איין אָרט אויפן צווייטן. אַ גאַנצע גרופּע יוגנט האָבן מיר געאַרבעט אַ געוויסע צייט, ביז דער פאַרשאַרפונג פון די רדיפות אין ריפּין.

פוילישע פּאָליציי אין ריפּין
פירט אויס דייטשע באַפעלן

דער קאָמיסאַריאַט פון דער פּאָליציי איז געווען איבערפולט מיט ערובניקעס. די יידישע פאַרשטייער פון דער גמינע, נאָכן אָפּצאָלן אַלע אַרויפגעלייגטע געלט־שטייערן, אַז מען האָט שוין מער נישט געקענט צוזאַמענשאַפן די פאַרלאַנגטע געלטער, — זענען אַרעסטירט געוואָרן צוזאַמען מיט זייערע פרויען און טעכטער, און אַזוי־אַרום פּראָבירט צו פּרעסן געלט. ס׳איז שוין געווען דער לעצטער פּרוּוו, האָט מען טאַקע אין די קעלערס פון דער ריפּינער פּאָליציי דערמאָרדעט די משפּחה קאַהן. מיט די זעלבע הענט פון דער פּוי־לישער פּאָליציי האָבן די דייטשע מערדער דערשאָסן צענדליקער ריפּינער יידן. כ׳וועל אויסרעכענען די נעמען וועלכע איך געדענק: קאַלמאַן, וואָלף הערש גוטפעלד, בענעק קלעניעץ, ישראל ליכטער, טוכענד־לער הערש וואָלף, טוכענדלער משה און אַנדערע. דאָס רוזשענאָווער וועלדל איז פול מיט גריבער, מיט דער־שאָסענע ריפּינער יידן.

די ריפּינער שול ברענט

ס׳איז געווען יום־טוב צייט. מיין שכן איז דאָן געווען אַן עלטערער ייד, שוין מיט אַ גרייז־גרויער באָרד, לענט האָט ער געהייסן, מיט זיין שוואַכער

פרוי,ביידע פרומע. איך בין נישט געשלאָפן. מיר האָבן, איך און מיין מוטער, גערעדט צווישן זיך פאַרשידנס, שטיל אַז קיינער זאָל נישט הערן. ווייזט אויס אַז דאָס אַלטע פאָרפאָלק איז אויך נישט געשלאָפן. פּלוצים הער איך ווי לענט קלאַפּט אין דער דינער וואַנט און פרעגט: ראובן, מיר קענען אַריינקומען? אַדרבא! האָב איך אים געענטפערט.. און באַלד טאַקע זענען מיר געוועזן זאַלבעפערט. מיר קוקן זיך אַלע צו — דער הימל איז געוועזן רויט, און מיר האָבן געזאָגט אַז ס׳איז זיכער די שול וואָס ברענט, און אַזוי איז עס טאַקע געוועזן. דעם צער פון די עלטערע איז נישט צו באַשרייבן. דאָס האַרץ האָט נאָר ווי געטאָן, סיי פאַר דער שול סיי פאַר זייערטוועגן. אונטערציגדן אַ מקום קדוש! האָבן מיר אַלע צוזאַמען געוויינט ביזן גרויען טאָג אַריין.

דאָס זענען שטילע ווערטער, וואָס קומען פון די טיפענישן און מינוטן, ווען די ליפּן זענען פאַרקראַמפּט פון אינערלעכן ביטערן געשריי.

אונזערע עלטערן אויפן געשענדעטן בית־עולם

ווען כ׳האָב אייך אַהער געבראַכט צו אייער אייביקער רו,
אייער נאָמען אויף שטיין אויסגעקריצט מיט שווערער מי,
כדי כ׳זאָל וויסן וו כ׳לאָז אייך, צו דערקענען דאָס אָרט,
קומען אייך זען, דערציילן ווי כ׳לעב, אייך רעדן אַ וואָרט!
און אויך אַמאָל וויינען, אַז דאָס האַרץ איז איבערפולט,
אַזעלכע שווערע טעג, נעכט, ס׳פּלאַצט דאָס געדולד,
געוואָלט לייגן אַ בלימל האָב איך, פאַרפּוצן אייער אָרט,
זיין נעבן אייך, אפשר גאָר שווייגן, נישט רעדן אַ וואָרט. —
איך זוך אייך אַרום מיט די אויגן און קען ניט געפינען!

די שטיינער צעבראָכן, נישטאָ מער קיין סימן.
אייערע ביינער — מיט דער ערד צעאַקערט, ברויט צו געניסן.
וועט איר אַזאַ ברויט עסן זיך נישט מיאוסן?
כ׳האָב אַלץ געזען, די זאַנגען, ווי דער ווינט האָט זיי געבויגן,
און די בלויע קאָרן־בלומעלעך האָבן פון דערווייטן
אויסגעזען ווי אייערע אויגן.
אין די פולע זאַנגען ווי לייבער, די שטרוי — ווי אייערע כיס,
וואָס גייען מיר אַנטקעגן און שרייען: ס׳איז אַ שאַנדע דאָס
צו עסן, ס׳איז זייער, זייער מיאוס!!!

אין דער אלטער היים

כ׳בענק צום יום כפור פון אַמאָל,
נאָך דער וואַרעמקייט פון די ליכט אין שול,
הערן די ברכות פון מיין טאַטן,
דאָס וויינען אין שטוב פאַר שולגאַנג,
נאָכן לעצטן מאָלצייט דעם זאַטן.

נאָכשפּרייזן דעם טאַטן, אונטערטראָגן זיין טלית,
צום זיידן, צו דער באָבען, צו ווינטשן זיי אַלעס,
הערן כל נדרי פון היימישן רעל־תּפילה,
אַהיימטראָגן די רואיקייט אין האַרצן —
אויף צומאָרגנס נאָך נעילה.

מרדכי פורמאַן / אין געטאָ און לאַגער

צום אָנדענק פון מיין געבורטס־שטאָט ריפין, מיינע עלטערן אליהו און מרים פורמאַן ז״ל, וועלכע זענען געשטאָרבן אין געטאָ וואַרשע, מיינע שוועסטער פייגע און רחל אומגעקומען אין אוישוויץ 1942.

איידער איך טרעט צו צום שילדערן דאָס בילד פון גרויסן חורבן זאָל מיר דערלויבט זיין צו דערמאָנען אין קורצע ווערטער יענע טעג פון וואַרעמער און דערהויבנדיקער טעטיקייט פון יונגע און דערוואַקסענע יידן אין ריפין.

אין יאָר 1909 האָבן זיך אין ריפין פאַרזאַמלט 200 בעלי־בתים, און באַשלאָסן צו קויפן באָדן אין ארץ־ישראל. עס ווערן אויסגעוויילט שליחים, איינער פון זיי מיין פאָטער אליהו פורמאַן. לויטן פּלאַן דאַרף יעדער געבן 1000 רובל, וואָס מאַכט אויס 200 טויזנט רובל. די פּיק״אָ וועט באָרגן די אַנדערע 200 טויזנט רובל; מען וועט באַזעצן צייט־ווייליק די משפחות וועלכע נויטיקן זיך אין פרנסה, און די איבעריקע וועלן זיי שטיצן און אויסהאַלטן ביז די ערד וועט געבן אירע פרוכטן. אַבער די זאַך ווערט נישט רעאַליזירט צוליב אַ מעשה מיט פאָרן פרעגן אַ רבין. מיר וואַלטן דאַך געווען היינט פון די גליקלעכסטע, ווייל עס זענען דעמאָלט געווען גרויסע שאַנסן צו רעאַליזירן דעם פּלאַן, אויך צוליב דעם דאַן שוין באַרימטן ד״ר רופּין וואָס שטאַמט פון אונזער שטאָט; און ווי ער שרייבט אין זיינע זכרונות, הייסט



אַ באַזוך פון ליפּנער טורן־פאַראיין אין ריפּין, יאָר 1915

עס זיצן אין דער ערשטע רייע פון רעכטס צו לינקס: **עקיבא פאָזנער, הירש פילאט, מאיר קאַמינסקי, גרינשפּאַן, כתריאל קאהן, אליהו ראָזענשטיין, אשר דאָברזשינסקי, צדוק זאנאבענד**



אַ פוט־באל סעקציע אין ריפּין

פון לינקס צו רעכטס : אוסקער זעלאַן, מרדכי טשאַרנאָטשאַפּקע, קרזעטשאנאָווסקי, שטאַנקע, נענצעל, באָרענשטין שאול, קליינבערג, מענקע, לעווקאָוויץ, באָרשטיין, זעלענאָווסקי

זיין משפחה אויפן נאָמען פון דער אָפּשטאַם־שטאָט ריפּין. זיין עלטער־זיידן האָט מען טאַקע גערופן רופּינער.

אין 1917, אונטערן איינפלוס פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע, גרינדעט זיך אַ דאַנק מיין פעטער יאַנ־קעל לאַסק די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, ווו אין איר שפּיץ שטייען ר׳ שמואל זיינוול פּאָזנער, קלעניעץ און אַנדערע. דער בירגערמייסטער פון שטאָט איז צו יענער צייט שלמה בלאָס.


אין יאָר 1921/2 פאַרלאָזן ריפּין די ערשטע חלו־צים. אַ טייל פון זיי האָבן דורכגעמאַכט אַ פּאַכמענישע הכשרה אין טשענסטאָכאָוו. איינער פון זיי פאַלט אַלס קרבן אין די אַראַבישע אומרוען אין יפו — נייגורעק. אַן איינציקער זון און די גאַנצע שטאָט באַוויינט אים (זיין מוטער און געשוויסטער קומען אום אין 1942 אין אוישוויץ, ווּהין זיי זענען פאַרשיקט געוואָרן פון געטאָ מלאַווע).

1925 — די גרינדונג פון דעם העברעאישן או־ניווערזיטעט אויפן הר־הצופים ווערט געפייערט מיט פיל פּאַראַד און התלהבות דורך דעם ציוניסטישן יידנטום פון ריפּין (איך אַליין שטיי דעמאָלט אויף דער סצענע, האַלט די פאָן פון „השומר הצעיר״).

ס׳געדענקט זיך, ווי ד״ר בראנז האָט אָרגאַני־זירט אַן אימפּרעזע לטובת דער יידישער סטודענטן־היים אין וואַרשע, מיטן אָנטייל פון פרוי קרוּוויצקאַ, טאַבּטשע בראון, פעלאַ פורמאַן, עסטושאַ ליפשטאַט.

עס איז שוין טעטיק די אָרגאַניזאַציע „מכבי״ מיט 2 פוטבאָל־מאַנשאַפטן — די צווייטע אַ שילער־גרופּע. מאַריץ פּילט איז פּאַרזיצער, אַריה דובינסקי און איך — גרופּן־לייטערס.

אין יענער צייט עקזיסטירן אין ריפּין אָרגאַני־זאַציעס פון פאַרשידענע ריכטונגען — פון עקסטרעם־רעכטס ביז עקסטרעם־לינקס, אַפילו אין געהיים קאָ־מוניסטן. אַ כאָר אונטער דער לייטונג פון ה׳ זאַקס



דער חדר מתוקן יאָר 1917 מיט לערער קאַמנעצקי, מחבר פון ספרים: „מורה דעת אלקים“, „בר־מצווה“

ערשטע שורה זיצן פון רעכטס צו לינקס: גרינבערג, ליכטער, די ברידער יעקב וחנן נדרה, אליהו ברמן
צווייטע שורה: רוטמן, מרגלית, המורה קמנצקי, קרזצנובסקי, שטנצל אליקים
שטייען די לעצטע שורה: אחים קלמן ואריה מונטר, אהרן לנט, קלינברג, אריה בלומנצווייג, צבי גרונר

(אומגעקומען אין טרעבלינקע, פאַרשיקט פון געטאָ וואַרשע, 1942), אַ דראַמאַטישער קרייז אונטער דער לייטונג פון פוקאַטש (אומגעקומען אין 1939 אין ריפּין) רעזשיסירט דורך חיים ניסנצווייג מיט זיין פרוי ראָזע פּאָזנער, וועלכע איז אומגעקומען אין געטאָ וואַרשע. עס עקזיסטירן אַלערליי שולן און עס וואַקסט אַ שיינע אין ציוניסטישן גייסט גוט־דערצויגענע יוגנט. אַ גרויסער טייל מאַכט אַדורך הכשרה אין די וויכטיקסטע יידישע גיטער. מען גרייט זיך עולה צו זיין און מען איז טאַקע עולה, לעגאַל און אומלעגאַל. עס גייט אָן אַ דינאַמיש, שעפעריש לעבן, ביז... דעם טרויעריקן טאָג פון מלחמה־אויסברוך.

דער אנהויב פון דער קאטאסטראפע

ריפּין, ווי אַנדערע פוילישע שטעט לעבט דורך די קאַטאַסטראָפע. צוליב דער מלחמה־פּאַניק לויפט מען ניט וויסנדיק ווו, און צו וואָס. ריפּינער יוגנט פאַלט אויף די שלאַכט־פעלדער; עס פאַלן די ערשטע קרבנות פון באָמבאַרדירן — די משפחה שמאַלינסקי אין גאָמבין, באַהאַלטנדיק זיך אין אַ קעלער.

נאָך מער ווי אַ מאָנאַט, ווען די מערדער האָבן באַזעצט פוילן, קערט מען זיך צוריק קיין ריפּין, און דעמאָלט הויבט זיך אָן די ריכטיקע בלוטיקע טראַגעדיע. ריפּין איז אַ שטראָף־שטאָט (די פּאָליאַקן האָבן פאַר דער מלחמה אָנגעטאָן צרות די אָרטיקע דייטשן, נעמט מען כלומרשט נקמה), און די יידן איז דאָך אַ מצווה צו פאַרניכטן. מען אַרעסטירט די קהילה־פאָרשטייער, מען פאָדערט כל מיני קאָנטריבוציעס־

געלט, פּאָטערוואַרג, בײזשוטעריע א. אַנד. שמחת־תורה פאַרברענען די מערדער די שול און בית־מדרש, און הייסן די יידן באַצאָלן אַ גרויסע שטראָף־קאָנטריבוציע, ווייל זיי האָבן די שול פאַרברענט. די יידן מוזן אָפּ־רוימען די חורבות פון די געביידעס. עס ווערן דעמאָלט פון דער אַרבעט אַוועקגענומען 11 פּערזאָן און ווערן דערמאָרדעט.

דער באַפעל צוזשטעלן זיך יעדן טאָג צום אַר־בעטס־אַמט ברענגט טראַגישע סיורפּריזן. די, וועלכע ווערן פאַרשריבן אַלס קראַנקע, ווערן ביינאַכט אַרויס־גענומען פון די בעטן און זייערע שפּורן ווערן פאַר־שווּנדן. אין די קעלערן פון דער אָרטיקער פּאָליציי קומען פאַר דאַנטעס גרויל־סצענעס, טאָג און נאַכט הערט מען אַ שיסעריי, מען מאָרדעט. אַ סך יידן אַנט־לויפן קיין רוסלאַנד, אָדער וואַרשע. אַרום דעם 11־טן נאָוועמבער 1939 ווערן אַרעסטירט ערובניקעס, ווייל די מאַכט וויל נישט מען זאָל פייערן דעם פּוילישן באַפרייאונגס־טאָג. צווישן די אַרעסטירטע געפינען זיך: בער קאַצור, מאָריץ פּילט, פּוקאַטש, אליהו גאָט־ליבאָווסקי, שמעון כהן, יעקב שטענצל, כראַנזשיק, לוקסענבורג, וואַביק, גוטפעלד, אשר קאַפּע, וואַרשאַ־וויאַק, ישראל ליכטער. אין דער צייט האָב איך מיט מיינע נאָענטע געוווינט ביי מאָריץ פּילט. ווען מאָריץ איז נאָך עטלעכע טעג צוריקגעקומען פון דעם אַרעסט, האָט ער ספּאָזמירט דערציילנדיק, אַז אין איין אָוונט האָט מען זיי פאַרלאָדנט אויף אַ לאַסט־אויטאָ און גע־פירט אַרום דער שטאָט. זיי האָבן גערעכנט, אַז דאָס איז שוין זייער סוף, אָבער נאָך עטלעכע שעה האָט מען זיי צוריקגעבראַכט.

אין שטאָט האָט זיך געפילט א ריח פון פרישן בלוט און די ערד איז שוין געווען אָדורכגענעצט מיט מענטשן־בלוט. די נאַכט פון 12 נאָוועמבער 1939 איז אין שטאָט געווען אַ ליל־שמורים. פאַרטאָג זענען מאַסן יידן פון ריפּין אַנטלאָפן, ווייל הגיעו מים עד נפש. געבליבן זענען עטלעכע פאַכלייט, וועלכע די דייטשן האָבן באַשעפטיקט.


דער בלוטיקער גלות־וועג פון ריפינער יידן

מיר, ריפינער יידן, האָבן געליטן דאָפּלט: פון די דייטשע מערדער און פון דער פּוילישער אונטערוועלט.

די רייכערע זענען מערסטנס אַנטלאָפן קיין וואַרשע, די אָרעמערע קיין מלאַווע, פּלאָנסק, טשעכאַנאָוו, מאַ־קווו. אַנדערע האָבן געוואָלט דערגרייכן רוסלאַנד. מיט וועגענער און צופוס האָבן זיך געשלענגלט טרויעריקע קאַראַוואַנעס (עס איז געווען דינסטיק פאַרטאָג ווען פאַרנדיק אין דער ריכטונג פון „יידן־ריינעם" זשוראַ־מין, האָבן אונז באַגעגנט די אַרומיקע פּויערים און גע־פרעגט: וווהין יידן? האָב איך זיי געענטפערט: קיין פּאַלעסטינע).

עס האָט זיך אָנגעהויבן דער טרויעריקער גלות.

איך געדענק וואַרשע, ווו איך בין געווען פון דעצעמבער 1939 ביז אַפּריל 1941 האָב איך באַגעגנט ריפּינער, וועלכע האָבן שווער געקעמפט פאַר אַ ביסן



דאָ איז באַצייכנט דער פּלאַץ, ווו די דייטשע רוצחים האָבן גע־מאָרדעט אין ריפּין די באַפעלקערונג

ברויט און מקנא געווען די יעניקע וואָס האָבן געהאַט וואָס פון זיך צו פאַרקויפן, און לאַנגזאַמער אויסגעגאַנגען פון הונגער, טיפוס, שרעקלעכע וווינונגס־באַדינגונגען, געשלאָפן אויף די פאָדלאָגעס פון בתי־מדרשים, שולן. עס איז אין וואַרשע געווען אַ טרעף־פונקט אויף דער טלאָמאַצקע 11, אין ליטעראַטן פאַריין, דאָרט זענען געווען די אַזוי־גערופענע זשאָמקאָסטוועס. יעדע שטאָט האָט געהאַט איר ועד. די ריפּינער פאָרשטייער זענען געווען משה גאַלאַנט און משה בורשטיין. (עס דערמאָנט זיך מיר ווי אַנומלט האָט זיך מיין אָנקל מאָריץ פּילאַט צו מיר אָפּגערופן: זעסט דעם עולם? זיי אַלע זענען פאַראורטיילט צו פאַרניכטונג, און ליידער איז זיין טרויעריקע נבואה מקוים געוואָרן). נאָך דעם פאַרשליסן דעם געטאָ האָבן יידן פאַרלוירן אַ סך אַרבעטס־פּלעצער. דער הונגער האָט געבושעוועט, מען האָט געכאַפּט יונגע מענער און פאַרשיקט. יידן אין וואַרשע פלעגן טענהן: ווען נישט די פרעמדע, וואָלט נאָך אַזוי שלעכט נישט געווען... איך, נישט האָבנדיק קיין אויסוועג, אַנטלויף פון דעם גהינום קיין מלאַווע!

מלאַווע אַפּריל 1942. געקומען ווי אין אַ גן־עדן מען לעבט און מען עסט ווי פאַר דער מלחמה. אָבער שנעל ענדערט זיך די לאַגע. מען האָט פאַרשלאָסן דעם געטאָ. א סך זענען געגאַנגען אַרבעטן ווו נאָר מעגלעך. מען האָט דאַן געבויט אַ באַן־ליניע מלאַווע — לאָמזשע. איך ווער דאָלמעטשער — גרופּן־פירער איבער 400 יידן, און אַ דאַנק דעם מוז איך נישט פאַרלאָזן מלאַווע. פון מלאַווע איז סוף 1940 געווען אַ גרויסער גירוש אין לובלינער געגנט, איז אַ טייל צוריקגעקומען, אָבער עס ווערט געמסרט און די געסטאַפּאָ לייגט אַרויף איר בלוטיקע האַנט אויפן געטאָ. מען דערשיסט דעם מלאַווער מלך פון געטאָ, פערלמוטער, מען הענגט אויף 12 פּאָליציי־מענער פאַר אַריינלאָזן שמוגל, מען פאַרשיקט כלומרשט שמוגלער, צווישן זיי אויך ריפּינער יידן. דאַן קומט דער בלוטיקער סוף. מען אַרעסטירט אַרום 100 מענער אָן סטאַבילער באַשעפטיקונג, 50 יינגערע פון זיי ווערן דערשאָסן אויף דער לאָנקע ביים טייכל סאַרדאַזש, דאָס יידישע געטאָ מוז דאָס אַלץ צוזען. דעם 1־טן נאָוועמבער 1942 קומט דער באַפעל פון ליקווידירן דעם יידישן נאָך דעמאָלט עקזיסטירנדיקן שטיץ־פונקט אין בעצירק טשעכאַנאָוו — די געטאָס: מלאַווע, פּלאָנסק, ששעריאַנסק, מאַקווו, סטראָגווו. די אַקציע האָט געדויערט ביז העלפט דעצעמבער 1942. די ערשטע, ווי תמיד, ווערן פאַרשיקט די פרעמדע. דעם ערשטן טאָג ברענגט מען פון מאַקווו, 2000 יידן צום פאַרלאָדענען דורך מלאַווע, צווישן זיי די פאַמיליעס: מרדכי נאַנצל, שטאַנקע מאיר, שפּערלינג אברהם מיט פרוי, קינד און זיין מוטער (איר צווייטער מאַן אהרן איז אומגעקומען אין די בלוטיקע טעג פון 1939 אין ריפּין)

דעם 9־טן דעצעמבער אַנטלויף איך פון טראַנספּאָרט פון מלאַווער באַן־סטאַציע צוריק אין געטאָ, און פאַרנאַכט פאַרלאָז איך דאָס געטאָ. מיין שוועסטער פעלאַ גיט מיר דורך דעם פּלויט איר איינציקע 12־יעריקע טאָכטער. צומאָרגנס ווערט זי מיטן לעצטן טראַנספּאָרט פאַרשיקט אין טויטן־לאַגער אָשוויענטשים, ווו עס זענען אויך פאַרשיקט מיין יינגערע שוועסטער רחל מיטן מאַן און קינד. שמואל שמש ליכטענשטיין, זיין זון, טעכטער, נייגורעקס מוטער, שוועסטער (דער איידעם דערמאָרדעט צווישן די 50 קרבנות), צדוק כהן (זיין זון צווישן די 50) און אברהם קאַרעווע, פּאָפּיאָל 2 משפחות, קרישטאַל, דימענט, פאַנטויל (2 ברידער איבערגעלעבט אוישוויץ, איינער פון זיי איז געפאַלן אין די באַפרייאונגס־קאַמפן אין לאַנד קומענדיק פון דייטשלאַנד, דורך קאַפּריסין), זילבערשטיין דער זייגערמאַכער (איין זון פאַרבליבן פון אוישוויץ), סטודענט, געבליבן דער זון יוסף פון אוישוויץ, האָדעסמאַן, ר׳ אליהו רעבע, ל. בראון און פיל אַנדערע, און עס האָט זיך געענדיקט די טרויעריקע פרשה מלאַווע־פּלאָנסק־מאַקווו — גענוי 3 יאָר נאָכן אַנטלויפן פון ריפּין.

אין וואַרשעווער געטאָ זענען נאָך געווען עטלעכע צעריסענע ריפּינער פאַמיליעס, עזריאל, מאַרגוליס, נח לובקויץ, שלמה קאַרעווע, אברהם פּאָזנער, בעריש אַלכסנד, מאָריץ פּילט, צבי גרונער, מיט זיין מוטער, אָבער אויך זיי זענען ליידער אומגעקומען ביים אויפשטאַנד פון געטאָ. פאַרבליבן זענען נאָר דורך אַ נס איינצלנע יחידים: צבי גרונער, חנה פּילט באַפרייט אין בערגען־בעלזען, איך מיט מיין שוועסטערן־קינד האַ־ איינצלנע יחידים.

מרדכי פורמאן /

יוזעף קאלאשינסקי — פון די חסידי אומות העולם

זייער ווייניק זענען זיי געווען פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג, וואָס האָבן אויסגעשטרעקט די האַנט צו העלפן אַ ייד. טרויערנדיק נאָך אונזער קרבנות, וועלן מיר קיינמאָל נישט פאַרגעסן אונזער דאַנקבאַרקייט צו די געציילטע פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג, וואָס האָבן אין דער פינצטערער נאַכט פון שנאה און בעסטיאַלישן מאָרד נישט פאַרלוירן זייער מענטשלעך פנים און ריזיקירנדיק דאָס אייגענע לעבן געהאָלפן אָפּראַטעווען אַ יידיש נפש פון אַ זיכערן טויט.

אין וואַרשע האָט געוווינט אַ ריפינער קריסט יוזעף קאַלאַשינסקי, אין אַ געגנט, ווו עס האָבן געוווינט מערסטנס דייטשן. איך בין אַריינגעקומען צו אים אַן איבערגעטוענער אַלס באַן־אַרבעטער און איך האָב אים דערציילט, אַז עס איז דאָ אַ ריפינער ייד און בעט הילף.


אין שטוב האָט זיך דעמאָלט געפונען אויך יוזעפס פאָטער. דערהערנדיק מיין ביטע, איז ער אויפגעשפרונגען און אויסגערופן: „יוזעף ראַטעווע״!

דאָס איז געווען אַן אויפריכטיק מענטשלעך געשריי. אויך יוזעף האָט זיך באַצויגן מיט אויפריכטיקער גערירטקייט און צוגעזאָגט עפּעס צו טאָן.

מיר האָבן זיך אָפּגעשמועסט צו טרעפן צוזאַמען ביי דער טראַמוויי־סטאַציע, נאָענט פון אייזערנעם טויער.

קומענדיק אויפן אָרט זענען זיינע ערשטע ווערטער געווען, אַז ער געדענקט מיך פון גימנאַזיע. מיר האָבן זיך דערמאָנט פאַרשידענע דערינערונגען פון יענע יאָרן אין ריפין. ענדלעך האָט ער מיר געזאָגט, אַז די איינציקע מעגלעכקייט צו העלפן, זעט ער נאָר אין איבערשיקן געלט.

אָפּשאַצן די גרויסקייט פון קאַלאַשינסקיס טאַט, קען נאָר דער, וואָס האָט געלעבט אין יענער צייט אין וואַרשע, און געזען מיט די אייגענע אויגן דאָס יאָגן זיך פון די פּאָליאַקן נאָך אַ יידיש לעבן. כדי אָפּצוהיטן אין זיך אין יענער צייט דאָס מענטשלעכע געפיל, האָט



Józef Kolasinski יוזעף קאַלאַשינסקי

מען געמוזט האָבן אַ גרויס האַרץ. דאָס האָט פאַרמאָגט יוזעף קאַלאַשינסקי. יעדן ריפינער ייד, וואָס האָט זיך צו אים געוואַנדן, האָט ער געהאָלפן.

עס האָבן ביי אים געבאָרגט געלט: מיין פעטער בער קאַטשער, בעלידעגער און אַ סך אַנדערע. ער האָט כסדר אַריינגעפירט אין געטאָ עסן פאַר געניע מעלין מיט איר משפחה.

קאַלאַשינסקי איז געווען אַ זאַמלער פון קונסטווערק. אָבער אין דער צייט פון וואַרשעווער אויפשטאַנד זענען זיי אַלע פאַרברענט און פאַרניכטעט געוואָרן.

ער איז געווען אונזער ליכטיקער שטראַל אין דער אַרומיקער פינצטערניש. מיר וועלן עס אים קיין מאָל נישט פאַרגעסן!

הרב שמעון הובערבאַנד / # דער חורבן פון שולן, בתי־מדרשים און בתי־עלמינס

פונעם אַרכיוו פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע

אין ריפּין איז געווען אַן אַלט בית־המדרש, וואָס איז געבויט געוואָרן מיט 150 יאָר צוריק. אין בית־המדרש זענען געווען 5 ספרי תורות און אַ גרעסערע צאָל געדרוקטע ספרים. אויך איז דאָרט געווען אַ שול, וואָס מען האָט זי אויפגעמויערט מיט 60 יאָר צוריק; די שול איז געווען זייער אַ שיינע, 2 שטאָק הויך און זייער אַ גרויסע. אין שול זענען געווען 40 ספרי תורות און אַ גרויסע צאָל זילבערנע כלי־קודש.

אין ריפּין זענען געווען 2 בית־עולמס, אַן אַלטער און אַ נייער. דער אַלטער בית־החיים איז געגרינדעט געוואָרן מיט קנאַפּע 200 יאָר צוריק, דער נייער — מיט 40 יאָר צוריק.

אויפן אַלטן בית־החיים האָט געפונען זיין מקום מנוחה דער בראָדניצער רב, וואָס האָט געהייסן זיך פון דאָרטן פירן קיין ריפּין, ווו עס ליגן גרויסע יידן, גדולי התורה.

פרייטיק צו נאַכטס, פרשת בראשית ת״ש, האָבן די נאַציס אונטערגעצונדן און פאַרברענט די שול מיטן בית־המדרש צוזאַמען מיט די ספרי תורות, ספרים און כלי קודש. צומאָרגנס האָבן זיי אַרעסטירט דעם קהילה־פּרעזעס ה׳ שמעון קאָהן אונטער דער באַשול־דיקונג, אַז ער האָט עס אונטערגעצונדן די שול מיטן בית־המדרש. דערנאָך איז די באַשולדיקונג געמאַכט געוואָרן לייכטער און זיך באַגרענעצט צו דעם, אַז אין מלחמה־צייט דאַרף אַלץ גוט געהיטן ווערן, און ער אַלס פּרעזעס, האָט נישט געלייגט קיין אַכט אַז די יידישע הייליקטימער זאָלן גוט געהיטן ווערן...

ביידע בית־החיימס זענען צעשטערט געוואָרן. מען האָט פון דאָרט ארויסגענומען די מצבות, פאַראַקערט די ערד און זיי פאַרוואַנדלט אין גאָרטנס.

יצחק לינדער / # יאָרן פון יסורים און גרויליקן אומקום

ווילאַנד

צומאָרגנס נאָך דעם ווי די שטאָט איז פאַרנומען געוואָרן דורך די דייטשן, איז גלייך אַרויס די פאַראָרדענונג, אַז יידן מוזן טראָגן געלע לאַטעס מיט מגן־דודס און ווען מען זעט אַ דייטש מיט אַ האַקנקרייץ, מוז מען אָפּטרעטן אים דעם וועג און דריי מאָל זיך נייגן פאַר אים און אַראָפּציען דעם הוט.

קראַנקע יידן, וואָס זענען נישט אַרויס פון שטוב און געלעגן אין בעט, האָבן געמוזט אויף די דעקן צונייען אַ געלע לאַטע. ריפינער פאָלקס־דייטשן זענען געגאַנגען איבער די שטובן און קאָנטראָלירט.

דער ראש הקהל שמעון קאָהן, שלמה שטענצל און לוקסענבערג זענען געגאַנגען אין אַ דעלעגאַציע צום דייטשן בירגערמייסטער קנאַפּף, בעטן אים צו פאַרגרינגערן די לאַגע פון די יידן. אָבער ער האָט צו זיי גערעדט גראָב, געזאָגט, אַז עס איז אַ שאָד די צייט אויף אַרויסצוואַרפן רייד.

דריי טעג שפּעטער האָבן די דייטשן אַרויסגעלאָזט אַ באַקאַנטמאַכונג, אַז אַלע יידן זאָלן זיך פאַרזאַמלען אין שפּיטאָל־גאָרטן אויף די פּיאַסקעס.

עס איז געווען אַ קאַלטער סעפּטעמבער־טאָג. ווען מיר זענען שוין אַלע געווען פאַרזאַמלט אויפן פּלאַץ, איז אָנגעקומען אַ גרופּע דייטשן אין שוואַרצע מונדירן. איינער פון זיי האָט געזאָגט: „ווער עס קען דייטש, זאָל אויפהייבן די האַנט״.

זיי האָבן אויסגעקליבן פינף מענטשן און זיי אַוועקגעזעצט ביי פינף טישלעך. אַ דייטש איז אַרויסגעטרעטן מיט אַ רעדע, אַז זיי ווילן העלפן דער יידישער באַפעלקערונג. ווער עס איז קראַנק, זאָל זיך גלייך מעלדן, וועט ער באַקומען שטיצע און נישט דאַרפן אַרבעטן. ווער עס האָט אַ געוועלב, צי אַ וואַרשטאַט, זאָל זיך גלייך רעגיסטרירן, וועט ער באַקומען סחורה און אַרבעט.

די יידן ביי די טישלעך האָבן גענוי רעגיסטרירט און שפּעטער איבערגעגעבן די ליסטעס צו די דייטשן. אויפצומאָרגנס האָבן אַלע געמוזט זיך מעלדן אין דייטשן אַרבעטס־אַמט.

אין דער זעלבער צייט האָט מען אין די גאַסן געכאַפּט יידן און אַריינגעשטופּט אינעם זאַל פון קינאָ. קיינער האָט נישט געוווּסט, וואָס מען טראַכט צו טאָן מיט זיי. צווישן די געכאַפּטע אין יענעם טאָג זענען געווען: קאַלמאַן, ראָזענאָוויטש, קראַנץ, ליכטער, לוקסענבורג, נתן בעקער א. אַ.

גייענדיק אויף פּראַגער־גאַס איז צו מיר צוגעקומען אַ דייטש, אַן אַלטער באַקאַנטער, וואָס האָט געאַרבעט אַלס סטרוזש ביי אַ ייד. ער האָט מיך גראָב אָפּגעשטעלט, דערלאַנגט אַ בעזעם און געפּאָדערט, אַז איך זאָל זיך גלייך נעמען קערן די גאַס.

עס האָבן זיך גלייך אַרומגעשטעלט פּאָליאַקן, צווישן זיי אַזעלכע, וואָס פלעגן מיט מיר האַנדלען. זיי האָבן הויך געלאַכט און אָפּגעחוזקט.

פאַרשמירט מיט שווייס און שטויב האָב איך געקערט און די פּוילישע דורכגייער האָבן מיך באַגלייט מיט שפּאָט און זלזולים. נאָך אַ האַלבער שעה האָט מיין געדולד געפּלאַצט. איך האָב געלאָזט שטיין דעם בעזעם און בין אַריינגעגאַנגען צו מרדכי פּאַפּיול.

איך האָב נישט באַוויזן זיך אָפּצורוען און עס איז באַלד אַריינגעקומען דער זעלבער דייטש און מיך אַוועקגעפירט צום קינאָ, ווו ער האָט מיך אַריינגעשטופּט צווישן יענע אַלטע פאַרהאַלטענע יידן.

די יידן האָבן זיך גלייך אָריענטירט, אַז איך בין דאָ אַריינגעוואָרפן געוואָרן אַן אַ באַפעל און האָבן גענומען אונטערהאַנדלען מיטן דייטשן וועכטער, ער זאָל מיך באַפרייען. זיי האָבן אים פאַררעדט און איך האָב זיך פּאַוואָליע אַרויסגעשאַרט.

אין יענע טעג האָבן די צרות געטראָפן אויך געוויסע פּוילישע גלחים און גוט־באַזיצער, וועלכע מען האָט אויך אַריינגעוואָרפן אין זעלבן קינאָ, ביז זיי האָבן זיך אויסגעקויפט. אַ סך האָט מען אַוועקגעשיקט צוזאַמען מיט די יידן און זייערע משפחות האָבן נישט געוווּסט וווהין זיי זענען אַוועקגעקומען.

אַרויסגייענדיק אין גאַס האָב איך געטראָפן דעם פּוילישן גוט־באַזיצער גניאַזדאָווסקי, וועלכער איז ערשט באַפרייט געוואָרן פונעם קינאָ. זיינע דייטשע פאַראַבקעס האָבן אונטערגעשריבן, אַז ער האָט זיך צו זיי גוט באַצויגן. ער איז געווען פולשטענדיק צעבראָכן און איבערגעשראָקן. איך האָב אים גענומען צו זיך, געגעבן אָפּצועסן און מיר האָבן זיך טרויעריק געזעגנט.

אין עטלעכע וואָכן אַרום האָבן די דייטשן פאַרברענט די שול. באַלד דערנאָך האָבן זיי זיך אַריינגעריסן אין בית־המדרש און געפּאָדערט, אַז מען זאָל ברענגען דעם רב, הרב נוטקיעוויטש, ווייל ער איז פאַראַנטוואָרטלעך דערפאַר וואָס יידן האָבן פאַרברענט די שול.

די דייטשן האָבן זיך געוואָרפן אויף די פאַרשטייער פון דער יידישער קהילה און זיי מוראדיק צעשלאָגן. שפּעטער האָט מען זיי געצוווּנגען אונטערצושרייבן, אַז זיי האָבן אַליין פאַרברענט די שול.

עס איז אַרויס אַ באַפעל צו ברענגען קאָנטריבוציע, פּוטערס, גאָלד און בריליאַנטן. די אַלע, וואָס האָבן עס אַרויפגעטראָגן אויף דער פּאָליציי, האָט מען פאַרהאַלטן און מען האָט זיי מער נישט געזען.

מיט יעדן טאָג איז אַלץ מער געוואַקסן דער פּחד. מען האָט געכאַפּט יידן פון דער גאַס, פון די שטובן און אַוועקגעפירט צו שווערער אַרבעט אויף גאַנצע מעת־לעתן.

עס איז געוואָרן אַ געיעג צו באַקומען אַ באַשייניקונג, אַז מען איז קראַנק. דייטשע דאָקטוירים האָבן פאַר געלט אַרויסגעגעבן אַזעלכע באַשטעטיקונגען, אַ קורצע צייט האָט מען די קראַנקע נישט געטשעפּעט. אין אַ געוויסער נאַכט האָט מען די אַלע קראַנקע אַוועקגעפירט. מען האָט געזאָגט, אַז זיי זענען אַלע דערשאָסן געוואָרן און באַגראָבן אין סטאַראַ־ריפינער וואַלד.

„קיינער וועט נישט גלויבן קיין ייד״

ביי אונז אין שטוב איז געווען אַ דייטשע דינסט, וועלכע האָט שוין געאַרבעט עטלעכע יאָר און איז געווען צופרידן. זי האָט דעריבער אויך איצט נישט געטראַכט פון פאַרלאָזן אונז. אָבער אין איינעם אַ טאָג איז מיין פאָטער אַריינגעקומען צו מיר און געזאָגט, אַז זי וויינט. ווען איך בין צוגעגאַנגען צו איר פרעגן די סיבה, האָט זי מיר דערציילט, אַז עס איז דאָ געווען אַ וועסטפאַלער דייטש און געפאָדערט, אַז זי זאָל אַנקלאָגן מיין פאָטער אויף אַ חוב פון 5 טויזנט זלאָטעס. אַנדערש וועט מיט איר זיין שלעכט.

אונז איז באַפאַלן אַ פחד. מיר האָבן געפילט, אַז מען גרייט עפּעס אַ בלבול און מיין פאָטער האָט באַשלאָסן צו גיין צום דייטשן פאַסטאָר איבערגעבן אים וועגן דעם בלבול.

דער פאַסטאָר האָט אים רואיק אויסגעהערט און געזאָגט, אַז ער קען אים גאָרנישט העלפן. אַזאַ צייט איז היינט. די דינסט וועט זאָגן, אַז עס קומט איר און קיינער וועט נישט גלויבן קיין ייד.

יענער דייטש איז געקומען נאָכן געלט. ווען מיין פאָטער האָט זיך געוואָנדן צו דער דינסט, אַז זי זאָל זאָגן דעם אמת, צי מען איז איר שולדיק געלט, האָט זי נישט געענטפערט, בלויז געוויינט און געהעשעט.

איך האָב אָנגעהויבן פאַרהאַנדלען מיטן דייטש. ער האָט גענומען דריי הונדערט זלאָטעס און איז אַוועקגעגאַנגען. די דינסט איז נאָך עטלעכע טעג געבליבן אין שטוב. באַלד איז אַרויס אַ גזירה, אַז אַ דייטש טאָר נישט אַרבעטן ביי קיין ייד און זי האָט מיט אַ שווער האַרץ פאַרלאָזט אונזער שטוב.

מענטשלעכע הערצער

די לאַגע איז פון טאָג צו טאָג געוואָרן שווערער און דראָענדיקער. מען האָט אָנגעהויבן צו אַנטלויפן פון שטאָט, טאָג און נאַכט געוואָנדערט, געזוכט ערגעץ אַ רואיק אָרט. אויך איך האָב באַשלאָסן צו קויפן אַ פערד און וואָגן, צו קענען ערגעץ איבערפירן דאָס ביסל האָב און גוטס.

אין אַ נאָענטן דאָרף האָב איך געהאַט באַקאַנטע

דייטשן, באַפּטיסטן, צו וועלכע איך האָב געהאַט צוטרוי. אַריינקומענדיק צו זיי אין שטוב, האָט מיר דער אַלטער געזאָגט, אַז איך זאָל אַראָפּגיין אין קעלער, ווייל אין שטוב האָט ער מורא מיט מיר צו רעדן. די זין זענען שוין אין עס־עס און קענען מעלדן וועגן מיר דער פּאָליציי.

אַ גאַנצע נאַכט בין איך געזעסן ביי אים אין קעלער. ער האָט מיך מיטפילנדיק אויסגעהערט און געשיקט נאָך זיינס אַ שכן, אויך אַ דייטש מיטן נאָמען דיגאַל, וועלכער האָט מיר גלייך געגעבן אַ פערד און בשום אופן נישט געוואָלט נעמען קיין געלט.

זיין מענטשלעכע באַציאונג האָט מיך גערירט און איך האָב אים פאַרגעשלאָגן, אַז ער זאָל נעמען מיין מעבל, וואָס איך האָב געקויפט האַרט פאַר דער מלחמה. ער האָט באַשטאַנען, אָבער דורכאויס געפאָדערט, אַז איך זאָל נעמען פון אים געלט. ער האָט מיר געשאַפט נאָך אַ פערד און צוזאַמען מיט זיין זון, אין אַן עס־עס־מונדיר, איז ער מיט מיר געפאָרן קיין ריפין, כדי מען זאָל מיך נישט טשעפּען אויפן וועג.

אַרויס פון ריפּין

מיר האָבן אָנגעהויבן וואַנדערן איבער די שאָסייען און הינטערוועגן, וואָס זענען פול געווען מיט לויפנדיקע, מענער, פרויען און קינדער, הונגעריקע, דערשלאָגענע און פאַרבלוטיקטע. אין קיין שום פּוילישער כאַטע האָט מען קיין ייד נישט געלאָזט איבער דער שוועל, נישט געוואָלט געבן קיין ביסל וואַסער. מיר זענען דורכגעפאָרן זשוראָמין, געטראַכט, אפשר זיך קענען דאָ אָפּרוען, אָבער דאָס שטעטל האָט געברענט און פון אומעטום האָבן זיך געטראָגן געוויינען. קינדער און דערוואַקסענע האָבן הילפלאָז געיאָמערט און נישט געמאָנט, אַז עמעץ זאָל זיי העלפן.

אָנקומענדיק קיין מלאַווע האָבן מיר דערזען, אַז די יידן באַוועגן זיך דאָ פיל פרייער ווי אין ריפּין, טראָגן נישט קיין געלע לאַטעס. מיר האָבן באַשלאָסן צו בלייבן דאָ נעכטיקן, און צומאַרגנס רירן אין ווייטערדיקן וועג, צו דער רוסישער גרענעץ.

פון מלאַווע איז זעכציק פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג שוין געהאַט אַנטלאָפן קיין וואַרשע.

דירות מיט מעבל זענען געשטאַנען ליידיק און קיינער האָט זיי נישט גענומען. עפּעס האָט דאָ אויסגעזען צו זיין שטילער ווי אומעטום. איציק זענדל איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט גענומען אָפּרעדן פון שלעפּן זיך אין ווייטערדיקן וועג אין אַזעלכע קעלטן, מיט קינדער. ביסלעכווייז האָבן אַלע זיך געלאָזט איבער־רעדן און מיר זענען געבליבן אין מלאַווע.

אין אַכט טעג שפּעטער איז אין מלאַווע אַרויס די גזירה, אַז אַלע יידן מוזן זיך רעגיסטרירן, און זענען צוגעטיילט געוואָרן צו אַרבעטס־ערטער און געמוזט טראָגן געלע לאַטעס. צוליב דעם, וואָס איך האָב גע־האַט פערד, בין איך צוגעטיילט געוואָרן צום פירן ציגל.

ביסלעכווייז האָבן מיר זיך צוגעוווינט צו די נייע באַדינגונגען און איך האָב אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אריינכאַפּן זיך קיין ריפּין, ווו איך האָב פריער אויף אונדזער הויף געהאַט באַגראָבן אַ ביסל גאָלד און אַנדערע טייערע זאַכן, מיט וועלכע איך האָב גערעכנט אַרויסצוהעלפן זיך אין דער דאָזיקער שווערער צייט.

מיט די אייגענע פערד איז עס מיר גרינגער געווען צו פּלאַנירן און אָנטועגדיק זיך ווי אַ פּויער בין איך נאָך אַ גאַנצן טאָג פאָרן אָנגעקומען קיין ריפּין. הינטער דער שטאָט האָב איך אָנגעהויבן מורא צו האָבן, עמעץ זאָל מיך נישט דערקענען און איך בין דערפאַר צוגע־פאָרן צו אַ דאָרף, ווו עס האָט געוווינט אַ באַקאַנטער דייטשער פּויער און איך האָב אים געבעטן, ער זאָל מיט מיר אַריינפאָרן אין שטאָט.

אויפן נייעם מאַרק איז געווען פּוסט און פינצטע.ר. איך האָב אָנגעקלאַפּט ביי טשאַרנעצקין, וועלכן איך האָב געקענט פאַר אַ רואיקן פּאָליאַק. ער האָט מיך גאַסטפריינטלעך אויפגענומען און געלאָזט אַריינשטעלן די פערד צו זיך אין שטאַל.

שטיל האָב איך אָנגעקלאַפּט ביי מלך שרענסקי, געוואָלט זיך דערוויסן וואָס עס הערט זיך אין שטעטל. ער האָט נישט געהאַט צו דערציילן קיין באַזונדערע נייעס. יעדער טאָג האָט געברענגט בלויז נייע גזירות. אַלע זענען געווען דורכגעדרונגען מיט פּחד. שניידער און שוסטער האָבן געאַרבעט פאַר די דייטשן און גע־האָפט, אַז מען וועט זיי לאָזן לעבן.

פון מיין פאָרשלאַג, ער זאָל מיט מיר צוגיין צום הויף און העלפן אויסגראָבן דאָס גאָלד, האָט ער נישט געוואָלט הערן. איך האָב געמוזט אַליין אַהינגיין, אָנגע־הויבן גראָבן. אָבער נישט אויפן הויף, נישט אין שטאַל, האָב איך נישט געפונען קיין זכר פונעם באַהאַלטענעם פאַרמעגן.

איך האָב צו זיך נישט געוואָלט צולאָזן צום גע־דאַנק, אַז מיין גאַנצער וועג איז געווען אומזיסט, און אַ באַגאַסענער מיט שווייס האָב איך געגראָבן נאָך טיפער. אָבער גאָרנישט געפינען. כ׳בין געשטאַנען איבער דער צעגראָבענער שטאַל, אַ צעבראָכענער, אַ הילפלאָזער.

עס איז געווען קלאָר, אַז עמעץ האָט גלייך נאָך אונזער אַרויספאָרן גענומען זוכן און געפונען דעם אוצר.

דער וועג צוריק קיין מלאַווע איז געווען נאָך גע־פערלעכער. אין ריפּין בין איך אין דער לעצטער מינוט, אַריינגייענדיק עפּעס קויפן אין אַ שפּייז־גע־וועלבל, דערקענט געוואָרן דורך אַ יינגן דייטש, וועמענס פעטער האָט מיר געשאָנקען אַ פערד, און ער האָט מיך גלייך געוואָלט אָפּפירן אויף דער פּאָליציי. כ׳האָב געזען, אַז דער עיקר גייט אים אין די זאַכן, וואָס ער האָט געזען ביי מיר, האָב איך אים אַלץ איבערגעלאָזט און בין אַוועק. גיך איינגעשפּאַנט די פערד און צוגעפאָרן צום דאָרף סטעמפּאַווע, ווו איך האָב איבערגענעכטיקט די נאַכט און צו מאָרגנס צו־ריקגעפאָרן קיין מלאַווע.

אין שטוב האָבן אַלע רואיק אויפגענומען די בשורה פון פאַרשווונדענעם אוצר. מען האָט זיך גע־טרייסט, אַז עס האָט געקאָנט זיין ערגער.

די ריפּינער אין מלאַווע

די 120 ריפּינער, וואָס זענען געווען אין מלאַווע האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען, געשאַפן אַ קאָמיטעט. פון די 120 זענען 70 געווען פרויען, איינזאַמע, וועמענס מענער זענען געווען אין מיליטער און נישט צוריק־געקומען, אָדער אַוועק קיין רוסלאַנד און געמיינט, אַז זיי וועלן קענען אַהינגעמען זייערע פרויען.

אין קאָמיטעט זענען אַריין זעקס מענטשן: נחום קאָהען, עזריאל ווייסמעל, שמואל שמש, איך און נאָך

צווי יונגעלייט. אונזער גרעסטע זאָרג איז געווען צו שאַפן הילף פאַר די איינזאַמע פרויען מיט זייערע קינדער.

אינגיכן זענען פאַרשוווּנדן די „רואיקע" טעג. מען האָט די ייִדן פאַרזאַמלט אין מיטן מאַרק, געמאַכט רעגיסטראַציעס און „שפּילן", געיאָגט אַלטע לייט איבערן מאַרק און געהייסן זיי שפּרינגען איבער שטע־כיקע פלויטן. נאָך יעדן „שפּיל" זענען אויף די גאַסן געבליבן ליגן עטלעכע טויטע, צעשלאָגענע, מיט צע־בראָכענע הענט און פיס.

עס איז אַרויס אַ געזעץ, אַז ייִדן מוזן פאַרלאָזן די אַרומיקע קלענערע שטעטלעך און זיך באַזעצן אין מלאַווע. זיי האָבן זיך געשלעפּט צופוס און געבליבן ליגן אין מאַרק, ווייל עס זענען שוין נישט געווען קיין ליידיקע דירות. אין יעדער שטוב האָבן שוין געוווינט 3—2 משפחות. ביי אונז האָבן שוין געוווינט עלף מענטשן.

דורכגייענדיק דעם מאַרק האָט מיין פאָטער דער־זען אַ פרוי מיט דריי קינדער, וואָס האָבן נישט ווו אַריינצוגיין. ער האָט זיי מיטגענומען מיט זיך און אָפּגעטרעטן זיין ווינקל. אַליין איז ער געווען גרייט צו גיין שלאָפן אין שטאַל, אַבי נישט לאָזן די קינדער אין גאַס.

שפּעטער, ווען מען האָט אין מלאַווע געמאַכט אַ געטאָ, האָבן אין איין שטוב געוווינט זעכציק און הונדערט מענטשן, און דאָס האָט מען אָנגענומען פאַר ליב אַבי נישט אַריינצופאַלן אין די טראַנספּאָרטן פון נישט־פּאַיקע צו דער אַרבעט.

איבער מלאַווע האָט געהאָנגען דער גרויל פון אוישוויץ. די דייטשן האָבן גענומען פאַרשפּרייטן קלאַנגען, אַז מלאַווע ווערט אָנגעשלאָסן אין רייך, און פון דאַנען וועט מען קיינעם נישט אַרויסשיקן.

דער ייִדן־עלטסטער אין מלאַווער געטאָ, פּערל־מוטער, איז געווען אַן איידעלער מענטש און אויסגע־נוצט יעדע געלעגנהייט צו העלפן די מענטשן, גע־גאַנגען צו די דייטשן בעטן און גאַנץ אָפט געפּועלט, ביז אים איז איינגעפאַלן אַראָפּצוברענגען זיך זיין כלה פון וואַרשע. ער האָט וועגן דעם געמאָלדן אין שטאַב פון דער עס־עס אין מלאַווע און אַרויסבאַקומען אַ דערלויבעניש צו פראַווען אַ חתונה. דער עס־עס־־אָפי־ציר האָט אים געהייסן נעמען אַן אָרקעסטער און מען האָט געטאַנצט אַ גאַנצע נאַכט. אָבער אין דער פרי האָט מען אים גערופן אויף דער פּאָליציי. אין אַ שעה אַרום האָבן שוין אַלע געוווּסט, אַז ער איז דער־שאָסן געוואָרן אויף די טרעפּ פון דער פּאָליציי.

אויף זיין אָרט איז געקומען אַן אונטערוועלט־מענטש, וואָס האָט אָנגעטאָן צרות דער באַפעלקערונג, נישט געשוינט אַפילו דעם אייגענעם ניינצן־יאָריקן זון, וואָס האָט זיך פאַרליבט אין אַ מיידל, וועלכע איז דעם פאָטער נישט געפעלן. ער האָט אונטערגעשיקט עס־עס־לייט און מען האָט זיי אַרעסטירט און אַוועק־געשיקט.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן עפנטלעכע עקזעקוציעס. פאַר די מינדסטע זאַכן האָט מען געהאָנגען, אין מאַרק, אין קעגנוואַרט פון אַלע ייִדן. קיינער האָט נישט גע־טאָרט בלייבן אין שטוב.

איין מאָל האָבן די דייטשן בעת אַ רעוויזיע גע־פונען ביי אַ פּאָליאַק אַ פּאָר נייע הויזן, וואָס ער האָט געקויפט אין געטאָ. אַלס שטראָף האָט מען אויפגע־האָנגען צוועלף ייִדישע פּאָליציאַנטן.

אין פאַרמאַכטע וואַגאָנען

אין דעצעמבער 1942 איז אין מלאַווע פאָרגע־קומען די 2־טע אַקציע פון אָוועקפירן ייִדן קיין אויש־וויץ. מען האָט גענומען רעגיסטרירטע לויט א"ב. מען האָט געהייסן מיטנעמען באַגאַזש, ווייל מ'פאָרט כלו־מרשט אויף אַרבעט.

צווי טויזנט מענער, פרויען און קינדער זענען געווען פאַרזאַמלט אויפן פּלאַץ. איך האָב געוווּסט, אַז מען נאַרט אונז, אַז עס דערנענטערט זיך דער סוף. אָבער מיר זענען שוין געווען מיד, פאַרמאַטערט פון די פּיין און עקזעקוציעס און נישט געקענט טראַכטן פון אַנטלויפן.

די פיר קילאָמעטער צו דער באַן־סטאַציע זענען מיר געגאַנגען צופוס. פון ביידע זייטן וועג זענען גע־שטאַנען פּאָליאַקן, און געלאַכט און געחוזקט, גע־מונטערט די עס־עס־לייט, זיי זאָלן שטאַרקער שלאָגן די אָפּגעשטאַנענע, וואָס האָבן שוין נישט געהאַט קיין כוח צו שלעפּן די פיס.

צווי טעג און אַ נאַכט האָט דער טראַנספּאָרט זיך געשלעפּט אויפן וועג קיין אוישוויץ. אינדרויסן איז געווען קאַלט, אָבער אין די וואַגאָנען איז געווען אַ היץ נישט צום אויסהאַלטן. קינדער האָבן זיך גע־שטיקט און אויסגעגאַנגען. יעדער וואַגאָן איז געווען אָנגעשטופּט מיט מענטשן איבער די ברעגעס — אָן עסן און אָן טרינקען.

אָט אַזוי זענען מיר געפאָרן פאַרמאַכטערהייט אָן אַ ביסל לופט. מיר האָבן נישט געוווּסט געניו ווו מיר פאָרן. טייל האָבן געוווּסט צו דערציילן, אַז די דייטשן האָבן אויפגעשטעלט ריזיקע אויוונס צו פאַרברענען מענטשן. אַנדערע האָבן אָפּגעלייקנט, אַז אַזעלכעס איז גאָרנישט מעגלעך...

ענדלעך איז דער צוג געבליבן שטיין. עס איז געווען נאַכט. די טירן פון די וואַגאָנען האָבן זיך לסוף אויפגעפּראַלט און די עס־עס־זעלנער מיט ראַפּ־ניקעס, ביקסן און באַגנעטן אין די הענט האָבן גע־שריגן מיט גראָבע קולות, ברוטאַל געטריבן אונדז פון די וואַגאָנען און געשלאָגן מיט די קאָלבעס איבער די קעפּ פון פרויען און קינדער. יעדער, וואָס האָט גע־פּרוּווט כאַפּן זיין קינד, האָט זיך באַלד באַגאָסן מיט בלוט. די קענדער זענען דורך די זעלנער געכאַפּט געוואָרן ביי די פּיסלעך און אַרויפגעוואָרפן געוואָרן אויף די אויטאָס, וואָס האָבן שוין געוואַרט.

דער טומל צווישן די מענטשן איז געווען אומגע־הויער. מען האָט אונדז אויסגעשטעלט אין אַ ריי, מע־נער באַזונדער און פרויען באַזונדער. דער פּלאַץ איז געווען אַ ריזיקער און איז געווען באַלויכטן מיט פּראָזשעקטאָרן.

מיר האָבן זיך געפונען אין אוישוויץ.

אין אוישוויץ

באַלד האָט מען גענומען אויסקלויבן מענטשן, וואָס זאָלן זיין פעאיק צו דער אַרבעט. הונדערטער עס־עס־לייט זענען געשטאַנען און אַכטונג געגעבן, אַז קיינער פון די אויסבראַקירטע זאָל זיך נישט אַריינ־כאַפּן צו דער גרופּע, וואָס איז געשטאַנען רעכטס און איז באַשטימט געוואָרן אַלס פעאיקע צו דער אַרבעט.

דערנאָך האָט מען אונדז אויפגעלאָדן אויף אויטאָס

און אַוועקגעפירט. די עס־עס־לייט אויף מאָטאָציקלען זענען אונדז נאָכגעפאָרן. ענדלעך זענען מיר אַריינ־געפאָרן צווישן די בלאָקן. מען האָט אונדז באַפוילן אַראָפּצוגיין און ווידער אויסגעשטעלט אין אַ ריי. מיר האָבן מאַרשירט און מען האָט אונדז צוגעפירט צו אַ באָד־באַראַק און געהייסן אויסטאָן, אָפּגעבן די זאַכן און יעדער, וואָס האָט גאָלד, דאַרף עס גלייך אויפן אָרט אָפּגעבן. אַנדערש ווערט ער דערשאָסן.

אַרום אונדז האָבן זיך געדרייט פּאָליאַקן מיט באַנ־דיטישע פּנימער. זיי האָבן געדאַרפט זיין אונזערע אַפּו־טרופּסים ביי דער אַרבעט. ווען מען האָט אונדז אַריינ־געפירט אין באָד, זענען זיי געבליבן אינדרויסן.

אין באָד איז געווען אַזאַ ענגשאַפט, אַז איינער איז ממש געשטאַנען אויפן צווייטן. די היץ איז געווען נישט צום אויסהאַלטן. עס האָט פאַרפעלט אָטעם און דאָ האָט עמעץ גענומען שרייען, אַז מען גייט אונדז פאַרגאַזעווען. אַן אַנדערער האָט צוגעגעבן, אַז דער־פאַר האָבן זיי אונדז איבערגעלאָזט די פּאַסקעס אויפן נאַקעטן קערפּער, כדי מען זאָל אונדז קענען לייכטער אַרויסשלעפּן פון דאַנען.

ווידוי

עס האָבן זיך אויפגעהויבן שוידערלעכע געשרייען. מען האָט געקוקט צום סופית, פונוואַנען עס דאַרף נעמען שטראָמען דער גאַז. פיל יידן האָבן פאַר שרעק גענומען זאָגן ווידוי. ווער עס האָט געקענט אויסנ־ווייניק האָט געזאָגט מיטן אַנדערן. די דאָזיקע יידן האָבן נאָר געטראַכט פון מציל זיין די נשמה. פון דרויסן האָט זיך געהערט דאָס געלעכטער פון די פּאָליאַקן.

נאָר באַלד איז אַלץ שטיל געוואָרן. די געוואַלדן און געוויינען האָבן אויפגעהערט. פון סופית האָט גע־נומען שפּריצן מיט וואַסער, פּשוט וואַרעם וואַסער. דעמאָלט האָט זיך דערוועקט מער האָפענונג צום לעבן. און נאָכן באָדן זענען מיר אַרויס אינדרויסן ווו נאַקע־טערהייט האָבן מיר געמוזט מאַרשירן איבערן פּלאַץ. די קעלט איז געווען נישט צום אויסהאַלטן. אונזערע פּוילישע אויפזעער האָבן נישט געזשאַלעוועט קיין קלעפּ. אָט אַזוי האָט מען אונדז אַריינגעפירט אין לאַגער־קראַנקנהויז, ווו מען האָט אונדז אַרומגעשוירן, געגעבן

די „פּאַשיאַקעס" און יעדערן אויפגעצייכנט אויף דער האַנט זיין נומער.

עס־עס־לייט האָבן געהירזשעט, געשריגן און גע־לאַרעמט. אויך די פּוילישע אויפזעער האָבן אונטער־געיאָגט מיט געוואַלדן און געשרייען. אויף צומאָרגנס, נאָך אַ גאַנצער נאַכט נישט שלאָפן, האָט יעדער באַ־קומען אַ שטיקל לייוונט, אויף וועלכן עס איז געווען אָנגעשריבן דער נומער פון זיין האַנט און מיט אַ צו־גאָב פון אַ מגן־דוד. דאָס האָט מען געדאַרפט אַרויפנייען זיך אויפן רעקל און אויף די הויזן. איינער האָט געקוקט אויפן צווייטנס אויסטערלישע בגדים מיט די פּאַסן און זיך געפילט ווי צירק־קלאָונען, וואָס עמעץ שפּילט זיך מיט אונז.

יעדער פון אונז האָט געקריגן צוגעטיילט זיין בלאָק. מיר זענען געווען עטלעכע הונדערט מאַן אין אַ בלאָק. אין מיין בלאָק נר' 22 זענען געווען אויך עטלעכע ריפּינער, ביידע ברידער גאָלדשטיין, קרו־פּיאַזש א. אַ. אונזערע געלעגערס זענען געווען דריי־שטאָקיקע. איך בין געלעגן אויף אַן אויבערשטן שטאָק. אַ מאָל איז עס געווען אַ מעלה: דער קאַפּאָ האָט זיך שטענדיק געוואָרפן שלאָגן פריער די אונטערשטע.

ווען עס האָט אָנגעהויבן קלינגען דער גלאָק האָבן מיר כהרף עין געדאַרפט זיין אויפן אַפּעל־פּלאַץ. דאָרט האָט מען אונז געציילט. מיר, אין דעם לאַגער מאַנאַ־וויצע, זענען געווען צוויי טויזנט מאַן, יידן פון פאַר־שידענע לענדער, פון האָלאַנד, עסטרייך, טשעכאָסלאָ־וואַקיי און פּוילן.

מאַרשירנדיק צום טויער צו דער אַרבעט האָט צוגעשפּילט אַן אָרקעסטער און מיר האָבן געמוזט שטעלן די טריט צום טאַקט. דער קאַפּאָ האָט אַ גע־שריי געטאָן: „מיצען אַפּ!" — האָט יעדער געמוזט מיט איין צי אַראָפּכאַפּן דאָס היטל, און אַ קלאַפּ טאָן אין רעכטן פוס.

אַזוי האָבן מיר מאַרשירט צום טויער, ווו די עס־עס־לייט האָבן אונז איבערגעציילט, וויפל מיר זענען אַרויס צו דער אַרבעט. צוריק פון דער אַרבעט האָט זיך ווידער אָפּגעשפּילט די זעלבע צערעמאָניע, און די עס־עס־לייט האָבן אונז ווידער געציילט, צי עמעץ פעלט נישט.

מיין ברודער באַהאַלטן צווישן טויטע

איך האָב געאַרבעט ביי ציען קאַבלען און גראָבן פּניאַקעס. יעדן טאָג איז די גרופּע געוואָרן וויניקער. דער טויט איז געקומען ווי אַ דערלייזער. דאָך האָט יעדער קאָנוולסיוו געקלאַמערט זיך אין לעבן.

איך האָב אַרויסגענומען מיינע לעצטע גאָלד־רעזערוון, וואָס איך האָב געהאַט איינגענייט אין אַ שטיוול, און גענומען זיך צום שאַפן אַ שטיקל ברויט, פאַר מיר און פאַר מיינע נאָענטסטע שכנים, דעם ריפּינער שלמה קאַרעוואַ און אַנדערע.

דערוויסנדיק זיך, אַז מיין ברודער געפינט זיך אין אַ נאָענטן לאַגער, האָב איך אָפּגעקויפט אַ קאַפּאָ, ער זאָל אים אַרויסקריגן פון דאָרט און ברענגען צו מיר. אַ קורצע צייט האָב איך אים באַהאַלטן ביי זיך. צוליב די אָפטע רעוויזיעס האָב איך אים אַ געוויסן טאָג געמוזט האַלטן צווישן די טויטע איידער מען האָט זיי געפירט צום פאַרברענען.

איך וועל זיך נישט פאַרהאַלטן אויף די באַשריי־בונגען פון טאָג־טעגלעכע געשעענישן. זיי חזרן זיך איבער און איך וועל זיך אָפּשטעלן נאָר אויף די וויכטיקסטע, קודם כל מיין אַריינפאַלן אין דער „זאָנ־דער־קאָמאַנדע".

דאָס איז געווען אַ שוידערלעך שטיקל אַרבעט, וואָס די היטלעריסטן האָבן צוגעטראַכט. אין דעם ביר־קענאַו־לאַגער (היינט בזשעזשין), פון דעם גרויסן טויט־קאָמבינאַט אוישוויץ, ביי די קרעמאַטאָריעס, האָבן די היטלעריסטישע פעלקער־מערדער געשאַפן אַ זאָנדער־קאָמאַנדאָ" פון עטלעכע הונדערט יידן, וואָס זייער אויפ־גאַבע איז געווען צו „באַדינען" דעם שטח פון די קרעמאַטאָריעס און צו פאַרברענען די הונדערטער טויזנטער מתים, די קרבנות פון די גאַז־קאַמערן. אָפּטמאָל האָבן זיי אויך געמוזט אויספירן טויט־אור־טיילן. אין די „זאָנדער־קאָמאַנדאָס" האָבן זיך געפונען יידן פון פּוילן, גריכנלאַנד, אונגאַרן און פראַנקרייך.

די דאָזיקע מענטשן האָבן געלעבט אין פאַרהעלט־ניסמעסיק בעסערע באַדינגונגען. דאָך האָבן זיי נישט געקענט אויסמיידן די אַלערליי קראַנקהייטן און גרוילן. מען פלעגט אַרויסגיין צו דער אַרבעט קוים שלעפּנדיק די פיס. עס האָט געטראָפן, אַז מען איז געווען אין

זעקסטן זיבעטן טאָג פון דער טיפוס־קראַנקהייט און געמוזט אַכטונג געבן, אַז די דייטשן זאָלן עס נישט באַמערקן. ביי דער אַרבעט האָט מען זיי געדעקט, געשיקט צו דער „אש־קאַלאָנע", ווו זיי זענען געזעסן, געגראַבלט אינעם אַש פון די פאַרברענטע און געזוכט גאָלד.

אויך אין באַראַק האָבן מיר שטומערהייט אָרגאַניזירט הילף פאַר די קראַנקע. איך אַליין פלעג אָפטמאָל עטלעכע מאָל אין דער נאַכט אַראָפּגיין און צולייגן די קראַנקע קאַלטע קאָמפּרעסן.

דער אונטערשטורמפירער פלעגט אָבער קאָנטראָלירן ווער עס זעט שלעכט אויס, און איזאָלירט די קראַנקע און אין אָוונט איז געקומען אַן אויטאָ, צוגעפירט צום „קראַנקנהויז", וואָס איז געווען די קרעמאַטאָריע. די קראַנקע האָט מען צוגעפירט צו דער אָפענער טיר פון ברענענדיקן אויוון. דער שאַרפירער האָט יעדן אַריינגעשאָסן אַ קויל אין קאַרק און גלייכצייטיק געטאָן אַ קאָפּע מיטן פוס און דער דערשאָסענער איז אַריינגעפאַלן גלייך אין „קראַנקנהויז". ביז אין דער פרי איז נאָך אים נישט געבליבן קיין שפור.

עס זענען געווען טעג, ווען מען האָט אויף יעדן אַפּעל קאָנטראָלירט ווער עס האָט אַ ווייסע צונג. דאָס איז גענוג געווען געסטעמפּלט צו ווערן אַלס קראַנקער און שיקן אים אין אויוון אַריין. די קראַנקע האָבן דערפאַר פאַרן אַפּעל געריבן זיך די צונג מיט האַרט ברויט ביז זי איז געוואָרן רויט.

די „בראַנדשטעלע"

איך בין געוואָרן צוגעטיילט צו אַ נייעם אַרבעטס־אָרט, צו דער „בראַנדשטעלע". מע לייגט אַן שיכטנווייז די טויטע, וואָס אַמאָל העכער און העכער. די טרעגער וואַרפן אַן די טויטע און די אַנדערע לייגן זיי אויס אין אַ ריי, לויט דער גרויס און וואָג.

שפּעטער באַגיסט מען זיי מיט בענזין און מען וואַרפט אַרויף אַ ברענענדיקע שמאַטע. עס אַנטשטייט אַזאַ אויפרייס, אַז דער הימל ווערט אַזש שוואַרץ פון רויך.

שפּעטער ווערט דאָס דאָזיקע אָרט באַדעקט מיט פלאַנצאַציעס, גראָז, קוסטעס און בלומען. מען קען שוין נישט דערקענען וואָס דאָרט איז געשען. די ערד איז בלויז אַ ביסל געפלאַצט. זי איז דורכגעזאַפּט מיט מענטשלעך בלוט. בלויז אַ קליין שטיקל אָרט איז געבליבן באַדעקט מיט אַש. דאָרט גראַבלען נאָך אַלץ די מענטשן פון „אַשקאָלאָנע". די דייטשן רופן זיי „די גאָלדזוכער פון אַלאַסקאַ".

אין דער „זאָנדער־קאָמאַנדאָ" זענען געווען אַ סך מענטשן, וואָס האָבן געטרוימט וועגן פאַרוואַנדלען זיך פון אַ שקלאַף מיטן ביטערן געפיל, אַז ער פירט אויס אַ מיאוסע עקלדיקע אַרבעט, אין אַ ווירדיקן בונטאַר. עס האָט דאָרט עקזיסטירט אַן אונטערערדישע גרופּע, וועלכע האָט געהאַט אַ קאָנטאַקט מיט שכנותדיקע פאַבריק־גרופּעס און אויך מיטן אינטערנאַציאָנאַלן קאָמיטעט פון ווידערשטאַנד אין לאַגער, וועלכער האָט מיט אַלע כוחות אָפּגעהאַלטן די יידן פונעם אויפשטאַנד.

איזאָלירט פונעם קאָמיטעט האָבן די מענטשן פון דער „זאָנדער־קאָמאַנדאָ" נישט רעזיגנירט פון זייער געדאַנק. אין אָקטאָבער 1944 איז אויסגעבראָכן דער בונט פון דער „זאָנדער־קאָמאַנדאָ", דער איזאָלירטער בונט אָן דער מיטבאַטייליקונג פון דעם קאָמיטעט. בלויז אַ גרופּע יידישע מיידלעך פון שכנותדיקע לאַגער־פאַבריקן האָבן מיטגעהאָלפן די זאָנדערלייט, צוגעשטעלט זיי אויפרייס־און צינד־מאַטעריאַל, מיט וועלכן זיי האָבן אונטערגעצונדן די קרעמאַטאָריע־געביידעס.

די מיידלעך האָבן דערפאַר באַצאָלט מיט זייערע לעבנס. דער בונט איז דערשטיקט געוואָרן אין בלוט. אַלע זיינע אָנטיילנעמער זענען אומגעקומען. איך האָב זיך דעמאָלט געפונען אויף אַן אַנדער אָרט.

איך חזר איבער, אַז עס איז אוממעגלעך צו באַשרייבן אַלע איבערלעבונגען פונעם לאַגער ביזן טאָג פון אונזער באַפרייאונג, ווען מיר זענען שוין געווען נישט מער ווי שאָטנס. דאָך האָבן מיר אויף קיין איין מינוט נישט אויפגעהערט צו גלויבן, אַז עס וועט קומען דער טאָג פון באַצאָלונג פאַר די בעסטיאַלישע מערדער. אָבער קיינער פון אונז האָט נישט געטראַכט, אַז ער וועט עס דערלעבן און קענען דערציילן פאַר דער וועלט די שוידערלעכע געשעענישן פון יענער גרויליקער צייט.

א. טשאַרקאַ / אין טויטן־לאַגער

אין אַ קליין, נידעריק שטיבל אין ריפּין וווינט דער ניצל־געוואָרענער מאיר קרופּיאַזש. איך האָב אים געטראָפן נאָך דער אַרבעט, מיר האָבן זיך צוגעזעצט צום טישל און ער האָט מיר דערציילט ווי אַזוי מען האָט אים מיט זיין פרוי און קינד איבערגעפירט אין לאַגער.

אויף גרויסע לאַסט־אויטאָס האָט מען גענומען פּאַקן די מענטשן, איינער אויף דעם צווייטן, עס האָט געמוזט זיין שטיל. אַלע האָבן געוואַרט מיט אומגעדולד ביז מיר וועלן שוין אָנקומען צום באַשערטן אָרט. ענדלעך, נאָך גרויס מי און איבערמענטשלעכע מאַטערנישן, זענען מיר שפּעט אין דער נאַכט אָנגעקומען צום לאַגער אוישוויץ. דאָ האָט מען אַלע אַראָפּגעלאָזט, אויסגעשטעלט אין צוויי רייען, מענער און פרויען מיט קינדער. די נאַכט איז געווען מוראדיק פינצטער, אַ דראָבנער רעגן האָט געטריפט. די געמיטער זענען געווען דערדריקט און דערשראָקן. יעדער האָט געוויינט. ביי מיר האָט מער ווי אַלע מאָל דאָס האַרץ גענומען קלאַפּן. האָט מען דאָך נאָר־וואָס ביי מיר צוגענומען מיין ווייב און קינד און אַוועקגעשטעלט אין איין ריי מיט אַלע פרויען. איך האָב געוווסט, אַז דאָס איז די ריי פון שוואַכע מענטשן, און אַז זייער גורל איז — גאַז־קאַמערן און קרעמאַטאָריע. ווי פאַרקלעמט האָט זיך ביי מיר מיין האַרץ פון דעם אומגליק פון מיין ליבער פרוי און איינציקן קינד! איך קען זיי אָבער וועגן דעם נישט זאָגן, איך מוז זיך בייסן די ליפּן און שווייגן. מיט וואָס האָבן זיך מיין פרוי און מיין קליין עופהלע פאַרזינדיקט? און וואָס זענען שולדיק די איבעריקע מענטשן וועלכע שטייען צוזאַמען מיט איר אין דער ריי? איין געדאַנק האָט מיך דאַן באַהערשט: עס מוז בלייבן איין ייד, וואָס זאָל דערנאָך דערציילן דער וועלט ווי מען האָט אונז, יידן, אומשולדיק אויסגעמאָרדעט.

שטייענדיק אַזוי אָפּגערוקט אין דער ריי פון דערווייל־אויסדערוויילטע, „געזונטע", זע איך ווי מען פּאַקט די אַלע שוואַכע צוריק אויף לאַסט־אויטאָס, און די לופט איז אָנגעפילט מיט געשרייען און שרעקלעכן געוויין. קינדער שרייען „מאַמע", פרויען רופן זייערע איבערגעבליבענע מענער. מען לאָזט אָבער קיינעם נישט אַרויס פון די רייען, כאָטש זאָגן דעם ווייב אַ „זיי געזונד"", כאָטש אַרומנעמען דאָס קינד און עס געבן אַ לעצטן קוש.

מיינע ליפּן האָבן שטיל געשעפּטשעט מיט אַ דערשטיקטן געוויין: שוין אַלץ געענדיקט, געבליבן אַליין ווו אַן אונטערגעהאַקטער בוים... שטייענדיק אַזוי הערט מען פון גאָר־ווייט נאָך אַלץ דאָס געיאָמער פון מענטשן, וועלכע האָבן זיך געזעגנט מיטן לעבן אויף אייביק, מערדעריש אַוועקגעריסן געוואָרן פון אונז אין די גאַז־קאַמערן צום פאַרברענען...

מאיר ליפקע /

וועגן א מיידעלע און א ליאלקע

געשריבן און רעציטירט אין טויטן־לאַגער אוישוויץ, 1944

גערווידמעט די ריינע נשמה׳לעך פון די קינדער
פון מיין שטאָט, ריפין וואָס זענען פאַרציקט
געוואָרן דורך מענטשן־חיות אין אוישוויץ און
מאַידאַנעק.

פינצטער אין קעלער, אַ שטילער גערויש:
אַ מיידעלע שפּרינגט אינעם ווינקל, אין קויש.
קעגנאיבער אויף דר׳ערד — ווי אַ גלעקעלע קלינגט,
מיט איר ליאַלקע אַ מיידעלע שפּילט זיך און זינגט:

„איי־ליו־ליו־לי, שלאָף איין מיין קינד,
ווײַן ניט מיין טעכטערל, ווײַן ניט אַצינד,
דער טאַטע וועט קומען, וועט ברענגען אַ סך
זון פון דער גאַס, וואַסער פון טייך...
איי־ליע־ליו־לי, ליו־לי־ליו".

די מאַמע זי הערט — ס׳האַרץ טוט איר ווײ,
באַלד ברעכט אויס אַ געוויין, געשלוקעכץ, געשריי:
דעם טאַטן, איר מאַן, ווען אַוועק זוכן ברויט,
האָט אַ מערדערישע האַנט דערשלאָגן צום טויט.

דערשרעקט זיך דאָס מיידעלע, שפּרינגט און אַנטלויפט,
דאָס מיידעלע נעמט אירע שפּילכלעך צענויף:
„ווײַן ניט מיין מאַמעלע, זעסט דאָך אַליין
ווי ס׳וועקט זיך מיין קינד פון דיין הויכן געוויין".

באַמיט זיך די מאַמע, באַהערשט זיך קוים־קוים.
איר דאַכט זיך: ס׳בליט דאָ אין קעלער אַ בוים.
נאָר פּלוצים ס׳ברעכט זיך אַ צווייג גאָר פון ווינט:
מ׳האָט איר עלטערן זון... ניטאָ מער קיין רינד..

צעשלוקעכצט זיך די מאַמע אויפס׳ניי הויך און וויינט.
באַרואיקט איר טעכטערל, גלעט איר די הענט:
„נו ווײַן־זשע ניט מאַמעלע, קומען וועט באַלד
לאה׳לע מיט יאַגאָדעס פול פונם וואַלד".

וואָס ציטערט אַזוי ביי דער מאַמען די האַנט?
ס׳ווייסט ניט דאָס קינד: איר שוועסטער צו שאַנד
איז פאַרגוואַלדיקט, פאַרמשפּט, אַזוי ביזן טויט.
„מיין קינד וועט ניט וויסן פון הונגער און נויט".

„א־יאָ, מאַמע? ניין?" נאָר מאַמע, זי וויינט,
ביז דערהערט אויף דער גאַס האָט דער נאַצי,
אַ קלאַפּ פון דער הויך און צעבראָכן די טיר.
„הונדע הערראאוס; איך צעהלע ביז פיר..."

פאַרבלענדט פון ליכט זיך מאַמע ניט כאַפּט,
ליאַלקע זיך טוליעט, הערט ס׳הערצעלע קלאַפּט.
„איינס צוויי, אונד דריי פיר... „און ס׳הערט זיך אַ קנאַל.
ס׳פאַלט מאַמע אַוועק אויף דר׳ערד ווי אַ באַל.

לויפט מיידעלע נאָך מיט דער ליאַלקע אין שויס,
ביז ס׳לויפט צו אַ זעלנער און כאַפּט איר אַרויס..
שליידערט מיט כוח, אַז דאַכט זיך, אָט אויס,
די ליאַלקע צעבראָכן, די ליאַלקע גייט אויס..

מיידעלע קלערט ניט, וווּ־מורא? וואָס שרעק?
לויפט נאָך דער ליאַלקע און כאַפּט איר אַוועק.
צעבראָכן אַ הענטל, אַ פיסל אַרויף,
דאָס מיידעלע גלעט זי, קושט אָן אַ סוף.

פּלוצים, ווער שטייט דאָ? אין שוואַרצן אַ פרוי
גייט כלומרשט פאַרביי, קוקט־צו אַזוי.
אַ מיידעלע שיין־חנ׳ווודיק, אסתר המלכה.
שטייט, דרוקט צום הערצל איר קינדעלע־ליאַלקע:

„ווייַן ניט מייַן טעכטערל, קום שנעל אַהער״.
אין איר טיף־ווייסער הויב פינקלט אַ טרער.
„ווייַן ניט, דו זעסט דאָך, דייַן ליאַלקעלע לעבט,
איך זע אויך גאָטס חסד אויף דיר, ווי עס שוועבט״.

און שנעל און געשווינד אין איר שויס כאַפּט דאָס קינד..
אָ גאָט אינס הימל, די זעלנער מאַך בלינד.
„דייַן ליאַלקע, אויך דו, וועסט לאַנג לעבן, כ׳טו שווערן.
ס׳זאָל נאָר קיינער זען, ס׳זאָל קיינער ניט הערן״.

אין מאָנאַסטיר ערגעץ־ווו זיך באַהאַלטן
קינד און איר ליאַלקע, ביז ס׳ט׳הימל זיך שפּאַלטן.
ביז ס׳ט׳גאָטס צאָרן אויף פייַנד זיך אויסגיסן,
דערבאַרעמען ציון, ישראל באַשיצן.

אמן ואמן, זאָל גאָט אַזוי געבן,
דער שונא זאָל פאַלן, ישראל זאָל לעבן.
מיר זאָלן אַלע צוזאַמען, גיין האַנט־ביי־האַנט,
קיין ארץ־ישראל־אונדזער אייגן לאַנד.

עמנואל רינגעלבלום / דער ריפינער רב אין ווארשעווער געטא

פון בוך „נאָטיצן פון וואַרשעווער געטאָ״

דער ריפּינער רב הרב נוטקיעוויטש, אַ מענטש פון אַ קרישטאָל רייִנעם כאַראַקטער, טאָלע־ראַנט צו איבערצייגונגען פון אַנדערע, האָט הרב נוטקיעוויטש געווינען בשעת דער מלחמה די סימ־פּאַטיע פון די גרויסע מאַסן פּליטים, פאַר וועלכע ער איז געווען זייער טעטיק אין וואַרשע אַלס דעלעגאַט פון דער ריפּינער לאַנדסמאַנשאַפט און מיטגליד פון דער פּליטים־צענטראַלע (צ. ק. או. — צענטראַלנאַ קאָמיסיאַ אוכאָדזצוּוו). דער דאָזיקער באַשיידענער און פייַנער טוער האָט צונויפגעזאַמלט גרעסערע געלט־סומעס לטובת דער יידישער הילפס־אָרגאַניזאַציע. ער האָט געפירט אַ לעבן פון נויט און דחקות, ווידמענדיק זייַנע כוחות לטובת הכלל. אין דער צייט פון איבער־זידלונג איז ער געכאַפּט געוואָרן אויפן אומשלאַג־פּלאַץ. וויסנדיק גאַנץ גוט, וואָס עס דערוואַרט אים אין טרעבלינקע, האָט ער זיך אַנטקעגנגעשטעלט די רוצ־חים, וואָס האָבן אים געשטופּט אין וואַגאָן. ער איז דערשאָסן געוואָרן. עס איז אָבער נישט באַוווּסט ווו עס איז אַהינגעקומען זייַן געביין.

ער האָט געפונען זייַן רו אין איינעם פון די מאַסן־קברים, וואָס זענען אַנטשטאַנען אין די צענד־ליקער אין משך פון דער לעצטער צייט. ער איז אַרויס־געשפּרונגען פון וואַגאָן, אין וועלכן מ׳האָט אים אַרייַנ־געשטופּט. אַ קאָנוואָירנדער אוקראַינער האָט אויף אים אַ געשריי געטאָן, ער זאָל אַרייַן אין וואַגאָן, אויב נישט וועט ער אים שיסן. די תשובה פון הרב נוטקיע־וויטש איז געווען אַ פעסטע:

„שיס! איך וועל נישט אַרייַנגיין!״

דער אוקראַינער האָט אים דערשאָסן.

מרים בת צבי בנימין סטאַשעווסקי / דאס הייליקע אש

אַ שוידער נעמט מיך אַרום ווען איך טראַכט וועגן דעם אַלעם, וואָס מיר האָבן איבערלעבט. קיינער איז נישט פאַרבליבן. אַלעמען האָט דער היטלעריסטישער מערדער פאַרטיליקט.

בענקשאַפט נעמט מיך אַרום צום אַמאָל, צו די יידישע מענטשן אין ריפּין. עס ווילט זיך פאַראייביקן יעדע שטים און יעדן ניואַנס פון זייער לעבן. איך וואָלט פאַראייביקט דעם קרעכץ פון אַ קראַנקן, דאָס געוויין פון אומגליקלעכע און געלאָזט אָפּהילכן איבער דער וועלט דעם יאמער פון די געפירטע צום טויט איבער אַלע פוילישע שטעט און שטעטלעך. איך וואָלט געשריבן די עפּאָפּעע פון אַן אומשולדיק פאַרברענט פאָלק, פון פאָרכטיקן רויך פון קרעמאַטאָריע־קוימענס און פון ברייט־צעשפּרייטן הייליקן אַש.

אין שטילע און איינזאַמע רגעס זע איך פאַר די אויגן די פלעמלעך פון אונזערע שטובן, האַרציקע יידישע שטובן מיט רואיקע יידן אויף רואיקע גאַסן. אַוועק און נישטאָ מער. אַלץ חרוב, פאַרשניטן. קיין זכר, קיין קבר, קיין גרוב.

איר לעבט אין מיין האַרץ און דער אָנדענק וועגן אייך גיט אַ זין מיין לעבן. איך וועל נישט אויפהערן איבערצוחזרן: זעקס מיליאָן יידן זענען אומגעקומען מיט די שוידערלעכסטע טויטן און די וועלט האָט געשוויגן!

דער געדאַנק שטעלט זיך אָפּ אויף אַנדערע פינצטערע מאָמענטן אין דער געשיכטע פון יידן און פון דער מענטשהייט. אַזאַ איז געווען די שפּאַנישע אינקוויזיציע, ווען די יעזואיטן האָבן פון זיך אַראָפּגעשינדן דעם צלם אלוהים און זיך אַנטמענטשט, געמאָרדעט און געברענט. אויך דעמאָלט איז די וועלט געווען פאַרלוירן, פאַרדרייט און פאַרשטיינט. זי האָט נישט געזעען, זי האָט נישט פאַרנומען. פּונקט ווי אונזערע אור־עלטערן, וואָס זענען געגאַנגען צום פייער אויף קידוש־השם, האָבן אונדזערע טאַטעס, מאַמעס און אַלע נאָענטסטע אין די פינצטערנישן פון די געטאָס געגלויבט אין זייערע ערלעכע טיפענישן, אַז די זון וועט נאָך ווידער אויפשיינען פאַרן שווער־געפּרוווטן יידישן פאָלק און עס וועט קומען די פולע אויסלייזונג. עס וועט זיגן דער אמת, די גערעכטיקייט און די שיינקייט פון אונזערע גוטע און טייערע עלטערן.

מרים סטאַשעווסקי / מיר וועלן עס קיינמאל נישט פארגעסן

ניו־יאָרק

אַסך יאָרן זענען שוין פאַרביי זינט דעם מוראדיקן חורבן און מיר האָבן נאָך אַלץ נישט אַרויסגעוויינט אונזער בראָך, אונזער ביטערניש. די יסורים האָבן טיף דורכגעבויערט אונזער האַרץ און די צייט וועט קיינמאָל די ווונדן נישט פאַרהיילן. אין אַלעם, וואָס מיר טראַכטן און שרייבן, וועט בלייבן די שטומקייט פון די גריבער, דאָס כליפּעניש פון געפייניקטע עופהלעך און דאָס כאָרכלעניש פון די לעבעדיק־באַגראָבענע.

קיינמאָל וועלן מיר עס נישט פאַרגעסן און, ווי פלאַמען, וואָס ווערן אויפגעבלאָזן פון פאַרשטיקטע קוילן, וועלן מיר יעדעס מאָל אויפסניי שרייען און וועקן, אויפבלאָזן פאַר דורי־דורות די גרוילן פון דער היטלעריסטישער חיה איבער אונזער שטאָם.

א. טשארקא / דער גערעכטער אורטייל

אויסצוגן פון אַ פּראָצעס, וואָס איז פאָרגעקומען אין ריפּין, אין נאָכמלחמהדיקן פּוילן איבער אַ מערדער פון ריפּינער יידן

ריפּין 13/2/46

צו דער שטראָף־פּראָקוראַטור אין לאָדזש.

די זיכערהייטס־מאַכט אין ריפּין שיקט איבער די ספּראַווע פון מערדער וואַסילי אַלעקסעיעוו צו ווייטער־דיקער אויספאָרשונג.

מיר ווענדן זיך מיט אַ ביטע, אַז די ספּראַווע פון וואַסיל אַלעקסעיעוו זאָל באַהאַנדלט ווערן אין ריפּין, ווייל בעת דער דייטשער אָקופּאַציע איז ער געווען דער מערדער אין דער געגנט פון ריפּין. ער האָט אָנטייל גענומען אין אויסמאָרדן אַכציק לערערס, עטלעכע צענדליק גלחים און אַ סך יידן, וועלכע ער אַליין האָט דערמאָרדעט און באַגראָבן. אין צוואַנציק מערדערייען האָט ער זיך אַליין מודה געווען. אַ יאָר צייט איז ער געווען געזוכט דורך דער זיכערהייטס־אָפּטיילונג פון ריפּין.

די גאַנצע באַפעלקערונג פארלאַנגט אַז דער אורטייל זאָל אויסגעפירט ווערן אין ריפּין.

דער געזונט־צושטאַנד פון מערדער וואַסילי אַלעקסעיעוו פאָדערט אויסצופירן זאָפאָרט דעם אורטייל.

פאָרשטייער פון דער זיכערהייטס־מאַכט
אין ריפּין

עלטסטער אָפיציר פון זיכערהייטס־מאַכט
אין ריפּין

יאַן קוש

לעאָן גאָלדרייך

(עלטסטער אָפיציר פון דער זיכערהייטס־אָפּטיילונג אין ריפּין לעאָן גאָלדרייך פאַרהערט דעם דעם עדות הענאָך קאַלמאַ)

פראַגע: **— וואָס קאָן דער עדות זאָגן וועגן וואַסיל אַלעקסעיעוון?**

ענטפער: **— דעם 6־טן אָקטאָבער 1939 איז וואַסיל אַלעקסעיעוו מיט נאָך אַ דייטש געקומען צו אונז אין שטוב און אַרעסטירט מיין פאָטער. זיי האָבן אים אָפּגעפירט אויף דער וואַרשאַווסקע גאַס אין ריפּין, אין הויז וווּ ס'האָט זיך געפונען די קוזשניע. אין צוויי וואָכן אַרום האָט מען מיין פאָטער מיט נאָך זיבן מענער אַוועקגעפירט אין ראַזינאָווסקער וואַלד אַריין. איך הענעך קאַלמאַ, דער זון פון מיין פאָטער ישראל קאַלמאַ, האָב נאָכגעקוקט דעם וואָגן, וואָס איז אַרויסגעפאָרן פון דער קוזשניע אין ראַזינאָווסקער וואַלד אַריין, און איך האָב געזען ווי אַלע מענער זענען געלעגן גע־בונדן, איבערגעדרייט. און וואַסילי אַלעקסעיעוו האָט געהאַקט און געשלאָגן מיט דער קאָלבע, די וועלכע האָבן אויפגעהויבן די קעפּ.**

דערנאָך האָב איך זיך באַהאַלטן אין וואַלד, און געזען ווי די מענטשן האָבן זיך אויסגעגראָבן גריבער. וואַסילי אַלעקסעיעוו האָט געשאָסן אין די מענטשן, און די וועלכע האָבן נאָך אַ ביסל געלעבט — האָט ער צוגעקלאַפּט מיט דער קאָלבע און לעבעדיקערהייט פאַרשאָטן. ווען איך האָב דערנאָך אויפגעגראָבן דעם גרוב האָב איך געפונען פינף מענטשן ווי קלעניץ, בערענהאָלץ, קאַשינסקי, וואַלענעץ און מיין פאָטער קאַלמאַ. אַלע זענען געווען באַגראָבן אין אַ קניענדיקער פּאָזע.

אויסגעהערט: עלט. אָפ. ל. גאָלדרייך

עדות: הענאָך קאַלמאַ.

פאַרהער פונעם מערדער וואַסילי אַלעקסעיעוו

ריפּין 7.46

וואַסילי אַלעקסעיעוו איז געווען אַ דייטש. ווען די דייטשן האָבן פאַרנומען פּוילן — דערציילט ער — בין איך אַריינגעטראָטן אין „זעלבשוץ" און כ'בין

געגאַנגען פרייוויליק און מיט באַפולמעכטיקונג אַרעסטירן פּאַליאַקן. זייענדיק אַ מיטגליד פון דער „זעלבשוץ״ האָב איך גענומען אַן אַקטיוון אַנטייל אין אויסראָטן די פּוילישע באַפעלקערונג ביזן אַריינמאַרש פון דער רויטער אַרמיי.

אויף די פראַגן פון עלט. אָפיציר פון דער זיכערהייטסמאַכט, אויספאָרשער ל. גאָלדרייך, ענטפערט דער באַשולדיקטער פאָלגענדעס:

זייענדיק אַ מיטגליד פון דער „זעלבסטשוץ״, האָב איך אַליין אַרעסטירט פּאָליאַקן און יידן און זיי דערהרגעט אין די קאַמערן, אין הויז אויף וואַרשאַווסקאַ גאַס. די מאָרדן האָב איך אויסגעפירט אויף אַזאַ מין אופן:

אין קעלער ביים אריינגיין, איז געהאָנגען אַ שטיין אין דער וואָג פון 10 קילאָ. דעם אַרעסטירטן, וואָס איז געווען פאַרמשפּט אויף טויט, פלעגט מען אַרויסלאָזן פון קעלער, און ביים פאַרמאַכן די טיר פלעגט דער שטיין אַראָפּפאַלן אויפן קאָפּ און פאַרטויבן אינגאַנצן דעם מענטש. דערנאָך האָט מען אים אַריינגעשטויסן אין אַ העלצערנע שטייג און דאָרט דערשאָסן. ווען עס האָט זיך אָנגעזאַמלט אַ סך בלוט, האָט מען עס פאַרשיט מיט זאַמד.

אין יאָר 1939 האָב איך דערהרגעט צוואַנציק מענטשן. די דערהרגעטע מענטשן פלעג איך אַרויפלייגן אויף אַ וואָגן, אַוועקפירן אויפן ספּאָרט־פּלאַץ און באַגראָבן.

דערנאָך פלעג איך אַרויספירן פון די קאַמערן לעבעדיקע מענטשן, פירן זיי אין רושינאַוואָער וואַלד, געהייסן זיך אויסגראָבן אַליין גריבער, דערנאָך פלעג איך זיי דערשיסן — און צו פיר מענטשן באַגראָבן.

אין וואַלד האָב איך דערהרגעט צוואַנציק מענטשן, צווישן זיי געדענק איך דריי יידן: קליין, קלענעץ, און קאַלמאַ.

אַ סך יידן האָב איך דערמאָרדעט אויך אין הויף פון געסטאַפּאָ. איינעם האָב איך געקענט פּערזענלעך, דעם ייד גאָלדרייך. דערנאָך צוזאַמען אַוועקגעפירט אין אַקאַלעוווסקיס וואַלד און באַגראָבן. דעם צווייטן טראַנספּאָרט דערמאָרדעטע אַוועקגעפירט אויפן יידישן בית־עולם.

אין נאָוועמבער 1939 זענען אין די קעלערס דערמאָרדעט געוואָרן אַכציק פּוילישע לערערס. באַגראָבן האָט מען זיי אין די אַקאַלעווסקי וועלדער. אויך זענען דערמאָרדעט געוואָרן אַלע גלחים פון ריפּין. אַלע זיי, די גלחים און לערערס, זענען געוואָרן דערמאָרדעט אין 1939.

לויט ווי מיינע חברים האָבן דערציילט, פלעגט מען זיי אַלע אויסטאָן נאַקעט, די קליידער אַוועקלייגן אין דער זייט, אַריינוואַרפן אין אַ קליינער בודקע, אַ הילצערנע, און דאָרט מיט ביקסן שיסן זיי אין קאָפּ. נאָכן פאַרענדיקן די מערדערייען איז שוין פאַר מיר מער אַזאַ אַרבעט נישט געווען. האָט מיך די געסטאַפּאָ באַפרייט, און איך בין געוואָרן אַ באַאַמטער אין „אַרבעטס־אַמט״, אַלס אויפזעער ביי יונגע קינדער וועלכע האָבן געאַרבעט ביים גראָבן גריבער. אויך האָב איך פיל קינדער דערמאָרדעט דערפאַר וויל זיי האָבן מיך נישט געוואָלט פאָלגן.

אין יאָר 1944, ווען די דייטשן האָבן אָנגעהויבן אַנטלויפן פון ריפּין, בין איך אויך אַוועק אויף דער דייטשער טעריטאָריע ווו ס׳האָט מיך דערנאָך געזוכט דער פּוילישער זיכערהייטס־אַמט אין ריפּין, און דעם 31־טן יאַנואַר 1946 האָט מען מיך אַרעסטירט.

פראַגע: — צי איז זיך דער באַשולדיקטער מודה אין אַלע מערדערייען?

ענטפער: — אין די אַלע פאַרוואורפן בין איך זיך מודה. נאָר געהרגעט אַליין האָב איך נאָר צוואַנציק מענטשן. צו די איבעריקע האָב איך נאָר צוגעהאָלפן.

דאָס געריכט האָט פאַרמשפּט דעם מערדער וואַסילי אַלעקסעיעוו אויף טויט דורך הענגען.

ער האָט געהאַט דאָס גליק, וואָס ער איז געשטאָרבן אין תפיסה־קאַמער פון זיין קראַנקהייט.

מפעולות הארגון יוצאי ריפין בישראל (ועד לעזרת ניצולי ריפין)
די טעטיקייט פונעם פאַרבאַנד פון ריפּינער לאַנדסלייט אין ישראל

